STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05875

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

XII

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# קלאַסנקאַמף

(דערציילונגען)

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu — „Kłasnkamf“

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאלט


| | |
|---|---|
| ביים קאמיסאר | 7 |
| ברוכהארג | 21 |
| מחיק | 26 |
| קלאסן | 32 |
| לערער | 41 |
| קלאסנקאמף | 47 |
| דער שליסל | 53 |
| זינד | 68 |
| דער ארון-קודש | 74 |
| ביים „איסט ריווער" | 81 |
| אן אמעריקאנער | 86 |
| א דעמאנסטראציע | 94 |
| א חתונה אויפן בית-עולם | 100 |
| טרויער | 106 |
| א ליציטאציע | 111 |
| רויטער פאדים | 117 |
| חופה-וקידושין | 122 |
| אין קעמפ | 129 |
| חברה „הארעוואניע" | 135 |
| אין דער יוניאן | 141 |
| א קריזיס | 148 |
| דער פרייזקוראנט | 153 |

| | |
|---|---|
| אימשעלע | 158 |
| נעגערם | 164 |
| אָנשטענדיקע מענטשן | 170 |
| א שטרייק | 176 |
| װעכטער | 183 |
| סאָציאַלע אומרעכט אָדער ליבע? | 189 |
| אין געריכט | 194 |
| צען דאָלער | 199 |
| רבניש בלוט | 204 |
| מתנות | 210 |
| א פּאָקער | 217 |
| דער ציינגפינגער | 223 |
| א באַגעגעניש | 229 |
| אין א רעגנדיקער נאַכט | 235 |
| געדעכטיקייט | 242 |
| דער צװייטער מאַי | 248 |
| א סקעב | 254 |
| ביזנעס | 259 |
| א שמאַרקער | 264 |
| פייגעלע | 269 |
| מלמדים | 274 |
| געלעבערטע הויזן | 280 |
| חברים | 285 |

# ביים קאָמיסאַר

דורך די צוויי אָפֿענע פֿענצטער, גרויס ווי באַלקאָן־טירן, האָט די זון פֿון באַגינען אָן געהאַלטן זיך אין איין פּאַקן. אויף די ווענט, אויפֿן דיל, אויפֿן סופֿיט — אומעטום זענען געווען אָנגעוואָרפֿן שטיקער ליכט, בולטער געמאַכט דאָ אַ פֿלעק, דאָרט אַ לאַטע, זיך געשפּיגלט אין דער באַגילדטער רעם, ווו לענין איז געזעסן, זיך געשפּילט מיט די געשליפֿענע טינטערס, וואָס זענען געווען צעשטעלט אויף די שרייבטישן, און דער זוניקער חלל דאָט אויפֿגעטיקט מיט ווייס־בלוי־רויט.

ביי אַ בייכיקן שרייבטיש איז געזעסן יאַשע מאַקאָוו, דער בילדונג־קאָמיסאַר איבער גאַנץ אוקראַינע. אַ הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, מיט געדיכטע פּאַסמעס האָר איבער די אויגן, איבערן שטערן, שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך פֿאַרקניפּט אויף דער גאָמבע אין אַ צעפּאַטלטן טשוב. זיין גאַנץ געשטעל האָט געאָטעמט מיט טיפֿער שטילקייט, מיט באַהאַלטענער גבורה.

דאָס גרויסע וואַרטצימער, וואָס איז ביין אינדערפֿרי שוין פֿול געווען מיט דעלעגאַציעס, איז איצט מיטאָג־צייט כמעט געוואָרן ליידיק, געבליבן זענען צוויי באַרג־יידן אין שוואַרצע, שמוישענע פּאַפּאַכעס.

אין די צעפּראַלטע פֿענצטער האָט פֿון מאָל צו מאָל זיך אַ ווינטל געטון דער דרויסן, געהאַלטן אין אויסלופֿטערן דעם שווערן ריח פֿון דזשעגעכץ, פֿערד און טאַבעק. שטיקלעך ליכט האָבן זיך צעליינט אויף די בערגלעך אַש, שניצלעך פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך, וואָס די גרוזינער, אַרמענער, טאָטערן, באַרג־יידן און ציגיינער האָבן איבערגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע.

מאַקאָוו האָט אין דריי שעה אויפגענומען אַלץ פּעלקער, באַשטימט צום נייעם יאָר געלט פאַר קינדער־שולן. ער האָט אַ נעם געטון די „סמעטע״, וואָס דער ציגיינער־ישוב האָט אים צוגעשטעלט, און זיינע שוואַרצע אויגן, טרוקן, ווי פייער, האָבן אויפגעלויכטן, זיך איבערגענומען, וואָס די ראַטנמאַכט עפנט די ערשטע ציגיינער־שול אויף גאָר דער וועלט.

ער האָט פאַרצויגן דעם גרויסן שטערן, געקייט ס׳בערדל און זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער ציגיינער־דעלעגאַציע — די בירגער פון אַלע פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט קיין שפּאַן אייגענע ערד, דער צונאָמען פון אַלע פאַרטריבענע, נישט־מזלדיקע פעלקער, שבטים און מענטשן, פאַר זיי, וואָס האָבן דווקא פון שטענדיק אָן אַראָפּגעלייענט ס׳מזל פון יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט, אַרויסגעלייענט דעם גורל פון יעדער געוואָרפענער קאָרט — פאַר די ציגיינער האָט די ראַטנמאַכט אויסגעאַרבעט אַן אַלף־בית, געעפנט די ערשטע שול.

מאַקאָווס סעקרעטאַר, אַ יונג־אויסגעצוואָגן בחורל, אָנגעטון אין ווייסן, האָט אַריינגעבראַכט אַ בריוו און אין די צוויי איילן, ווו דאָס בחורל איז געבליבן שטיין, איז קילער געוואָרן.

— איסאַק דאַווידאָוויטש, איר וועט איצט אויפנעמען די באַרג־יידן, צי נאָך מיטאָג? — האָט דער סעקרעטאַר צונויפגענומען די פּאַפּירן פון שרייבטיש.

— איצט, איצט, — האָט יאַשאַ זיך אַ הויב געטון פון דער שטול, ווו ער איז געזעסן פון דער פרי אָן, און זיינע ווייסע, לייוונטענע הויזן האָבן זיך אָפּגעריסן פון בענקל מיט אַ געוואַלד.

ער איז געבליבן שטיין אַ געבויגענער איבערן שרייבטיש, גענישטערט אַרום זיך מיט די שפּיץ־פינגער, מיט די אויגן, ווי ער וואָלט נאָך־וואָס עפּעס פאַרלוירן, און זיך איינגעקוקט אין בריוו. אין דער האַנטשריפט האָט יאַשאַ דערקענט, אַז דער בריוו איז פון זיין פאָטער, פון שפּאָלע. ער האָט אַרויסגענומען פון קאָנווערט אַ באַשריבן בייגעלע פּאַפּיר, געקוקט אויף די דראָבנע אותיות און איבערגעלייענט דעם טיטול:

„לכבוד בני, העוסק בצרכי ציבור באמונה, מו״ה יצחק נ״י״.

די רויטע ליפּן ביי יאַשען האָבן זיך אָן עפּן געטאָן און פון מויל צײַן, פון די אויגן האָט געשפּריצט אַ געלעכטער. ער האָט נאָכ־אַמאָל איבערגעלייענט דעם טיטול און דערפילט אַ שטילע פרייד, וואָס דער פאָטער האַלט פון אים, גלויבט, אַז יאַשע, דער זון זײַנער, דער קאָמוניסט, איז „עוסק בצרכי ציבור באמונה”.

ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו אָן אַ זייט.

אין דער טיר זענען געשטאַנען צוויי באַרג־יידן. די געוויקסיקע יידן אין זייערע גאָרנדיקע פּאַפּאַכעס, אין דעם כלי־זיין, וואָס האָט געשטעקט אין די גאַרטלען, געהאָנגען פוןביידע זייטן בוזעם, האָבן אויסגעזען ווי גזלנים. דער העכערער האָט אַ גלעט געטון זיין פיר־עקיקע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט געהאָנגען איבער דער באַוואָפנטער ברוסט, ווי אַ פּאַנצער, זיך אַ שאַר געטון צו יאַשען, אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און מיט אַ קאָפּ, גאָל ווי אַ שאַרבן, זיך פאַרנייגט:

— חבר קאָמיסאַר, מיר זענען באַרג־יידן... פון אַרום דערבענט... איך בין רחביה־בן־יוסף און דער, — האָט ער געוויזן אויפן נידעריקערן, וואָס איז געשטאַנען אָן דער פּאַפּאַכע און די האָר האָבן זיך ביי אים געקרייזלט, ווי די וואָל ביי אַ שוואַרצן שעפּס, — דער איז מיין שכן אַדונירם בן שלמה...

— וואָס מאַכט איר, חברים? — האָט יאַשע ברידערלעך געדרוקט איינעם די האַנט, דעם צווייטן, זיי אַוועקגעזעצט אויף שטולן, מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן — ווי לאַנג זענט איר שוין אונטערוועגנס, חברים?

— מאָרגן וועט ווערן צוויי וואָכן, ווי מיר זענען אַרויס פון דער היים. — האָט רחביה־בן־יוסף אַ ציי געטון דעם פּאַפּיראָס און דער רויך פון מויל, פון דער דאַרער, לאַנגער נאָז האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן דער באָרד, זיך געדרייט און געפּלאָנטערט צווישן די האָר.

— נו, — האָט יאַשע זיך נענטער אַ רוק געטון צו די צוויי באַרג־יידן, געוואָלט זיי זאָלן זיך דערפילן היימיש, — איר, דאַכט זיך, חבר רחביה, זענט דער פאָרזיצער פון „קאָמכאָז”? נו, חברים, ווי אַרבעט זיך? און וואָס הערט זיך אויף די פעלדער?

— געלויבט צו גאָט, חבר קאָמיסאַר, — האָט רחביה־בן־יוסף

געשטאַמלט אויף זיין רוסיש — נישט צו פאַרזינדיקן, ס׳וועט זיין אַ גערעטעניש, ס׳וועט זיין.

— כאַטש גוט, וואָס ביי אייך איז אַ גערעטעניש, — האָט יאַשע געקוקט אויף די צוויי אָפּגעבררענטע פנימער, געזוכט צווישן זיך און זיי אַן ענלעכקייט, — אין כערסאָן איז אַלץ פאַרברענט געוואָרן אויף די פעלדער.

— און אין קרים אויך. — האָט רחביה-בן-יוסף צוגעגעבן.—אַפילו דער ווייַן איז פאַרברענט געוואָרן ביז צו די וואָרצלען.

— ווייל דער מענטש האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין גאָט.— האָט דער שטילער אַדונירם-בן-שלמה אַרויסגעברומט און די פּאַפּאַכע איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און האָט זיך אַוועקגעקייקלט.

ביידע באַרג-יידן האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך דער פּאַפּאַכע, זיך איבערגעקוקט, ווי עס וואָלט געווען אַ שלעכטער סימן. יאַשע האָט געשמייכלט, קיין חשק נישט געהאַט אַריינצולאָזן זיך מיט די צוויי פּאַרשוין אין אַ שמועס וועגן רעליגיע און סתּם אַ פרעג געטון:

— ווי אַלט איז אייער ישוב, חברים?

— ווער קען עס וויסן, חבר קאָמיסאַר? — האָט רחביה-בן-יוסף אַ הויב געטון די ברייטע פּלייצעס — מיין זיידע, מיין מאַמע ליגן אויפן נייעם בית-עולם און מיר האָבן אַן אַלטן אויך.

— אַנדערע ווילן האָבן, — האָט אַדונירם-בן-שלמה צוגעגעבן, — אַז מיר וווינען שוין דאָ פון נאָכן חורבן בית-שני.

— און צווישן זיך ווי רעדט איר: העברעיש, צי טאַטיש?

— טאַטיש, — האָט רחביה-בן-יוסף זיך אַ וויש געטון די באָרד און צענומען די הענט, — וועגן דעם טאַקע, חבר קאָמיסאַר, זענען מיר אַהערגעקומען. אַז מיר זענען שוין יאָ פּטור געוואָרן פון צאַר און די סאָוויעטישע מאַכט זאָרגט פאַר אונז, עפּנט[illegible]שקאָלעס, גיט פאַר אונז אַרויס אַ צייטונג, זענען מיר געקומען אייך בעטן, חבר קאָמיסאַר, אין נאָמען פון אונזער ישוב, די סאָוויעטישע מאַכט זאָל אונז באַווייליקן פון אייערע יידן אַ שוחט, וואָס זאָל אויך זיין אַ מוהל... וואָס זאָל קענען לערנען מיט אונזערע קינדער יידישקייט...

— די ראַטנמאַכט גיט זיך נישט אָפּ מיט רעליגיע,—איז יאַשע

נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ בקשה און אויפן אָרט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— דאָס ווייס איך, — האָט רחביה־בן־יוסף געועדט זיינס. — ל׳טענה אָבער, וואָס פּאַרע סאָוויעטישע מענטשן קענען אונזערע קינדער אַרויסוואַקסן אָן רעליגיע? בין איך גערעכט, חבר קאָמיסאַר?

— איך זענט נישט גערעכט, חבר, — האָט יאַשע זיך צעלאַכט, — אָט בין איך נישט קיין רעליגיעזער ייד און איך האַלט זיך פאַר אַ גוטן קאָמוניסט.

— איר זענט אַ ייד? — האָבן ביידע באַרג־יידן ברייטער געעפנט די אויגן.

— אַ ייד, חברים, אַ ייד.

— דאַרפט איר דאָך אַוודאי פאַרשטיין, — האָט רחביה זיך אַ שטעל געטון, די דאַרע נאָז איז לענגער געוואָרן און די אויגן האָבן געפינקלט ווי ביי אַ גזלן, — וואָס פאַר אַ פּנים אַ יידישער ישוב האָט אָן אַ שוחט, אָן אַ מוהל? איר האָט געוואָלט ביי אונז אין דאָרף זאָל זיין אַ ראַט, אַ קאָאָפּעראַטיוו, מען זאָל מאַכן דעם „מי שברך" לעניגען, נישט דעם צאַר — קיינער האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ס׳איז אַ מלוכה־זאַך, — האָט רחביה זיך אַזוי געקאָכט, אַז ער האָט גערעדט מער טאַטיש, ווי רוסיש, — אָבער, חבר קאָמיסאַר, אָן אַ שוחט קענען מיר באַרג־יידן נישט לעבן. היינט אין סאַמע ברען, ווען אַ פויער דאַרף זיין אין פעלד, זענען מיר אַהערגעקומען... אָן אַ שוחט רירן מיר זיך נישט פון אָרט... די סאָוויעטישע מאַכט וועט אונז נישט קריוודען...

— ווי לאַנג בלייבט איר דאָ, חברים? — האָט יאַשע איבערגעריסן רחביהן און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ביז די סאָוויעטישע מאַכט וועט מיט אונז מיטשיקן אַ שוחט.

— האָט רחביה־בן־יוסף אַ קלימפּער געטון זיין כּלי־זיין.

— מיר וועלן זען, — האָט יאַשע אַ קלאַפּ געטון רחביהן איבער די פּלייצעס, אים געוואָלט באַרויקן, — און ווו האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?

— מיר האָבן דאָ אונזעריקע, באַרג־יידן, שטייען מיר ביי זיי.

— איז מאָרגן זעען מיר זיך. — האָט יאַשע זיי אַרויסבאַגלייט.

— בלי נדר, בלי נדר. — האָט רחביה־בן־יוסף געזאָגט אין העברעיש

און די פרייד איז בײ אים געלעגן אין דער באָרד, אין די אויגן: אפילו אין דער פּאַפּאַכע, וואָס איז געזעסן וווילעריש אויפן רעכטן אויער.

ערשט איצט, ווען יאַשע האָט פאַרמאַכט נאָך די באַרג-יידן די טיר, האָט ער זיך איבערגעצויגן, געפילט ווי זיינע פעסט-צונויפגעקלאַפּטע גלידער לאָזן נאָך, קנאַקן. ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט ביז טרערן און אַן עפּן געטון די טיר פון וואַרטזאַל.

---

אין וואַרטצימער איז געזעסן יאַשעס פאָטער, דוד מאַקאָוו, אַ האָריקער ייד מיט אַ שפּאָרער בראָדעווקע אויף דער לינקער באַק. ער האָט געוואָלט עפּעס תּופס זיין, פאַרקוועטשט בשעת מעשה איין אויג, געקוקט מיטן צווייטן אויף „איליטשן", וואָס איז געהאָנגען אין אַ באַגילדטער רעם, און דער קאָפּ האָט זיך ביים אַלטן מאַקאָוו לייכט צעוויגט:

— איי, אַ ווירטשאַפט! איי, אַ ווירטשאַפט!

מאַקאָווס פינגער פון דער לינקער האַנט האָבן געבלאָנדזשעט אין דער געדיכטער באָרד, געהאָלפן זיך אַליין עפּעס דערגרונטעווען, דערגיין, ווי נאָך האָט אָט דער גוי, דער איליטש, געקענט אָנמאַכן אַזאַ איבערקערעניש. די פינגער זענען מיטאַמאָל געבליבן שטעקן אויף דער בראָדעווקע, וואָס איז געלעגן צווישן די האָר, ווי אַן אינזעלע, און מאַקאָוו האָט זיך געכאַפּט, אַז צום סאַמען תּוך, צום פינטעלע, וועט ער זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגן, קיינמאָל זיך נישט דערגרונטעווען.

איינס איז אים נאָר קלאָר געווען, אַז דער „איליטש" האָט ביי אים, ביי מאַקאָוון, אַלץ צוגענומען — די טעכטער, די זין, ס'פאַרמעגן. צוויי יונגע מיידלעך, פופצן און זיבעצן יאָר, זענען אַנטלאָפן פון שפּאָלער „קאַפּיטאַליסט" און דעם פאָטער אויף צעפלאַצעניש חתונה געהאַט מיט דאָרף-שקצים, באַלד חרטה געהאַט און מאַטערן זיך ערגעץ אין אַ העק. איין זון איז דערהרגעט געוואָרן אויפן פּוילישן פראָנט, און אָט איז יצחקל, דער בילדונג-קאָמיסאַר איבער גאַנץ אוקראַינע.

אין דער שטיל האָט דער פאָטער זיך מיט יאַשען איבערגענומען

— אַ קאָפּ-מענטש. און כאָטש דער פֿאָטער האָט נישט געהאַלטן פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, נישט געגלויבט, אַז זי זאָל לאַנג קענען עקזיסטירן, האָט ער פֿונדעסטוועגן בײַ יעדער געלעגנהייט, אַזוי כּלאַחר-יד, זיך געגרויסט פֿאַרן שפּאָלער עולם:

– מײַן יצחקל? דאָס פֿירט דאָך אָן מיט אַ שטיק מלוכה!

ער האָט אַפֿילו קיין גרויסע תּרעומות נישט געהאַט צום זון, ווען יאַשע האָט חתונה געהאַט מיט נאַטאַשען, זיך געטרייסט, וואָס די שנור איז נישט סתּם קיין גויע. זי איז אַ קרובה צו מלכות... איר פֿאָטער, שמועסט מען, איז געווען ניקאָלאַיס לייב-מענטש און מלכות איז עפּעס אַנדערש... ס'איז מלכות!

דוד מאַקאָוו האָט זיך געחידושט, וואָס יאַשע לאָזט אים אַזוי לאַנג וואַרטן, רופֿט אים נישט אַרײַן. ער איז געווען באַליידיקט אויפֿן זון, אָפּגעמאַכט ווײַטער צו זײַן מיט אים פֿונדערווײַטנס. נישט נאָר האָט דער פֿאָטער נישט געוואָלט עפּעס נהנה זײַן פֿונעם זון, ער האָט אַפֿילו קיין טובה בײַ אים אויך נישט געוואָלט בעטן. און ווען די שטאָט וואָלט נישט צוגעשטאַנען צו אים אין יעדער עת-צרה, וואָלט ער צו יאַשען אײַנגאַנצן נישט געפֿאָרן. אַז ס'פֿאַלט זיי אײַן, די פּושעי-ישׂראלים, די יעווסעקן, דווקא צוצונעמען דאָס אַלטע בית-מדרש פֿאַר אַ קלוב! איז אָנגעלאָפֿן צו אים אַ שטאָט מיט ייִדן:

— ר' דוד!

— מען טאָר נישט שווײַגן, ר' דוד!

— מען דאַרף זיך אָוועקשטעלן!

— אַז מ'וועט הײַנט לאָזן צונעמען ס'אַלטע בית-מדרש, וועלן זיי מאָרגן נעמען ס'בייע!

— זיי האָבן אַ צד אין דער משפּחה? ס'איז זייער מלוכה?

— מיר האָבן אַ גרעסערן!

— מי לנו גדול פּ.... יצחקלען?

— פֿאָרט אַריבער, ר' דוד!

— איר וועט פּועלן! איר וועט געוויס פּועלן!

דער פֿאָטער האָט געפּועלט — מען האָט ס'בית-מדרש נישט צוגענומען פֿאַר קיין קלוב. הײַנט איז ער געקומען צום זון וועגן אַ דבר-מצווה, געקומען בעטן אָן ערלויבעניש צו עפֿענען אין שפּאָלע אַ ישיבה.

יאַשע האָט דערזען דעם פאָטער און מיט איין שפרייז געשטאַנען לעבן אים:

— וואָס מאַכסטו, טאַטע?

זיי האָבן זיך צעקושט.

— ווען ביסטו געקומען? — האָט יאַשע אַריינגעפירט דעם פאָטער צו זיך אין צימער און אים אַריינגעזעצט אין זיין שטול — אָט האָב איך איצט געקראָגן דיין בריוו, נאָך קיין צייט נישט געהאַט איבערצולייענען.

— מיט דער איינס-אַזייגער-באַן. — האָט דער פאָטער אָנגעשפאַרט די הענט אָן די פאָרענטשעס פון שטול.

— ביסט אַוודאי הונגעריק?

— ניין, כ'האָב גראָד געגעסן. — האָט די בראָדעווקע ביים פאָטער אויף דער באַק מיטאַמאָל אַ שמייכל געטון, ווי זי וואָלט געהאַט צו זאָגן: — ווייסט דאָך, אַז כ'וועל ביי דיר נישט עסן.

„איליטש" האָט אַראָפגעקוקט פון דער וואַנט, באַגריסט מיט די קלוגע אויגן דוד מאַקאָוון:

— כ'בין דאָ אויך דאָ.

דער פאָטער האָט זיך דערפילט אומהיימלעך ביי דעם בייכיקן שרייבטיש, אַ נעם געטון פון צווישן די פאַפירן זיין אייגענעם בריוו, אים צעקנייטשט און זיך אָנגערופן:

— הייסט עס, יצחקל, „מכּאַרקאָוו תצא תורה"... פון דאַנען, פון דאַנען, — האָט דער פאָטער אַ צי געטון די הענט איבערן שרייבטיש, — דאָ ביי דעם טיש באַזאָרגט מען „תורה" פאַר גאַנץ אוקראַינע...

— יאָ, טאַטע, פון דאַנען, פון מאָסקווע, פון מינסק. — האָט יאַשע אַן אויפגערוימטער אַ כאַפּ געטון דעם ציגיינערישן אַלף-בית, אים אונטערגעטראָגן דעם פאָטער. — וואַלגערט זיך אַ ציגיינער-פאָלק טויזנטער יאָר איבער דער וועלט און ווען איז עס אָנגעגאַנגען וואָס ס'האָט צומאָל קיין אַלף-בית נישט?

— מיר יידן האָבן דאָך אָבער יאָ אַן אַלף-בית און אַן אַלטן אלף-בית, — האָט דער פאָטער אָנגעשטעלט אויפן זון ס'רעכטע אויג, — און מיט „תורה" זענען מיר יידן אויך שטיקלעך מחותנים...

— מיר זענען, טאַטע. — האָט יאַשע געשמייכלט, געוווסט וווהין דער פאָטער צילט.

— אויב אַזוי,—האָט דער פאָטער זיך אַ בויג געטון צום זון,— אויב איר פאַרשפרייט שוין „תורה“ אַפילו צווישן ציגיינער, טאָ ווי קומט עס טאַקע, וואָס איר רודפט אַזוי די יידישע תורה, האַ?

— קיינער רודפט נישט, טאַטע. — האָט יאַשע הנאה געהאַט פון פאָטערס יעדער תנועה.

— אויב מען רודפט טאַקע נישט, און דו, מיין זון, ביסט דער ממונה איבער „תורה“, טאָ גיב־זשע מיר אַן ערלויבעניש צו עפענען אין שפּאָלע אַ ישיבה!

— איבער ישיבות, טאַטע, בין איך נישט קיין ממונה. — האָט יאַשע זיך צעלאַכט. — דאָס געהערט צו דער יידישער סעקציע.

— צו די „יעווסעקן“ שיקסטו מיך? — האָט דער פאָטער געמאַכט אַ מינע, גלייך דער זון וואָלט אים געטריבן צו שמד — איך וועל צו זיי נישט גיין, צו די משרתים דיינע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרצויגן דעם שטערן, אַ כאַפּ געטון די באָרד אין מויל אַריין, זיך געלאָזט איבערן צימער איינמאָל, נאָכאַמאָל און איז געבליבן שטיין פאַרן זון אַן אַנדערער, אַ פאַרעלטערטער. ער האָט אַ שאָקל געטון דעם זון פאַר אַן אָרעם:

— געדענקסט נאָך דעם פסוק אין „שמות“, ווי שטייט דאָרט: „ויגדל משה, ויצא אל אחיו, וירא בסבלותם“. — משה־רבינו האָט פאַרשטאַנען, אַז כּל־זמן ער וועט זיך געפינען ביי פרעהן אין הויף, וועט ער נישט וויסן, ווי נאָך זיינע ברידער לעבן, ווייל זיינע ידיעות וועט ער קריגן פון פרעהס טעלערלעקער, וואָס ברענגען אין הויף אַריין נאָר רכילות און לשון־הרע אויף יידן. טאָ וואָס האָט משה געטון? האָט ער פאַרלאָזט דעם הויף און איז געגאַנגען אין די מאַרקן זען, ווי עס מאַטערן זיך זיינע ברידער... ווען וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? יאָ! — האָט דער פאָטער מיט צוויי פינגער אַ צי געטון פון דער באָרד אַ האָר, לאַנג ווי אַ דרים־פאָדים, — דו שיקסט מיך צו די „יעווסעקן“. ווען דו, מיין זון, קומסט היינט אַרויס קיין שפּאָלע, וואָלסטו געזען, ווי דיינע משרתים, די „יעווסעקן“ ימח־שמם, האָבן דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן... ביים פעטער שלמה, דעם גרויסן סוחר, וואָס

שטייט אין מאַרק מיט אַ שאָק הערינג, האָט מען צוגענומען פאַר שטייערן די בעבעלעס...

— וואָס האָבן יעוועסקן צו טון מיט שטייערן? — האָט יאַשע איבערגעריסן דעם פאָטער.

— יעוועסקן, נישט יעוועסקן, איר דערגייט דאָך אַלע דעם פרומען יידן די יאָרן! — האָט דער פאָטער שוין נישט גערעדט, נאָר געשפריצט מיט גאַל — און אויב מען מוז אייער „סאָציאַליזם" בויען אויף יידישע פּלייצעס, איז עס אַ קנאַפּע נחמה פאַר אונז, ווייל דעם פיש איז אַלץ איינס, ווי מען זאָל אים נישט קאָכן: אָן פעפער, צי מיט פעפער! הערסט, יצחקל, — האָט דער פאָטער אַ נעם געטון דעם זון פאַר די לאַצן פון זיין ווייסן לייוונטענעם ראָק און צוויי פאַר שוואַרצע אויגן, טרוקן ווי פייער, האָבן זיך דורכגעשטאָכן, זיך אָנגעקוקט איבער אַ רגע, גלייך טאַטע-זון וואָלטן זיך פאַרמאָסטן, ווער וועם וועט בייקומען, — הערסט, יצחקל, מיר גייען אונטער.

— ניין, טאַטע, מיר גייען נישט אונטער, — האָט יאַשע אַרומגענומען דעם פאָטער און אויף דער שפּיץ צונג איז ביי אים געלעגן: — און אויב יאָ אונטערגיין איז מיט פרייד, ווייל פאַר אַ העכערער אידעע. ס'דאַרף נאָך קומען דער גרויסער קינסטלער און אונז ווייזן, אַז דער עפּלבוים אין פעלד פרייט זיך אויך, ווען מען שטעלט אויף זיין פּלאַץ אַוועק אַ טעלעגראַף-סלופּ.

יאַשע האָט דאָס אַלץ נישט געזאָגט, מעגלעך דערפאַר, וואָס דעם פאָטערס הענט, מידע, פאַרחלשטע, האָבן אָפּגעלאָזט דעם זונס לאַצן און דער גוף זיינער, אַ שווערער, אַ געבויגענער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול מיט אַ קרעכץ. מעגלעך דערפאַר, וואָס פון וואַרטזאַל האָט זיך געטראָגן נאַטאַשעס יונג געלעכטער.

— דאָס קומען זיי, נאַטאַשע מיטן פאָטער. — האָט יאַשע אַ זאָג געטון און איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען.

---

— וואָס פאַרע געוואַלדן, יאַשע? אויף די טרעפּ האָב איך דערקענט דיין קול! — איז אָנגעלאָפן נאַטאַשע מיט אַ פּאַק פּאַפּירן, דערזען

דעם שווער, האָט זי אַ וואָרף געטון דעם פּאַק אויפן טיש און זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, — איר, פּאַפּאָטשקאַ, האָט אַזוי געשריגן אויף יאַשען? וואָס, מען דאַרף אים אָנרייסן די אויערן? איך וועל אייך העלפן! און דאָס איז מיין פּאָטער, אַנדרעי איוואַנאָוויטש וואַסילטשי-קאָוו! באַקענט אייך. — האָט זי אַ כאַפּ געטון דעם פּאָטער אונטער איין האַנט, דעם שווער אונטער אַ צווייטער האַנט און זיך פאַרנייגט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט יונגער, לופטיקער נאַטאַשע, וואָס האָט שוין ווידער געהאַלטן דעם פּאַק פּאַפּירן, שטיפעריש אַ צי געטון איר ווייס-זומערדיק היטעלע אי-בער די ברוינע, קאַשטענעוואַטע האָר, וואָס זענען אויפן שטערן גע-ווען צוגעשוירן, ווי ביי אַ יונג פערדל. זי האָט געעפנט די טיר און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— עסן, עסן, עסן!

— קום, טאַטע. — האָט יאַשע זיך געבעטן ביים פּאָטער.

— נישט איך. — האָט דער פּאָטער זיך אָפּגעטרייסלט.

— דו וועסט נישט עסן, וועסט צוואַרטן אַ האַלבע שעה, וועלן מיר צוזאַמען פאָרן אַהיים.

— כ'וועל דאָ צוואַרטן. — איז ס'פּנים ביים פּאָטער געוואָרן פאַרעקשנט.

— אַ-אַ, — האָט נאַטאַשע זיך געכאַפּט, אַז דער שווער טאָר נישט עסן מיט זיי און דאָס יונגע פּנים איז געוואָרן טרויעריק, — אַ שאָד, אַ שאָד.

— טאַטע, — האָט זי זיך אַ דריי געטון צו איר פּאָטער, — דו ווילסט דאָך אויך איצט נישט עסן, וואָלסטו אפשר געבליבן?...

— מיט פאַרגעניגן, — האָט אַנדרעי איוואַנאָוויטש זיך עלעגאַנט אַ נויג געטון פאַרן אַלטן מאַקאָוו, — איך האָב היינט געגעסן שפּעט אָנבייסן.

— איז גוט, — האָבןביידע, אי יאַשע, אי נאַטאַשע, געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער טיר, — מיר וועלן לאַנג זיך נישט זוימען, העכ-סטנס אַ האַלבע שעה.

פאַר די לעצטע צען יאָר האָט נאַטאַשעס פּאָטער אינגאַנצן זיך געביטן, — פון אַ הויף-מענטש ביים צאַר איז ער געוואָרן אַן

אָנהענגער פון דער סאָוויעטישער מאַכט. ער האָט אויך ליב געקראָגן יידן, געזען אין יעדן ייד אַ שטיק יאַשע, וואָס קען און איז מקריב זיין לעבן פאַר אַ שענערער מענטשהייט. ביים איידעם האָט ער זיך אָנגעלייענט מיט גרעצן, געבלעטערט די רוסיש־יידישע ענציקלאָפּעדיע, געפירט וויכּוחים מיט יאַשען און אַלץ נישט געווען צופרידן, זייער געוואָלט זיך באַגעגענען מיט אַן אמתן ייד. די אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געדרייט ביים איידעם, און אַפילו יאַשע אַליין, זענען אין וואַסילטשיקאָווס אויגן שוין „קאַליע" געווען, מער אייראָפּעער, ווי יידן, און דאָ איז ער געבליבן איינער אַליין מיט יאַשעס פאָטער. שוין אַ לענגערע צייט, ווי ער האָט געוואַרט אויפן אַלטן מאַקאָוו, זיך געוואָלט מיט אים באַקענען. פון יאַשעס רייד איז ביי אים אויסגעקומען, אַז דער אַלטער מאַקאָוו איז אַ רב ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, געהאָפט, אַז ביי דעם רב וועט ער דערגיין דעם אמתן תּוך פון יידישקייט.

דוד מאַקאָוו האָט אָנגעקוקט דעם געוויקסיקן וואַסילטשיקאָוו מיט די צוויי פּאָר ברילן און איינגעהאַלטן אין זיך דעם שמייכל, וואָס דער גוי איז זיין מחותּן. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אים אַ פרעג צו טון, צי ער איז טאַקע געווען אַ בן־בית ביי ניקאָלאַיען.

מאַקאָווס שוואַרצע באָרד מיט די גרויע שפּיצן, די באַוואָקסענע באַקן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די געדיכטע ברעמען און טיפער געמאַכט די שוואַרצע, טרויעריקע אויגן — קיין זאַך האָט איצט דעם גוי נישט איבערראַשט. ער האָט אָן הכנות אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן זיינע קשיות, געוואַרט דער אַלטער מאַקאָוו זאָל אויסגלייכן די סתּירות. איין פּאָר ברילן האָט נאַטאַשעס פאָטער אַרויפגערוקט אויפן שטערן, דורך די צווייטע, ווי דורך שייבלעך, האָבן זיינע גרויע, ווייכע אויגן געקוקט אויף מאַקאָוון און אַליין איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיט די אייגענע ווערטער. אים, דעם גוי, דאַכט זיך, אַז דער יידישער כּוח ליגט אינעם וואָרט, אינעם זכּרון. דער ייד האָט קיין זאַך נישט געטאָרט פאַרגעסן און אַז מען דאַרף אַזויפיל געדענקען, מען דאַרף שלעפּן אַזאַ זכּרון, ווערט די פאַנטאַזיע געפּענטעט. אים, דעם גוי, דאַכט זיך, אַז ס'בעסטע, וואָס יידן האָבן געשאַפן, האָט צו טון

מיט וואָרט, מיט אויסדרוק, ס׳איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אַקוסטישע קולטור...

מאַקאָוו האָט נישט געכאַפּט, וואָס דער גוי רעדט צו אים, נישט געקענט צונויפבינדן די ווערטער. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז ער רעדט וועגן דער יידישער אמונה, רעדט בלויז גוטס, דאַרף זיין פון די צדיקי אומות-העולם און האָט באַלד ווידער פאַרלוירן דעם פאָדעם.

די גאַנצע זאַך איז אים מיטאַמאָל קשה געוואָרן, נישט געגלויבט, אַז ער, דוד מאַקאָוו פון שפּאָלע, וואָס איז געקומען זיך משתדל זיין פאַר אַ ישיבה, זיצט און טענהט גאָר איין מיט „מלכות", אַז זיין זון, יצחקל, איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער שיקסע עסן דעם סאָוויעטסקען טרייפענעם באָרשטש. דער פריערדיקער שמייכל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין מאַקאָווס טיפענישן, האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטון צו אים אין האַלז אַריין, זיך צעלייגט אויפן פּנים, און דער שפּיץ צונג האָט אים געביסן:

— אַנטשולדיקט, אַנדרעי איוואַנאָוויטש. דעם אָרעמען סאָוויעטס-קען באָרשטש האָט מען ביים קייסער נישט געגעסן, האַ? וואָס פאַר אַ באָרשטש האָט מען טאַקע ביים קייסער געגעסן?

מאַקאָוו האָט דאָס נישט געפרעגט. ער האָט חבריש אַרויפגע-לייגט זיין האַנט אויפן מחותנס קני, אים אָנגעקוקט אַ ווייל, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאַרטיקע תשובה אויף זיינע טענות און שטיל אַ זאָג געטון:

— אַנדרעי איוואַנאָוויטש, אויב מיר זענען יאָ אַזאַ גרויס פאָלק, פאַרוואָס רודפט מען אַזוי אונזער רעליגיע? האַ, פאַרוואָס?

— און אונזערע, די פּראַוואָסלאַוונע, שוינט מען? נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, און דאָס געיעג אויף רעליגיע וועט איבערגיין. — האָבן וואַסילטשיקאָווס וואַרעמע אויגן זיך גענומען לעשן.

ער האָט נאָר אַראָפּגערוקט פון שטערן די ברילן, זיי אָנגעזעצט אויף דער נאָז, ווי טאָפּלטע פענצטער, און זיך אַריינגערוקט מיט די הענט, מיט די פּיס טיפער אין שטול אַריין. ער האָט פון דער זייט גע-קוקט אויפן אַלטן מאַקאָוו, נישט אַרויסגעזען זיין פּנים, וואָס איז געווען פאַרוואָקסן מיט האָר, און געטראַכט, אַז דער ייד האָט אים

גאָרנישט פֿאַרענטפֿערט, פֿאַרפּלאָנטערט אַפֿילו דאָס, וואָס איז אים קלאָר געווען.

זיי האָבן מער נישט גערעדט, געזעסן יעדער אין זיין שטול, געהערט, ווי איבער דער טיר קלאַפּן שרייבמאַשינקעס און קעגנאַי־בער פֿון דער וואַנט האָבן איליטשעס קלוגע אויגן אַראָפּגעקוקט:

— איך בין דאָ אויך דאָ.

# ברוכוואַרג

אין אַ קאָרידאָר, הינטער אַ טרעפּ, זיצט דער אַלטער לייזער איבער אַ באַרג צעבראָכענע שירעמס און פּאַרריכט זיי ביים לעמפּל, וואָס הענגט איבער די בריווקעסטלעך. די קינדער פונעם פירשטאָקיקן הויז, יינגלעך, מיידלעך, קלייבן זיך אַרום דעם אַלטן. איינער טראָגט אים אונטער אַ צוועגל, אַ העמערל, אַן אַנדערער קוואַפּעט זיך מיט אַ צעבראָכענעם שירעם-דראָט, מאַכט דערפון אַ פיילנבויגן.

קינדער, קעץ, שירעמס — דעם אַלטן וואָלט גוט געווען, ווען נישט ס׳האַרץ, וואָס נאָגט, האַלט אין איין זינקען און קאָן צום גרונט נישט קומען. ער האָט פון אינדערפרי אָן נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט און איצט איז שוין לאַנג נאָך מיטאָג.

דער אַלטער האָט נישט קיין תּרעומות, טרייבט קיינעם נישט— נישט ס׳קליינוואַרג, נישט די קעץ, וואָס רייבן זיך מיט די אויפגעשטעלטע רוקנס אָן די קינדער, אָן דעם אַלטנס פּלייצעס, ווילן זיין וואָס ווייטער פונעם רעגן, וואָס גיסט אין דרויסן, ווילן זיין וואָס ווייטער פון דער אָנגעטראָגענער נעץ.

שוין דער צווייטער מעת-לעת ווי עס רעגנט, ווי דער ווינט בלאָזט, קערט-איבער שירעמס מיט די בייכער אַרויף. דער ניו-יאָרקער הימל איז צעווייקט, הענגט נידריק איבער די דעכער, און די וואָלקנס, ווי איינגעווייקטע שטיקער וועש, גיסן, נעצן-דורך מענטש, פערד, גאַסן. מען הערט נישט קראָען זאָלן קראַקען, מען זעט נישט בושעלס זאָלן אָפּפליען אין די וואַרעמע לענדער.

פון די ניו-יאָרקער וואַסערן טראָגט זיך דאָס רעווען פון שיפן. איבער די פּאַרפּלייצטע גאַסן גליטשן זיך אויטאָמאָביל-רעדער, שפּריצן, קרעכצן, נעמען זיך דרייען אין אַ רעדל און דער טויט טאַנצט פאַר די אויגן.

ס׳איז האַרבסט.

די קינדער, וואָס קאָנען נישט אַרויס אויף דער גאַס, ווייל ס׳צעבערט, ווייל דער רעגן שמייסט אין די נידעריקע פענצטער, קלאַפּט מיט דער בלעכענער טיר, וואָס פירט אויפן דאַך אַרויס — די קינדער זענען גליקלעך מיטן אַלטן פּאַראַסאָלניק. זיי שטייען און זיצן אַרום דעם זקן, טענהן זיך אויס:

— קאָנסט מאַכן אַ גאַנצן שירעם אויך

— אַוודאי קאָן איך. — ציטערן די שטייפע פינגער, האַלטן קוים ס׳צוועגל, וואָס בייסט זיך אין דראָט. — אינדערהיים, אין וואַרשע, האָב איך ס׳געשטעל אויך געמאַכט... כ׳האָב אַליין אָפּגעטאָקט די הענטלעך, די גאַלקעס, אַלץ...

— און דאָ?

דאָ לוינט נישט, קינדער. — הויבט דער אַלטער אויף זיינע שטייפע קנאָכן, וואָס פאַרמאַכן זיך נישט. — ווייל פינגער ווערן זיך קיינמאָל נישט קענען פאַרמעסטן מיט אַ מאַשין... איך זאָל גיין מאַכן אַזאַ שירעם, וועט ער דאַרפן קאָסטן אַ פיר, פינף דאָלער. און דאָ אין ניו-יאָרק קריגט מען אים פאַר אַ דאָלער, פאַר פינף-און-זיבעציק סענט, אַפילו פאַר פופציק סענט...

— איז ניו-יאָרק אַ בעסערע שטאָט ווי דיינע? — זאָגט אַ צען-יעריק יינגל.

— ווי וואַרשע?

— יאָ.

— ניין, קינד. — שמייכלט דאָס אַלטע צעקנייטשטע פּנים, ווי צווישן פאַלדן און פעלדלעך קלייבט זיך זשאַווער. — אין וואַרשע איז מיר בעסער געווען. אַז כ׳האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טאָק-מאַשין, געמאַכט אַ הענטל, איז געווען עפּעס אַ קוק צו טון: קעצלעך, הינטלעך, פייגל, אַפילו מענטשלעכע פּנימער האָב איך אויסגעשניצט. היינט זענען ביי מיר די פינגער שטייף, הויבן זיך נישט, און דער עיקר... כ׳האָב נישט קיין וואַרשטאַט, כ׳האָב גאָרנישט. און דאָ אין ניו-יאָרק קאָסטן די אַלע הענטלעך אַ קליינינקייט, מען קריגט זיי פאַר אַ שיבוש... בעסער געווען אין וואַרשע, בעסער... דאָ וווין איך ביי אַ לאַנדסמאַן אין אַ פינצטערער קאַמער און שלעפּ זיך איבער די גאַסן...

כ׳זליף מעסערס, שערן, כ׳פאַרריכט שירעמס. און פון ביידע מלאָכות האָב איך מאָרדאָוואַניע...

— וואָס האָסטו? — פרעגן אים עטלעכע פאָר בייגיריקע אויגן.

— כ׳האָב קוים אָפּצועסן.

— און קינדער האָסטו נישט? — רוקט זיך אונטער אַ מיידל.

— כ׳האָב צוויי זין. מאַטערן זיי זיך מער פאַר מיר... ביים גילדענעם גוטן אַרבעטן זיי קוים אויס אויף חיונה... היינט איצט, אַז מען האַלט אין איין סטרייקן? שלעכטע צייטן, קינדער!

— ער דאַרף זיין גאָר אַן אַלטער. — רוימט איין יינגל איין אַ צווייטן.

— ציטערט אינגאַנצן. — זאָגט אַ דריטער.

— פרעג אים, ווי אַלט ער איז.

— פרעג דו.

— ווי אַלט ביסטו, זיידע?

— ווער קען איבערציילן, קינדער. — קוקט דער אַלטער פּאַראָ־סאָלניק אויפן קליינוואַרג. ס׳איינגעפּאַלענע מויל אָן ציין וויל אַ שמייכל טון און דאָס ווייסע בערדל טרייסלט זיך ביי אים אינגאַנצן.—כ׳ווייס, אפשר אַכציק, אפשר מער... מיין ברית, קינדער, געדענק איך נישט, פאַרלוירן דעם חשבון...

— אויב אַכציק, — פרעגט אַ יינגל, — ווען איז ער געבוירן געוואָרן?

— אין 1850.

— מיינסט פאַר דער „סיוויל־וואָר”? — כאַפּט זיך אַ צווייטער פאַרן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, דזשעק! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

די יינגלעך טוען זיך אַ דריי־אויס צום אַלטן, פרעגן אים אַלע מיטאַמאָל:

— געדענקסטו די „סיוויל־וואָר”?

— וואָס? — וויל דער זקן אָנשטעלן די אויערן און דער גאַנ־צער קאָפּ לאָזט זיך ביי אים אַראָפּ.

— געדענקסטו ווען מען האָט באַפרייט די נעגערס?

— ווען איז עס געווען, קינדערלעך?

— אין 1863.

— אַוודאי געדענק איך, — אַרבעטן ביי אים די פינגער פון זיך אַליין, — מיין טאַטע איז געזעסן אויפן בוידעם און באַהאַלטענערהייט גענייט פאַרן פוילישן מיליטער פעלצלעך... צי כ'געדענק די „פּאָווסטאַ־ניע״? אַוודאי געדענק איך...

— ווי קומט אַהער פּויליש מיליטער, זיידעשי? — לאַכן די קינדער. — וועגן לינקאָלן, פּרעזידענט לינקאָלן, האָסטו געהערט?

— געהערט, געהערט...

ביים זקן זינקט ס'האַרץ. ס'ציט אים ערגעץ מיט, טיפער, טי־פער, ווי אין אַ ריזיקער לייקע. און דאָס צעקנייטשטע פּנים, געל ווי וואַקס, בעט זיך:

— קינדערלעך, כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט, ס'האַרץ איז ביי מיר אַוועק, קינדערלעך...

די קינדער קוקן זיך איבער, ווי דער אַלטער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, הערן אויף לאַכן און נעמען רעדן צווישן זיך:

— וואָס ברענגט מען אים?

— אַ הייס גלאָז מילך?

— אַ הייס גלאָז טיי?

— אַ הייסע גלאָז קאַווע?

— אַביסל קאָניאַק וואָלט אים געשטאַרקט!

— מיר האָבן גוטן שנאַפּס.

— טאָ וואָס שטייסטו, בען? ברענג!

די קינדער צעלויפן זיך איבער די טרעפּן, קלאַפּן מיט די פּיס, מיט די טירן, און אינעם קאָרידאָר ווערט די הוילקייט גרעסער, שאָטנס לויפן־אָן פון די ווינקלען, מאַכן שווערער דעם קאָפּ, און שטיקלעך געדאַנקען מטושטשע, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, הויבן אָן טרייבן איינע די אַנדערע.

די דריי קעץ זענען איצט דרייסטער, דרייען זיך מיט אויפגע־טורעמטע רוקנס אַרום און אַרום דעם אַלטן, וואָרטשען פון הונגער.

דער ליידיקער קאָרידאָר הויבט אָן אַנטקעגן קומען, שנעל, שנעלער. דער גוף ווערט ייִנגער, דער מוח — ליכטיקער און אין די אויגן נעמען זיך טיקן פלעמלעך.

דער קאָרידאָר, די טרעפּן, די גאַנצע פיר שטאָק — שפּאַרן זיך אין די אויגן אַריין, אין קאָפּ אַריין. דער קאָפּ קאָן קיין זאַך נישט איינהאַלטן, אַפילו קיין מחשבה נישט, צעשיט אַלץ, ווי אַ בוים אין האַרבסט צעשיט די בלעטער.

די גאַנצע אַכציק יאָר האָבן זיך איצט געריסן פון דעם ליימע־נעם גוף, געוואָלט אַריין אין אַן אַנדער לעבן, וואָס איז אָנגעקומען מיט די טרעפּן, מיט די צעעפנטע טירן.

דער אַלטער פּאַראַסאָלניק צעשפּרייט די הענט, הויבט אָן פליען, און אין די אויערן רוישן אָן אַ שיעור קולות. יונגע, גאָר יונגע — טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער — און צווישן די קולות דערהערט זיך אַ לעצטע מחשבה — מען דאַרף פאַרריכטן דעם באַרג שירעמס, אין דרויסן מבולט, ס׳גיסט מיט צעבערס.

מיטאַמאָל ווערט שטיל.

די קעץ בלייבן שטיין, פאַררייסן העכער די עקן, שמעקן אַרום דעם פּאַראַסאָלניק, וואָס איז אַ פאַל געטון מיט צעשפּרייטע הענט, ליגט אַ טויטער צווישן צוועגנלעך, העמערלעך און צעבראָכענע שירעמס.

טירן עפענען זיך. קינדער לויפן איבער די טרעפּן, טראָגן דעם אַלטן פּאַראַסאָלניק — ווער אַ הייס גלאָז מילך, ווער אַ הייס גלאָז קאַ־ווע, ווער אַ הייס גלאָז טיי. די יונגע הערצער קלאַפּן פון פרייד, די אויגן לויכטן, ווייסן נישט, אַז אונטער דער טרעפּ ליגט דער טויט.

1929

## מוזיק

איינציקוויץ, ס׳וועט זאָל נישט באַמערקן, האָט יאַשע פאַרקויפט אַ קאָלעקציע פידלען, די ביכער נאָטן. ער האָט אויך אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די דיפּלאָמע פון וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. ס׳האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ קאַפּעלמייסטער אין אַ רייכן רוסישן פּאָלק, געוואָלט פאַרגעסן, אַז ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון דער וועלט-מלחמה, איז אַריבערגעקומען קיין ניו-יאָרק און גלייך גענומען שפּילן די ערשטע פּידל אין אַ גרויס וואָדעוויל-הויז, האָבן אים חברים מקנא געווען.

מיט אַ יאָר צוריק, אַפילו מיט אַ האַלב יאָר, האָט דאָס אַלץ געגאָלטן. היינט, ווען די יוניאָן האַלט זיך אין צעפאַלן, די פינגער פון די פידלשפּילער ווערן שטייף פון אומגיין ליידיק, וואָס איז דער חילוק, צי ס׳איז פּישל קלעזמער, צי יאַשע, די ערשטע פּידל, אַז ביידע שטאַרבן פון הונגער?

אויף אַ מיטינג אין דער יוניאָן האָט זיך יאַשע צערעדט:

— אויב דער עולם, וואָס האָט ליב מוזיק, האָט געקענט פאַרבייטן, אָן דעם מינדסטן פּראָטעסט, דעם לעבעדיקן פידלשפּילער אויף אַ גולם, אויף אַ מוזיקאַלישער „טאָקי", וואָס גריִלצט, אַז מען קען טויב ווערן, דאַרף יעדער קינסטלער צעברעכן זיין פּידל, צערייסן, פאַרברענען דאָס קלענסטע שטיקל נאָטן.

די פאַרביטערטע פידלשפּילער, וואָס האָבן חדשים זיך אַרומגעדרייט אָן אַרבעט, זיך נישט שטאַרק פונאַנדערגעקליבן וואָס יאַשע רעדט, האָבן אָבער דערפילט, אַז ער פאַרטרעט זייער צד. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי זיך אָנגערופן:

— יאַשע איז גערעכט!

— ווי דען?

— און שולדיק איז די יוניאָן אונזערע!

— טאַקע, וואָס האָט די יוניאָן פאַר אונז געטון?

— וואָס האָט איר געוואָלט די יוניאָן זאָל טון? — האָט זיך אָנגערופן דער סעקרעטאַר, אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט זיך איבערגענומען, וואָס ער איז ענלעך אויף דעבסן — פאַרווערן די מוזיקאַלישע „טאָקיס”?

— ווען מען זאָל נאָר קענען, וואָלטן מיר שוין פאַרווערט!

— און די „פעדעריישאָן אָוו לייבאָר” קען אויך דאָ גאָרנישט טון? — האָבן עטלעכע מיטאַמאָל געפרעגט.

— שיינע יוניאָן-לייט זענט איר. — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט מיט חשיבות און דער דעבס-שמייכל איז ביי אים געלעגן אין די אויגן, אַרום די מויל-ווינקלען. — ווער עס קען אַ בלעטל מאַרקס, ווייסט, אַז יעדע נייע מאַשין מאַכט אַן איבערקערעניש אין פאַך, שטופט אַרויס אַרבעטער, דערנענטערט די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— דאָס איז טאַקע די צרה — איז יאַשע נישט געבליבן שולדיק דעם סעקרעטאַר — וואָס ביי דער יוניאָן איז אַלץ איינס, צי פידלשפיל, צי שוסטעריי.

— ביי דער יוניאָן זענען אַלע מלאכות גלייך. — האָט דער סעקרעטאַר פאַרענדיקט דעם זאַץ ווי אַ שפרוך.

— אויב יאָ גלייך, טאָ זאָל די יוניאָן אָרגאַניזירן די מוזיקאַלישע „טאָקיס”, נישט אונז, קינסטלער! — האָט פישל, אַ היימישער קלעזמער, נישט פאַרשוויגן.

— זעט נאָר ווער עס שטעלט זיך איין פאַר די קינסטלער! — האָט דער סעקרעטאַר זיך צעלאַכט — ווי קומסטו צו קינסטלער, פישל, ביסט דאָך אַ היימישער קלעזמער? און ווען נישט די יוניאָן, וואָלסטו דאָך געגאַנגען איבער די הייף מיט דיין פידל, נישט געשפילט אין אַן אָרקעסטער! ווער, ווער, נאָר דו, פישל, וואָלסט געדאַרפט זיין אַ בעסערער יוניאָן-מאַן!

— כ'בין צו יעדער צייט אַזאַ גוטער יוניאָן-מאַן, ווי דו אַ סאָציאַליסט! — האָט פישל צוריקגעשליידערט דעם סעקרעטאַר און איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. — און וועגן מיין גיין איבער די

הייף זאָל דיר דער קאָפּ נישט דאַרן. כ׳האָב נאָך אינדערהיים געהאַט אַן אייגענע קאַפּעליע.

— נו, געגוג, גענוג, גענוג, אַ סוף! — האָבן זיך דאָ און דאָרט אַ הויב געטון העגט.

דער עולם איז מער נישט איינגעזעסן, זיך געדרייט איבערן צימער, געטענהט, זיך געקליבן אין קרענצלעך. און אַז די פידלשפּי־לער האָבן זיך אָפּגערעדט די הערצער, זיך דערמאָנט, אַז מען גייט שוין חדשים ליידיק. עס מאַכט זיך צומאָל קיין פּריוואַטע חתונה נישט, האָט מען פאַרגעסן אָן דער יוניאָן, מען איז געוואָרן אַבערגלויביש, ווי נאָר קלעזמער קענען. און איינציקווייז האָט מען זיך גענומען צע־שאַרן, ווער צום סעקרעטאַר, ווער צום „אָרגאַניזאַטאָר". טייל האָבן געבעטן אַ וואָך, אַ האַלבע וואָך, אַפילו אַ טאָג אַרבעט. טייל האָבן זיך פאַרשריבן אין די אָרקעסטערס, וואָס קלויבן זיך איפּן זומער איבערן לאַנד, און די, וואָס זענען געבליבן אָן אַ סענט, האָבן געזוכט אַ שטעל אויף אַ שיף, וואָס פאָרט קיין אייראָפּע אויף אַ דריי־פיר וואָכן צייט.

איין יאַשע האָט זיך נישט פאַרשריבן. ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען. ער האָט געגלויבט, אַז ווען די פּראָפעסיע וואָלט געלעגן אין אַנדערע הענט, נישט אין קלעזמערישע, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען. אַזוי קריכט איין קלעזמער דעם צווייטן אין גרגרת אַריין. מען האָט יאָ איינגעפירט מוזיקאַלישע „טאָקיס", ראַדיאָס, האָבן אַלע געדאַרפט אַרויס אין סטרייק, נישט בלויז פידלשפּילער. אַלע, אַלע: די וואָס שפּילן פּיאַנאָ, פידל, פלייט, גאַנצע אָרקעסטערס, זינגערס — אַלע, אַלע! דעמאָלט וואָלט געוואָרן אויס ראַדיאָ, אויס „טאָקיס".

יאַשע האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון מיטינג.

אַ הויכער, עטוואָס אַ געבויגענער. מיט אָנגעשטאָטענע, שוואַרצע קרייזלעך, וואָס שפּאַרן זיך אַרום שטערן, אַרום קאַרק; קריכן פון אונטערן העלן קאַפעלוש מיט די צו־ברייטע ראַנדן. אין גייען באַ־וועגט ער מיט די הענט, וויגט מיטן גרויסן קאָפּ, גלייך ער וואָלט דיריגירט אַן אָרקעסטער.

יאַשע האָט נישט געזען קיין מענטשן, קיין הייזער, קיין טראָ־טואַר. ער האָט געשפּרייזט מיט הינטערגעסלעך און בשום אופן נישט

געקאָנט שלום מאַכן, אַז קיין זאַך ענדערט זיך נישט. אַבי מען שפּילט. און אַז מען ענדערט דעם אָרקעסטער, מען בייט די אינסטרו־מענטן, איז וואָס? נעכטן האָט געשפּילט יאַשע, און נישט אויף קיין פידל, נאָר אויף טויזנטער סטרונעס, אויף די אייגענע נערוון, וואָס זענען אָפּגעדעקט און שרייען, שרייען־איבער און פאַרשרייען דעם דזשעז, דעם „שימי", און היינט שפּילט־נאָך דאָס זעלבע אַ מעכאַנישע ראַדיאָ, קרימט עס נאָך ווי אַ פּאַפּוגיי. און דער עולם איז גליקלעך, וואָס ער שלינגט מוזיק אַזוי לייכט ווי לופט, אַזוי נאַריש ווי לופט. דאָס איז אַ מלחמה צווישן אים, יאַשען, און דער שפּיל־כּלי, וואָס קריכט אים נאָך.

יאַשע איז געבליבן שטיין פאַרן הויז ווו ער האָט געוווינט. פון אַן אָפן פענצטער האָט זיך געטראָגן דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער. יאַשעס נערוון, אָפּגעדעקטע, האָבן זיך גענומען ציען, זיך געריסן, ווער ווי אַ פידל מיט איין סטרונע, ווער ווי אַ פלייט, ווער ווי אַ פייפל, געחוזקט, געברומפּלט ווי קאַצמוזיק.

ער האָט געשפּרייזט צו צוויי טרעפּן מיטאַמאָל, זיך געהויבן פון איין גאָרן אויפן צווייטן און פון אייליעניש נישט געקאָנט אַריינ־שטעקן דעם שליסל אין קלאַפּשלאָס.

ס'ווייב, מיט גרינע אויגן, וואָס האָבן נישט געפּאַסט צום אָפּגע־ברענטן פּנים, צו די שוואַרצע צעשאָטענע האָר, איז געזעסן ביי אַן אָנגעוואָרפענעם טיש. זי האָט אויסגעזען אָפּגעלאָזן, געוועזן אָנגעטון, ווי זי וואָלט זיך נישט געריכט אויף קיין געסט, אויף קיין שכנים, אַפילו נישט אויפן מאַן. ביים אַריינקומען איז שווער געווען צו זאָגן וואָס זי טוט. לעבן איר איז געשטאַנען אַ שטאַרק גלאָז טיי, אַזש רויט. אויף אַן אַש־טעצל האָט זיך גערויכערט אַ נאָר־וואָס פאַרצויגע־נער סיגאַרעט. אי דער טיי, אי דער אָנגעצונדענער סיגאַרעט האָבן זיך געשפּיגלט אין צוויי קרישטאָלן, וואָס מיט זיי קאָן מען אַרויס־רופן טויטע, געליבטע. זי האָט זיך צו דעם אַלעם נישט צוגערירט, און אַליין איז זי געווען פאַרנומען מיט אויסוואַרפן קאָרטן. ביי אירע באָרוועסע פיס, וואָס האָבן געשטעקט אין געפלאָכטענע סאַנדאַלן, האָט געדרימלט אַ באַיאָרטער בולדאָג.

ביי יאַשעס אַריינקומען האָבן זיך נישט דאָס ווייב, נישט דער

הונט אומגעקוקט. יאַשע האָט אַ שיק געטון דעם קאַפעלוש אויף דער אויסגעזועסענער אָטאָמאַנע, אַ בויג געטון דעם קאָפ איבערן טיש, געוואָלט זען וואָס דאָס ווייב טוט און איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע בײַ דער טיר אַ קלענערער, אַ געבויגענער, ווי אַ וויאָלענטשעל, וואָס מען קלײַבט זיך אויף איר שפּילן.

— יאַשע, — האָט דאָס ווייב אַ צי געטון דעם טיגאַרעט, אַ זופּ געטון דעם טיי און נישט אויפגעהערט זיך אויסצוּוואַרפן די קאָרטן.
— זײַ אַזוי גוט און גיס דיר אָן אַ גלאָז טיי.

— הערסט, ריסאַ? מיר מוזן זיך אַרויסקלײַבן פון דאַנען! — האָט יאַשע אַפילו נישט געהערט וואָס דאָס ווייב האָט אים געזאָגט און געגומען צומאַכן איין פענצטער נאָכן צווייטן. — ווי קענסטו הערן די אַלע חזנים, די אַלע קלעזמער, די אַלע שלעק! מען קאָן דאָך משוגע ווערן!

— עס איז אַזוי אויך נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, — האָט ריסאַ אַ שאַר געטון פון זיך די קאָרטן, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און גלײַכצײַטיק געררויכערט און געטרונקען דעם טיי, — פאַרמאַכסטו גאָך די פענצטער?

— איך קאָן נישט! איך קאָן נישט הערן! — האָט יאַשע געשפּריזט מיט אַ הייס גלאָז טיי, געזופּט אויפן קול. — אויב די אַלע קאַטערינקעס וועלן נישט אויפהערן, אַנטלויף איך פון שטוב! באַך, בעטהאָווען זענען דאָך נישט בלויז פאַרן אויער! זיי זענען דאָך פאַרן זיכּרון אויך! האָסטו זיי איינמאָל געהערט, געדענקסטו זיי שטענדיק! די אַלע ראַדיאָס און שפּילקעסטלעך זענען דאָך בלויז פאַרן אויער, און פאַר אַ שלעכט אויער! זייער מוזיק האָט אַזאַ האַפט, ווי דער רויך פון דײַן סיגאַרעט: עס צעגייט זיך און עס בלײַבט נאָכדעם גאָרנישט.

— און די שלעכטע מוזיק איז דווקא אין דער מאָדע. — האָט ריסאַ צוריקגעעפנט די פענצטער און גערעדט אַזוי ווי זי וואָלט זיך געריצט מיטן מאַן.

— בלויז דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ מען האָט נישט באָר מוזיק, מען האָט אַפילו גאָט אויסגעביטן אויף אַ מאַשין. — האָט יאַשע געשפּרייזט מיט דעם גלאָז טיי, זיך געקרימט, געקאָרטשעט דאָס

פּנים, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט יסורים, — אין אייראָפּע איז גוטע מוזיק ערשט היינט אין דער מאָדע.

פון די אָפּענע פּענצטער האָבן זיך געריסן חזנים, שטיקער אָפּערעטעס, דזשעז-אָרקעסטערס. איינער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין צווייטן, זיך געכאַפּט פאַר די לאַצן, פאַר די אויערן, געלאַכט פון יאַשען, וואָס האָט זיך אָפּגערוקט פון די אָפּענע פּענצטער, איז גע-בליבן שטיין אין אַ ווינקל, די האָר צעפּאַטלט, די אויגן און די איי-ליקע ציין ברייט צעעפנט. ער איז אַזוי געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ מינוט, צוויי, אויסגעזען ווי אַ שאָטן, וואָס דאָס ווייב האָט נאָר-וואָס אַרויסגעכישופט מיט אירע קרישטאָלן.

ער איז אַריין אין קיך, אויפגעזוכט אַ בייסצוועגל און איז דערמיט אַרויף אויפן דאַך. מיטן בייסצוועגל האָט ער איבערגעהאַקט די ראַדיאָ-דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ נעץ, און איז צוריק אַראָפּ אין שטוב. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פּענצטער, האָט זיך איינגעהערט. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז ס׳האָט אַזש גערוישט אין די אויערן. יאַשע האָט זיך צעלאַכט הויך, העכער, אַזוי אויסטער-ליש און ווילד, אַז דאָס ווייב מיטן הונט האָבן זיך איבערגעשראָקן.

יאַשע האָט אַרויסגענומען פון דער שייד די פידל. ער האָט נישט געשפּילט. דאָס האָבן זאַוויערוכעס זיך געריסן פון אונטער זיינע פינגער, פאַרוואַנדלט די סטרונעס אין פייפלעך, פליימן, קלאַרנעטן און גלעקלעך, וואָס האָבן געלאַכט און געוויינט, געוויינט און געלאַכט, מיט אַזאַ ווייטיק און מיט אַזאַ פּיין, אַז די שכנים פון די זעקס שטאָק האָבן פאַרגעסן אָן זייערע שפּילקעסטלעך, וואָס האָבן זיך מיט-אַמאָל אָפּגעשטעלט, אויפגעהערט צו שפּילן. קעפּ איבער קעפּ האָבן זיך געבויגן פון די צענטליקער פּענצטער, נישט גערעדט פון צופיל פרייד, און די אויגן צעשטראַלטע האָבן שטים געפרעגט:

— ווער שפּילט?

— ווער שפּילט?

1930

# קלאַסן

דעם טאָג, ווען מעקדאָנאַלד איז געוואָרן פּרעמיער, האָט קרעל, אַ סטרייקער ביי פּוטערוואַרג, פאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט ביי זיינע חברים, די לעווינס, וואָס האָבן געוווינט טיף אין די בראָנקס. ער האָט מיט זיי געגעסן נאַכטמאָל, געטרונקען טיי מיט קאָנפיטורן, גע־ווען אויפגעהייטערט, וואָס די יונגע באַלעבאָסטע, אַן אויסגעקנאָטענע, מיט אַ חן־גריבעלע אין דער מיט גאָמבע, דערלאַנגט מיט אַזאַ רחבות כּיבוד. פון גרויס פרייד האָט קרעל זיך אָנגעהויבן איבערצוגעמען, געטענהט, אַז די וועלט גייט אַלץ צום בעסערן. האָט דער אַרבעטער זיך שוין דערשלאָגן צו אַ סאָוויעטישער מלוכה אין רוסלאַנד, צו אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער אין ענגלאַנד, צו אַ...

— זאָג כאָטש להבדיל, קרעל, — האָט לעווין, אַ צושניידער ביי רויכוואַרג, אים איבערגעהאַקט, — וואָס פאַר אַ סאָציאַליזם קאָן שוין זיין אין ענגלאַנד, אַז דאָס פאָלק, די מאַסן מיין איך, וואַרטן אויפן קעניגס הסכמה, און אָן דעם קעניגס ברכה הויבט זיך דאָרט גאָרנישט אָן.

— און איך זאָג דיר, חוה, — האָט קרעל גערעדט צו לעווינס ווייב, גלייך זי וואָלט מיט אים דעבאַטירט, נישט ער, — איך זאָג דיר, אַז איך אַ געוויסן זין איז אפשר פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט וויכ־טיקער, וואָס ס׳ענגלישע פאָלק, כ׳מיין די ענגלישע מאַסן, האָבן אויס־געקליבן אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער, ווי דער קאָמוניסטישער עקספּערי־מענט אין רוסלאַנד...

— נאַרישקייטן, קרעל, — האָט לעווין, אַ רירעוודיקער, זיך אַ הויב געטון מיט אימפּעט פון טיש, — נאַרישקייטן! און וואָס איז וויכטיקער פאַרן פּראָלעטאַריאַט וועלן מיר זען אין אַ חודש, צוויי אַרום!

וועלן מיר זעען, וואָס מעקדאָנאַלדס סאָציאַליסטן וועלן טון מיט דער אינדישער פרייהייטס-באַוועגונג!

— די צרה איז מיט דיר, לעווין, — האָט קרעל זיך אַזאַ דריי געטון צו חוהן, אַז לעווין איז געבליבן הינטער זיינע פּלייצעס, — וואָס דו וווינסט אין ניו-יאָרק און לעבסט מיט מאָסקווע! און וועגן וואָס פאַר אַ פאָלק, וועגן וואָסערע מאַסן זאָלסטו נישט רעדן, האָסטו שטענדיק אין זינען ס'רוסישע פאָלק, די רוסישע מאַסן, ווילסט די גאַנצע וועלט צושניידן לויט דעם רוסישן מוסטער...

— חוה, האָט ער נישט אַ צעדרייטן קאָפּ? — האָט לעווין שוין אויך אַריינגערעדט אין ווייב, געזוכט ביי איר יושר, — לויט אים קומט אויס, אַז דער ענגלישער קעניג וועט אַליין איינפירן קאָמוניזם.

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט, — האָט קרעל געשמייכלט מיט זיינע גלייכע ציין, וואָס זענען געווען צו וויס פאַר אַ מאַן, — ס'איז אָבער יאָ מעגלעך מען זאָל איינפירן אין ענגלאַנד קאָמוניזם און ס'זאָל דערביי קיין איין טראָפּן מענטשלעך בלוט נישט פאַרגאָסן ווערן... ס'איז אויך מעגלעך, אַז אַפילו ביים קאָמוניזם זאָל דער קעניג אין ענגלאַנד בלייבן, ווייל ענגלאַנד איז נישט רוסלאַנד, ווייל יעדעס פאָלק קומט צום סאָציאַליזם אויף זיין שטייגער...

— דער עסטרייכישער סאָציאַליזם האָט טאַקע אַ פּנים ווי חוזק.
— האָט לעווין זיך צעלאַכט מיט ביטול.

חוה האָט אַוועקגעלייגט אירע פולע הענט אויף דעם טיש, אָנגעשפּאַרט אויף זיי די גאָמבע מיט דעם חן-גריבעלע, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן מיט דעם שמייכל פון די אויגן, פון די ליפּן. זי האָט זיך נישט איבעריק פונאַנדערגעקליבן אין דעם שמועס, געווען אָבער צופרידן, וואָס ביידע מאַנסבילן רעדן אין איר אַריין, ווילן, דאַכט זיך, ביי איר אויסנעמען, און חוה מיט די גרויסע, ברוינע אויגן האָט זיך געיִשובֿט מיט וועמען צו האַלטן. דאָס וואָס איר הערשל אַרבעט די גאַנצע צייט פון דעם סטרייק, נעמט יעדן שבת אָפּ שׂכי-רות, איז אַזוי זיכער מיט זיך, ווען קרעל סטרייקט שוין פינף חדשים, און דערצו זענען זיינע ציין אַזוי וויס, — דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף חוהן זי זאָל האַלטן מיט קרעלן, זיך שטעלן אויף זיין צד:

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי קרעל איז גערעכט.

אַן אויפגעלייגטער האָט קרעל דערזופט דאָס פערטע גלאָז טיי און אַז ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די קאָנפיטורן, וואָס זענען געלעגן אויף דעם דעק, האָט ער מיט רחבות זיך אַ שטעל אויף געטון, ער האָט ברײדערלעך אַרומגענומען דעם חבר און בשעת מעשה אַרויסגענומען זיין ניקעלן זייגערל:

— הערסט, הערשל, מיר ווייסן אַליין נישט אין וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער צייט מיר לעבן. וואָס, שוין איינס אַזייגער? אָט גייען מיר שלאָפן, ווען ס׳לאַנד איז פול מיט סטרייקס, מיט הונגער, מיט רויבערייען, און מעגלעך, אַז מאָרגן...

— און אַז מיר וועלן זיך מאָרגן פרי אויפכאַפּן, — האָט לעווין מיט שפּאָס אַרויסגעהאָלפן קרעלן, — וועלן מיר ווידער האָבן סטרייקס, הונגער, רויבערייען...

— אויב אַזוי, הערשל, — האָט קרעל געפּילט אויף זיך חוהס ברוינע אויגן, — האָב איך מער ביטחון פאַר דיר.

— אַז אַן אַרבעטער ווי דו, קרעל, וואָס סטרייקט שוין חדשים, קען אַוועקלייגן אַזוינע דיבורים,—האָט לעווין זיך געהיצט,—ווערט מען פּעסימיסטיש

— אַ מענטש דאַרף האָבן אַביסל מער פאַנטאַזיע, הערשל. — איז קרעל געוואָרן אויפגערוימטער.

— ער איז דאָך אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט. — האָט חוה ווי׳לעריש אַ כאַפּ געטון דעם ברוגזן מאַן אונטערן אָרעם.

— ערשט מיר, היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן, זענען די אמתע פאַנטאַזיאָרן, — האָט קרעל זיך צעלאַכט און נאָכאַמאָל זיך איינגעקוקט אין דעם זייגערל, — ס׳איז שוין טאַקע איינס אַזייגער! טאָ האָט מיר אָ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, — האָבן די חברים אים אַרויסבאַגלייט און חוה האָט צוגעגעבן: — פאַרט מיט וואַן-קאָרטלאַנד-סטאַציע.

קרעל האָט זיך געטראָגן פון איין גאָרן אויף דעם צווייטן און איז געבליבן שטיין אויף דער גאַס, וואָס איז נאָך נישט געווען געפלאַסטערט. דאָס פיר-שטאָקיקע הויז האָט איצט אויסגעזען איינגאַנצן פאַרוואָרפן אין אַ העק. אַרום איז געווען ליידיק, וויסט און פון טיפער שטילקייט האָט אַזש געזשומעט אין די אויערן.

ער האָט זיך אַ דריי געטון צום וואַן־קאָרטלאַנד־פּאַרק דאָס פרישגעשניטענע גראָז האָט נאָך געטריפט מיט זאַפט און די לופט איז געווען פול מיט אָנגעלעגענע פלוימען. ער איז געגאַנגען צום סאָבוויי, געזוכט אַ שייכות צווישן זיין פינף־חדשימדיקן סטרייק, דער ראַטנמאַכט און דעם סאָציאַליסטישן פרעמיער פון ענגלאַנד. זיין אויפ־געהייטערטקייט האָט געהאַלטן אין אויסלויפן. קרעל איז צוגעקומען צו די טרעפלעך פון סאָבוויי. אַ טולער, זומפיקער ריח האָט אים אַ שלאָג געטון אין פנים אַריין. ער האָט פאַרגעסן אָן די לעווינס, אָן דער וועלט־איבערקערעניש און דערזען פאַר זיך די באַלעבאָסטע פון זיין דירה, ווי זי וואַרט אויף אים יעדע נאַכט. מעג ער אַהיים קו־מען פאַרטאָג, זי שלאָפט נישט, די מכשפה. וואָלט זי כאָטש געשריגן, אים געטריבן פון דער דירה. זי מאָנט איר דירה־געלט מיט אַ קול, ווי מען באַוויינט אַ טויטן, און אַז קרעל ליגט שוין ביי זיך אין גע־האַקטע צרות, הערט ער נאָך אַלץ, ווי זי באַקלאָגט אים.

דער בילעטן־פאַרקויפער אויף דער פאַרוואָרפענער סטאַציע איז געזעסן אין זיין צימערל און האָט געדרעמלט. קרעל האָט אַריינגע־וואָרפן דעם „ניקל“*), געוואָלט אַ דריי טון דעם פליגל פון דער מאַ־שין, ווי עס איז אויסגעוואַקסן אַ יונג אויף אַלע פיר און האָט זיך געבעטן מיט הינטישער איבערגעבנקייט אין די אויגן, קרעל זאָל אים דורכלאָזן צווישן די שטאַבעטן. קרעל האָט אים דורכגעלאָזט. און אַז דער יונגער טרעמפ האָט זיך שוין געהויבן איבער די טרעפ, האָט דער בילעטן־פאַרקויפער אַן עפן געטון אַפאָר פאַרשלאָפענע אויגן, אַ שולדיקער זיך אַרומגעקוקט און האָט צוריק איינגעדרעמלט.

דער יונג האָט זיך געדרייט איבער דער ליידיקער פלאַטפאָרמע, געזוכט און גענישטערט אין די ווינקעלעך. קרעל איז אים אַנטקעגנ־געגאַנגען:

— וואָס, ביל, סטרייקסט?

— נישט איך סטרייק, די וועלט סטרייקט מיט מיר, — האָט דער טרעמפ מיט דעם ייִנגלישן פנים אַ וויַיל באַטראַכט קרעלן און געוויזן אויף אַ שאָקאָלאַד־אויטאָמאַט, — האָסט אפשר אַן איינציקע „פעני“?

*) = 5 סענט.

קרעל האָט אויפגעזוכט צווישן זיין קליינגעלט פיר איינציקע פעניס און האָט זיי אים געגעבן. דער טרעמפּ האָט זיי קונציק אַריינגעוואָרפן אין דער מאַשין און אַז ער האָט שוין געקייט אַ שאָקאָלאַדקלעצל, האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר קרעלן:

— שוין ניין חדשים, ווי איך בין פון קענטאָקי. כ׳בין געקומען אָן געלט, די קליידער אויסגעריבן, קען איך זיך נישט ווייזן פאַר מענטשן, קען נישט מאַכן דעם ריכטיקן „אָנשטעל”...

— און וווּ האַלסטו זיך אויף?

— ביינאַכט האַלט איך זיך אויף אין סאָבוויי, — האָט ער געביסן דעם שאָקאָלאַד און זיך צערעדט. — מען פאָרט פון בראָנקס ביז סאַוט־פעריּ, און צוריק. ביינאַכט זענען די באַנען ליידיק, ציט מען זיך אויס אויף די בענק און מען שלאָפט. כ׳בין שוין אַמאָל אַ וואָך צייט נישט אַרויס פון אָט דער סאָבוויי...

— און עסן? — האָט קרעל געפרעגט.

— עסן? — האָט דער יונג, וואָס איז געוועזן אויסגעוואָקסן פון די קליידער, זיך געשמאַק באַלעקט, — דאָס איז אַ קלייניקייט. ס׳מאַכט זיך, שלאָגט מען אונטער ביי אַן אַרבעטער, וואָס דרעמלט, זיין מיטאָג, מען ליידיקט אויס ביי אַ שיכּור די קעשענעס און אַז ס׳איז שוין גאָר שלעכט, טיילט מען זיך מיט אַ גוטן־ברודער... כ׳בין נישט קיין איין און איינציקער, ביינאַכט זענען די סאָבווייס פול מיט אונז, די „ווייסע קוילנגרעבער”.

—ס׳איז אָנגעקומען אַ באַן. קרעל מיט דעם טרעמפּ זענען אַריין אין אַ כּמעט ליידיקן וואַגאָן. דאָס ערשטע מאָל האָט קרעל זיך באַגעגנט מיט אַ מענטש, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געאַרבעט, וויל נישט אַרבעטן און וועט נישט אַרבעטן. פון זיך אַליין האָט ער עס צוגעשריבן צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און געזוכט ווערטער, ווי נאָך עס צו דערקלערן דעם קענטאָקער שייגעץ, וואָס גייט גאָרנישט זוכן קיין אַרבעט, ווייל ער גלויבט, אַז ער קען נישט מאַכן דעם ריכטיקן „אָנשטעל”.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אַריינגעוואַקלט אַן עלטערער שלעפּער, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ קאָפּ פון אַן אָריענטאַלישן „כאַכאַם”. פון דעם פאַרשוין האָט זיך געטראָגן אַ שווערער ריח, ווי

פון צוגעלעגן פלייש, ער האָט זיך צוגעזעצט דעם יונגן טרעמפּ, ווי צו אַ חבר, און געוויזן אויף קרעלן:

— ווער איז דייןביישלעפער?

— צוזאַמען אָפּגענאַרט דעם בילעטן־פאַרקויפער, — האָט דער יונג אָפּגעמאָסטן מיט איין אויג דעם אַלטנס קעשענעס, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, און זיך אַ פרעג געטון: — סטיף, אַהערוועגס האָסטו עפּעס „אָפּגעטאָקט"?

— נישטאָ וואָס צו קלאָגן זיך. — האָט דער אַלטער זיך איינגעקוקט אין די אָפענע וואַגאָנעס, וואָס האָבן זיך געשלענגלט אין מיטן לויפן. — ווען די באַן וואָלט נישט געווען אַזוי ליידיק, וואָלט איך זיך אַ לאָז געטון מיט מיין „פּאָרטל".

— ווי ס'איז ליידיק, וועסטו צונויפקלויבן אַ דאָלאַר. — האָט דער יונגער טרעמפּ געעצהט.

דער אַלטער האָט צונויפגעדרייט די רעכטע האַנט, אַז זי איז דינער און קלענער געוואָרן, געציטערט ווי ביי אַ שלאַקרירעגן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פאַרשוויצטן קאַפּעליוש און האָט זיך געלאָזט מיט זיין „פּאָרטל" פון איין וואַגאָן אין צווייטן.

— איך בין צו יונג און צו געזונט פאַר אַזאַ „פּאָרטל", — האָט דער קענטאָקער טרעמפּ איינגערוימט קרעלן, — און וואָס אמת דאַרף איך אַרויס פון דער סאָבוויי, דאַרף זיין אויף דער לופט, אַז נישט וועל איך האָבן אַזאַ סוף, ווי סטיף, דער חבר מיינער.

— האָסט זיך דאָ אין ניו־יאָרק מיט אים באַקענט? — האָט קרעל געפרעגט.

— דאָ אין סאָבוויי. — איז דער יונג געוואָרן אויפגערוימט. — סטיף האָט אַ קאָפּ אויף זיך, ער איז „אַ סקאַלער *) און אַ דזשענטלמען", און אַז ער צערעדט זיך אַמאָל, איז וויפל באָמס ס'זאָלן נישט זיין צעוויינען זיך אַלע.

איידער וואָס־ווען האָט דער „סקאַלער און דזשענטלמען" שוין געהאַט באַאַרבעט די גאַנצע באַן, געשטאַנען מיט די פאָר סענט אין דער האַנט:

---

*) = געלערנטער.

— אַ ביליקער עולם... אינגאַנצן פינף און פערציק סענט... די ביז־נעס אין די סאָבווייס ווערן אַלץ ערגער... צופיל יונגוואַרג האָבן זיך אַ לאָז געטון, — האָט דער אַלטער טרעמפּ געוויזן אויף קרעלן און זיינע בלויע, דינע ליפּן זענען פול געוואָרן מיט שפּאָט, — פון אַ קאַליפאָרניער באַרנע האָט איר געמאַכט אַ צעפוילטע באַנאַנע...

— נישט מיר, — האָבן די ווערטער זיך אַ שאָט געטון ביי קרעלן איבערן ראַנד, — שולדיק איז אונזער אָרדענונג, די קאַפּיטאַ־ליסטישע...

— וואָס, ביסט אַ סאָציאַליסט? — האָט דער אַלטער איבערגע־שלאָגן קרעלן.

— יאָ, כ׳בין.

— ביסטו מיין גרעסטער שונא, — האָט דער אַלטער זיך אַ שטעל געטון און איז צוריקגעפאַלן אויף דער באַנק, — ביי וועמען, ביי וועמען, ביי אייך, סאָציאַליסטן, וועט אונזערער אַ מענטש, אַ „האָבאָ״ אינגאַנצן אונטערגיין. פאַרשטייסט, געשוואָלענער קאָפּ, — איך בין קעגן אַרבעט, כ׳האַלט, אַז אַרבעט איז אַן אומגליק פאַר אַ מענטש. און דו, סאָציאַליסט, ווילסט מיך דווקא איינשפּאַנען אין דער אַרבעט. זענען מיר שונאים, האַ? גיב צו! דערצו האָב איך אַמאָל געאַרבעט ביי אַ פאַרמער, אַ סאָציאַליסט, האָט ער מיר צוגעטיילט דעם ביסן, געהאַלטן ס׳עסן הינטערן שלאָס. ער האָט גערעדט וועגן אַרבעטער־קלאַס און געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיין פאַרם, ער האָט מיר דערציילט די גליקן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און האָט מיר נישט געגעבן עסן צו דער זאַט. דער הינטישער זון האָט מיך גע־טריבן כ׳זאָל ווערן אַ „באָם״, אַ „האָבאָ״, אַ „טרעמפּ״.

— זע נאָר, סטיף, ווער ס׳קומט. — האָט דער יונגער טרעמפּ, אַ צעשמאָלצענער פון דעם אַלטנס „פראָזע״, געוויזן אויף אַ הויכער פרוי, אָנגעטון אין קליידער פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס צייטן. — ווי קומט זי אַהער, דער קאַכלעפל?

— אָ, פלאָר, — האָט דער אַלטער זיך אָנגעבלאָזן, — די רעדט דאָך נישט מיט מיר, די ליידי, בלאָזט זיך, און גלויב מיר, מייק, אַז זי איז אַזאַ „באָם״, ווי מיר זענען, זי איז נאָך ערגער, ראָיעט זיך ווי אַ קראָט אין אַלע פּאַפּיר־באַרעלס...

— העלאָ, פלאָר. — האָט דער יונגער טרעמפּ געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך.

— שוין לאַנג דיך נישט געזען, מייק, — האָט פלאָר זיך אַ וויג געטון איבער אים און די קישעלעך אונטער אירע אויגן האָבן גע-שמייכלט, — געווען „איבערן וואַסער״?

— דערווייל נאָך נישט, פלאָר.

דער אַלטער טרעמפּ האָט זיך געדרייט אויף זיין געזעס, ווי אַן עלעקטריזירטער קאָטער. ער האָט צוגעפּייפט מיט די בלויע ליפּן, געוואָלט צוקעמען מיט די פינגער די פאַרוואָרלאָזטע, קאָלטענעוואַטע האָר, וואָס זענען געשטאַנען, געוואָלט אויסזען שענער פאַר דער „ליידי״. ער האָט מיטאַמאָל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— כ׳וויס פון אַ „ספּיק-איזי״ *) אויף דער פערצנטער גאַס.

— ווערסט צאָלן? — האָט דער יונגער געפּרוווט אַ טאַפּ טון דעם דופּק, — ווייל כ׳האָב נישט קיין געבראָכענעם סענט!

— אַז כ׳רוף, וועל איך צאָלן, — האָט דער אַלטער זיך אַ הויב געטאָן און מיט אַ פאַטש אַראָפּגעלאָזט די האַנט אויף דער הויזן-קעשע-נע, — ס׳קלימפּערט?

אויף דער פערצנטער גאַס האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטון צום אַרויס-גאַנג. דער יונגער טרעמפּ האָט זיך איינגעבויגן צו קרעלן, שטיל איינגערוימט:

— קום, וועלן מיר איינגעצן די פייפערלעך און זי, דאָס מיידל, אַ וואויל מיידל, זאָג איך דיר... קום, ס׳מעג דיר אָנשטיין צו זיין אַ „באָם״!

קרעל האָט זיך פאַרלוירן, געמאַכט מיט די ליפּן, עפּעס געזאָגט. און אַז די דריי טרעמפּס זענען אַרויס פון וואַגאָן, האָט ער זיך אַ ריס געטון, געוואָלט מיטגיין, ווייל ער האָט סיי-ווי-סיי קיין דירה נישט געהאַט. ער איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן פאַר זיך, פאַר דעם מין מענטש, און אַז די באַן האָט זיך גערירט פון דער סטאַנציע, האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּלאַץ, אַ צי געטון דעם קאַפּע-ליוש איבער די אויגן, געליטן, שטאַרק געליטן, וואָס דער מענטש טיילט זיך אין קלאַסן.

---

*) = אַ געהיים שענקל.

קרעל האָט געקוקט אויף די פּאַסאַזשירן און, ווי שטענדיק, ווען ס'איז אים נאָר אויסגעקומען אין מיטן נאַכט אַהיימצופאָרן, האָט ער איצט אויך געטראַכט, מיט וואָס די פּאַסאַזשירן מיט די אויסגעשלאָפענע, אויסגערוטע פּנימער, וואָס מען זעט זעלטן בייטאָג, באַשעפטיקן זיך? ער האָט איבערגעוואָרפן יעדן פּאַסאַזשיר באַזונדער, אויסגעפונען, אַז כמעט אַלע האָבן ווייסע, איידעלע הענט, בלייכע קוים באַוועגלעכע פּנימער, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל די זון נישט אָנגעזען, געשלאָפן גאַנצע טעג, און מיט דער נאַכט, ווי נאַכטוואַנדלער, זיך געלאָזט איבער די גאַסן, איבער די באַנען, דעמאָנסטרירט מיט זייער קלאַס — דעם קלאַס קאָרטנשפּילער און גנבים.

1929

# לערער

שוין דער צווייטער מעת-לעת ווי דער שניי פאַלט, מאַכט לענגער דעם גרויען, איינגעלאָפּענעם טאָג. אויס גאַס, אויס טראָטואַר — אַ ברייטער וועג, וואָס איז אי בלוי, אי ווייס. און איבער דעם וועג, טיף אין שניי, דעכער, דעכלעך, פּלויטן און טעלעגראַף-סלופּעס. אַרום די טעלעגראַף-דראָטן איז דער שניי האָריק, הענגט, ווי צעדריבלטע וואַטע, ווי פּראַנזן.

די שויבן פון דער לעקערט-שול, ווו דער פאַרדאַרטער קיט האָט שוין לאַנג זיך אויסגעקרישלט, די אויסגעבויגענע בילדער פון לענין און פּרץ, וואָס הענגען איבערן פענצטער — אַלץ צעטרייסלט זיך ביי יעדן ריס פון ווינט. איבער דער טיר, וואָס שטייט אָפּ, איבער די דינע הילע ווענט טראָגט זיך אַ קלאַפּערײַ פון פינגער: — לאָזט אַריין, לאָזט אַריין.

שלמה, אַ ניו-יאָרקער לערער, מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן, שטייט אין פענצטער און ווייסט שוין אַליין נישט, צי עס שנייט פון אויבן, צי פון אונטן, צי מען וויל גאָר פאַרשיטן די וועלט מיט פוך-פעדערן. און אַז דאָס קליינע אייוועלע קאָן נישט באַהייצן די קאַזאַרמע, וואָס איז אי אַ קינדער-שול, אי אַ שלאָפצימער, אי אַ קיך — דאָס אַרט נישט שלמהן. און אַז ער, שלמה, קריגט איינמאָל אין צוויי וואָכן, איינמאָל אין דריי וואָכן שכירות, איז וואָס? און אַז די דירה איז גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר קיין קינדער-שול? עס איז גאָר אַ געוועלב, וואָס איז חדשים געשטאַנען ליידיק, און דער ווינטער קאָן אַלץ נישט אויספּירן דעם ריח פון אויל און הערינג? שלמה שפּרייזט-איבער די אַלע מניעות, לאַכט, כאָטש די אויגן בלייבן טרויעריק, און אַז מען דאַרף — מעג עס זיין אַ געוועלב, אַ חורבה — אַבי ער לערנט מיט קינדער יידיש.

דאָס אַלץ וואָלט אים נישט געאַרט, אפילו נישט אָנגעגאַנגען. עס עגבערט אים אָבער יאָ און ער ליידט, וואָס די „פּלו" און דער שווערער קאַנאַדער ווינטער האָבן צעיאָגט די קינדער פון זיין שול, פון דבורהס שול.

ביידע, ער און דבורה, האָבן זיך געריסן פאָרן אין דער פּראָווינץ. ווו עס פעלן כוחות, ווו דער יידישער מענטש איז פאַרגרעבט — פעדלט ער, האַנדלט ער, קינדלט ער און האָט גרויס אָפּשיי פאַר געלט. שלמה און דבורה גלויבן נאָך איצט, אַז מען קאָן דעם צוריקגעשטאַנענעם מענטשן איבערמאַכן, איבעראַנדערשן. זייערע קינדער — אַוודאי און אַוודאי. האָבן ביידע לערער, איבערגעגעבענע, פאַרליבטע, זיך פאַרקליבן אין אַ קאַנאַדער שטעטל, צוגעהונגערט און געלערנט מיט קינדער יידיש, זיך צוגעקוועלט און געשפּילט מיט פעדלערס טעאַטער, זיי פאַרגעלייענט שלום-עליכמען, פּרצן, גערעדט מיט זיי וועגן העסן, מאַרקסן און לענינען.

איצט איז דבורה קראַנק. נישט ווייט פון אייוועלע, הינטער אַ שפּאַניש ווענטל, ליגט זי אויף אַן אייזערן בעטל און פיבערט שוין דעם פערטן טאָג. איר קאָפּ ווערט לייכטער, לופטיקער, הויבט זיך, דאַכט זיך, פון קישן. די הענט קריכן אַרויס פון די קאָלדרעס, דעקן זיך אָפּ. די ברוינע אויגן, פאַרלאָפענע, ווי ביי איינעם, וואָס וויל אַ נאָס-טוך און קאָן נישט, קוקן אויף דער וואַנט, ווו עס הענגט אַ שמאָלער טאָוול — אַרבייטער פון אַלע לענדער... און איבערן טאָוול — מאַרקס, אַ באַוואָקסענער. אויף די הייסע צעשפּאָלטענע ליפּן, ווו די הויט שיילט זיך, קלייבן זיך טענות:

— ווער איז שולדיק, וואָס אין שטעטל איז נישטאָ קיין פאַבריקאַרבייטער? און די בעל-מלאכות — די שניידערס, די שוסטערס, סטאָליאַרעס? ניין און ניין און ניין! אוממעגלעך זיי אָפּצורייסן פון דעם מנין, פון דער תּלמוד-תּורה, אוממעגלעך זיי אַריינצוציען אין דער שול-אַרבייט. האַ, מאַרקס, וואָס זאָגסטו דערויף? דווקא די פעדלערס, די קרעמערס, וואָס לעבן פון גזלה, פון גנבה, זיי שטיצן סטרייקערס, זיי לאָזן דיך נישט אַרויס פון מויל, מאַרקס, זיי גלויבן אין דיר, אין דיין תּורה. וואָס זאָגסטו דערויף?

די בייכיקע רוקנס פון די ביכער, וואָס זענען צעשטעלט אויף די

פּאָליצעס. שווייגן. די קאַלטע לעקערט-שול, וואָס מען קאָן נישט דער-הייצן, שווייגט. שלמה, אַזאַ הויכער, אַזאַ שמאָלער, פאַרנעמט גאָר קיין פּלאַץ נישט, שטייט אין פענצטער און שווייגט אויך. און אַ טריט ווייטער — שניי, שניי, שניי. און אין שניי דער יידישער ישוב — איין-און צוויי-גאָרנדיקע שטיבלעך, ווו מען בענטשט נאָך פרייטאָג-צו-נאַכט ליכט. די מקווה הייצט זיך — מאַמעס זאָלן קינדלען אָן אַ חשבון. דאָס יונגוואַרג רייסט זיך קיין ניו-יאָרק, בענקט. און אַז דאָס בענקען ווערט גאָר גרויס, רייסט איינער זיך אָפּ פון דער העלער הויט, אַנטלויפט מיט אַ פראַנצויזקע, צי פאַרקערט, און דער ישוב נעמט גיין אויף רעדלעך, שאָקלט פאַר אַ ווײַלע אַראָפּ פון זיך דעם טרויער.

דער אָוונט, אַ גרויער, רוקט זיך פון די ווינקלען, פון אונטער די בענק, מאַכט קלענער דאָס צימער. דורכן פענצטער הויבט זיך דער שניי, טראָגט זיך פאַרביי אין ליליע פאַסמעס. און אין דרויסן רייסט דער ווינט שטיקער, פאַרקלייבט זיך אין די שפּאַרעס פון די ווענט, פון דאַך, היילט ווי אַ הונט, דער פלאַם אין אייוועלע צעברענט זיך, סיקעט, טרייבט פון זיך די גרויקייט, רויטלט זיך אויפן דיל.

— של-מ-ה.

האָט דבורה אים גערופן? זי געדענקט אַליין נישט. זי קוקט אים נאָך, ווי ער שפּאַנט צווישן די בענק, די הענט טיף אין די הויזן-קעשענעס. ער פאַרטשעפּעט דאָ אַ לערנביכל, דאָרט אַ לערנ-ביכל, הערט נישט ווי די ביכלעך פאַלן הינטער אים און שפּרייזט ווייטער. שלמה וויל וויסן, צי ער און דבורה האָבן טאַקע געשלעפּט אַ גאַנצן זומער אַ שטיינדל צו אַ שטיינדל, צי זיי האָבן טאַקע גע-שלעפּט ליים, געקנאָטן ציגל, זיי געטריקנט, געברענט, און איצט, ווען מען דאַרף זיך שטעלן בויען, האָט אַ וואַרץ-יאָר אָנגעטראָגן אַ „פּלו״... ליגט דבורה, ליגן העלפט קינדער, און די לעקערט-שול פוסטעוועט, שלינגט-איין צוויי מאָל אַזוי פיל קוילן און קאָן זיך נישט דערוואַרעמען.

— שלמה! של-מה!

— רופסט מיך?

ער שטייט שוין אַ געבויגענער איבער דבורהן, האַלט איר היי-סע האַנט אין זײַנער, פרעגט שטיל, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקער:

— ווילסט עפּעס?

— זיך לעבן מיר.

— וואָס איז, טייערע? מיינסט די היץ האָט זיך געהויבן?

— כ׳האָב מורא!

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל?

ער רוקט אָפּ דאָס טישל מיט די אָנגעוואָרפענע ביכלעך, מיט די פלעשלעך און שאַכטלעך, זעצט זיך אויפן בעט-פאָרענטש און בעט זיך ביי איר:

— אפשר דיר אָנוואַרעמען אַ גלאָז מילך מיט וואַסער?

— כ׳וויל נישט. די מילך קריכט מיר שוין פון האַלז.

— דאַרפסט דאָך אָבער עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

— ווען ס׳וואָלט געווען אַביסל קאָניאַק... — ענדיקט נישט דבורה.

— מען דאַרף טאַקע קריגן אַביסל קאָניאַק. — וויל זיך שלמה אַ הויב טון. — כ׳וועל אַריבערלויפן צו אונזער לעווינען, האַ?

— זיך, גיי נישט. — האַלט אים דבורה צו. — כ׳וויל נישט בלייבן אַליין.

עס איז אַ ווײַלע שטיל. דאָס גרויסע צימער איז שוין אינגאַנצן איינגעלאָפּן, וויקלט זיך אין דעם חושך, וואָס בלייבט שטיין אַ דריי איילן פון דעם אייוועלע. דער ווינט קלאַפּט-אָן אין לויזן פענצטער, אין דער טיר, וואָס שטייט-אָפּ, ברענגט מיט זיך דאָס הירזשען פון אַ פערד, דאָס געקלאַנג פון שליטן-גלעקלעך.

דבורה, אַ צעפּלאַמטע פון פראָסט, פאָרט מיט אַ געפּאַקטן שליטן קינדער. דער שליטן טראָגט זיך באַרג-אַראָפּ, הייבט זיך, פאַלט, לויפט ווייטער און קאָן נישט אַרויס פון די וואָלקנס שניי. באַפּעלצטע קינדער לאַכן, קייקלען זיך, און מיטאַמאָל צערינט אַלץ.

— האַ? — קוקט דבורה אויפן צעגליטן אייוועלע — איז טאַקע אַלץ אויס?

— וואָס אַלץ?

— כ׳מיין, — כאַפּט דבורה אויף שטיקלעך געדאַנקען, ווי מען העקלט אויף אַראָפּגעלאָזטע „אויגן” פון אַ זאָק, — כ׳מיין, ס׳בלייבט טאַקע קיין זכר נישט?

— גיי שוין, גיי, — נעמט שלמה פעסטער אירע הענט אין זיינע,

— וואָס דיר קרילט אַלץ אין קאָפּ אַריין! מיר טאָרן נישט קראַנק זיין, דבורה. נישט דערצו האָט מען אונז אַראָפּגעשיקט אַהער. „איפּ-דע״ (קומענדיקע) וואָך דאַרפן מיר זיך אַ נעם טון, און אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ, אַן אויפפירונג מיט די קינדער, אַן אויפפירונג מיט די דערוואַקסענע, מען דאַרף זען אַראָפּברענגען פון ניו-יאָרק אַ לעקטאָר.

— און איך זאָג דיר, שלמה, אַז מען ליגט מיט הונדערט פיר היץ, און איינדרויסן איז אַזאַ ווינטער, ווו אַלץ, ערד, וואַסער, איז פאַרקאָוועט, זעט מען זאַכן אַנדערש... מען הויבט אָן גלויבן...

— אין וואָס? — האָט שלמה אין זיך געשמייכלט.

— וו׳הייסט אין וואָס? קוק אויף לעניגען, אויף פרצן, אויף שלום-עליכמען, — פאַר מיר זענען זיי אומשטערבלעך... און אויב זיי זענען אומשטערבלעך, איז יעדער מענטש אויף זיין שטייגער אומ-שטערבלעך... דו, שלמה, גלויבסט דאָך אויך, אַנדערש וואָלסטו נישט גע-זעסן אין אַזאַ העק, אין אַ קאַלטער שטוב, אָן שכירות, און פאַרזאָרגט די אַלע פעדלערס דאָ, זייערע קינדער זאָלן קענען יידיש...

— פאַרוואָס, רעכנסטו, האָסטו הונדערט און פיר? — האָט שלמה זיך אַ בויג געטון איבער דבורהן און אַ מורא האָט זיך גענומען הויבן אין אים — ברענסט טאַקע?

— ס׳איז מיר גאָרנישט, שלמה. — האָט דבורה געעפנט דאָס מויל און די היץ האָט זיך אַ שפּאַר געטון שלמהן אין פּנים אַריין.

די טיר האָט זיך געעפנט, אַריינגעלאָזט אַ ווייסן וואָלקן, און פנימער האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן.

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

— וואָס מאַכט זי, דבורה?

שול-טוער, לעווין מיט דעם ווייב, גראָס מיט דעם ווייב, סיגעל, האָבן אויפגעדרייט די עלעקטרישע לעמפּלעך, צעשטעלט אויפן טיש ווער פּאָמעראַנצן, ווער עפּל צו בראָטן, ווער אַ גלאָז איינגעמאַכץ.

— מען דאַרף איר גאָר געבן אַ גוטן טרינק, — האָט לעווין אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשל קאָניאַק, — פאַר דער „פלו״ איז עס די בעס-טע מעדיצין.

די ווייבער האָבן זיך צוגעזעצט צו דבורהן און די מענער

האָבן אַרויסגערוקט דאָס טישל, זיך אַרומגעזעצט. לעווין, דער פּאָרזיצער, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ בלייפעדער אין טיש:

— וואָס האָבן מיר צו פאַרהאַנדלען?

— אַסך, זייער אַסך. — האָט דער לערער פאַרגעסן, אַז דבורה איז קראַנק און גענומען אויסרעכענען: — וועגן נייע קינדער, וועגן אַ שול-געביידע, וועגן אַ לעקטאָר פון ניו-יאָרק, וועגן דעם ענגלישן עלעמענט אין יידיש, וועגן... כ׳ווייס, וועגן קוילן...

---

# קלאַסנקאַמף

פאַר פסח זענען די פּלאָצקער שניידער- און קירזשנער-געזעלן צוגעשטאַנען צו די מייַנסטערס, אַז אין די נייע צעך-וואַלן זאָל איינער פון די פינף גבאים זיין אַ פועל.

די פאַרמעגלעכע מייַנסטערס האָבן זיך נישט שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט, אַפילו צוגעזאָגט מיט אַ האַלב מויל, ווייל זיי אַליין זענען נישט געווען אינגאַנצן כשר, האָבן געאַרבעט מיט פיר-פינף געזעלן, וואָס איז לויט די צעך-תקנות געווען פאַרווערט. דערצו האָט די אַרבעט געברענט אונטער די הענט, מען האָט געניית ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, געזען צו פאַרענדיקן אויף יום-טוב די יידישע און גויישע בגדים. אין אַזאַ צייט האָבן די מייַנסטערס זיך נישט געוואָלט אייַנרייסן, זענען געוואָרן צוגעלאָזן, און די געזעלן זענען בייַ זיך געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועלן זיי אויספירן, מען וועט נאָכגעבן זייער פאַרלאַנג.

חול-המועד פסח, אין דעם טאָג פון די וואַלן, האָבן די געזעלן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט די געוועזענע צעך-גבאים אויסגעקליבן אויף נאָך אַ יאָר.

די געזעלן, וואָס זענען געבליבן מיט אַ נאָז, האָבן זיך גענומען בונטעווען. זיי זענען געלאָפן צו ר׳ יאָסעלע פרנס, אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט אויסגעבאָרגט געלט אויף היפּאָטעקן, אויף משכנות, ער זאָל בטל מאַכן די וואַלן. ר׳ יאָסעלע האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף איטשע פיגוט, דעם רייַכסטן שניידער אין שטאָט, וואָס איז אים, דעם פרנס, שטילערהייט געקראָכן אין וועג אַריין. דער שניידער האָט גענומען פופצן גראָשן אַ וואָך פראָצענט פון הונדערט גילדן, ווען דער פרנס האָט, לויט די תקנות פון קהל, גענומען בייַ אַ ייד צוואָנציק גראָשן

און ביי אַ גוי אַפּילו אַ גילדן. דאָס האָט דעם פּרנס געבראַכט אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געזוכט וועגן ווי נאָך צו פאַרמאַכן די „חברה בעל-מלאכות". און אַז די געזעלן זענען צו אים געקומען, האָט ער זיך גלייך געשטעלט אויף זייער צד:

— אַוודאי נייע וואַלן, — האָט דער פּרנס, אַ דאַרער, געבויגע-נער ייד, אַ צי געטון דעם שטערן, ווו די קנייטשן זענען פול גע-ווען מיט לומדות און פּראָצענט, — איר דאַרפט באַשטיין אויף דאָס אייערקע, נישט נאָכגעבן. און טאַקע, בלי-נדר, מאָרגן נישט לאָזן מקבל-שבת זיין. און אַז די מייסטערס וועלן זיך שטאַרק איינשפּאַרן, וועט קהל ביי זיי צונעמען די „חזקות" און איר, פאַדמייסטערס, וועט ווערן די מייסטערס.

צומאָרגנס, ווען די שול איז שוין באַלד פול געווען, מען האָט זיך געקליבן שטעלן דאַווענען, האָבן זיך שטאָטישע און פרעמדע געזעלן מיט לערן-יינגלעך, איבער אַ מאַן הונדערט, גענומען שטופּן צום מזרח. מיטן שטופּן זיך האָבן די איינגעפונדעטע פון דורות „שטאַנדן" זיך גענומען אָפּווישן, אויס „מורה-מורנוס", אויס יחסנים. פישל מיטן אויס-געגאָסענעם קאָפּ, וואָס האָט קיינמאָל ס'מויל נישט געקענט עפענען, האָט זיך געריסן מיט אַ פרעמד קול אויף אַפּריער:

— מיר וועלן נישט לאָזן מקבל-שבת-זיין!

— מיר ווילן נייע וואַלן! — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

דער עולם האָט זיך גענומען רוקן פון די „שטעט" — לומדים, סוחרים, בעל-מלאכות. מען האָט זיך געקליבן אַרום דעם רב, אַרום די דיינים, פאַרגעסן, אַז ס'איז פרייטאָג-צו-נאַכט. און דער חלל צווישן די שול-ווענט איז געשווילן פון די קולות.

— אַוודאי ווילן מיר נייע וואַלן! — האָט אַ געזעלן געשאַרט די אַרבל פון דער קאַפּאָטע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עמעצן שלאָגן — די „שומרי תקנות" האָבן היי-יאָר פאַרזען אַביסל עוולות! ווייסט איר, אַז ביי איטשע פיגוט האָבן אַ גאַנצן ווינטער געאַרבעט זעקס געזעלן, אַחוץ לערן-יינגלעך, ווען ער האָט געמעגט באַשעפ-טיקן בלויז צוויי?

— און ביים געלן משהן פינף!

— אַז זיי, די מייסטערס, כ'מיין די בערן, — האָט זיך

אַרויסגערוקט אַ באַוואָקסענער גזעלן, וואָס האָט גיכער געהאַט דעם אָנבליק פון אַ לערנער, ווי פון אַ שניידער, — אַז זיי האָבן אַריינגע־כאַפּט די גאַנצע אַרבעט, האָב איך, אַ גזעלן, (כ׳בין שוין פיר יאָר גזעלן), קוים געהאַט דעם היי־יאָריקן ווינטער צוויי טאָג אַ וואָך אַר־בעט, ווילט איר מיר איינרעדן, אַז די גבאים און די „שומרי־תּקנות" האָבן עפּעס געטון, וואָס ס׳האָט אַ ממשות?

— זיי האָבן יאָ געטון! — האָט זיך אַ בעל־מלאָכה אָנגערופן.

— וואָס?

— זיי האָבן געמאַכט סעודהלעך, דאָס יאָ, געגעסן פייגן־צימעס־לעך אויף אונזער חשבון!

— ווער פרעגט ביי אייך עצות, יונגאַטשן, עזות־פּנימער? — האָט איינער פון די גבאים מיט אַ צוויי־פּונטיקער באָרד, אַ רויטלעכע, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם געפלאָכטענעם גאַרטל, זיך צעשריען—איר האָט טענות? רופט אונז צום רבֿ!

— אָבער אַז איר האָט געהעכערט דעם אָפּצאָל פון אונזער יאָר־לוין, האָט איר אונז נישט גערופן צום רבֿ? אָנשטאָט אַ גראָשן פון יעדן פאַרדינטן גילדן, ווילט איר אַנדערהאַלבן!

— איר וועט קריגן ס׳חולה־מעיים מיט „ריפּקולן"!

— מיר, מייסטערס, צאָלן דאָך אויך! — האָט דער גבאי אַ צע־נעם געטון די באָרד אין צוויי פלעדערווישן.

— אויב מיר, געזעלן, צאָלן אַ גראָשן, דאַרפט איר צאָלן פינף גראָשן פון יעדן פאַרדינטן גילדן! — האָט דער יונג אַ כאַפּ געטון דעם גבאי פאַר די לאַצן. — שאַ, כ׳האָב אַ פּלאַן, אויב איר דערלייגט יאָ די באָבעס ירושה, לאָמיר זיך טוישן, איך וועל ווערן מייסטער און צאָלן בתשואות חן אין דער צעך־קאַסע פינף גראָשן פון יעדן פאַרדינטן גילדן און איר ווערט ביי מיר אַ געזעלן און צאָלט נאָר אַ גראָשן. וואָס שווייגט איר?

— נישט דערלעבן וועסטו עס, דו אַרצי־מחוצף!

— איז אויס אָפּצאָל!

— און אויס צעך!

— מאַכן מיר שבת פאַר זיך!

— מיר מאַכן אַן אייגענעם צעך!

— אַז די גבאים אונזערע שעמען זיך מיט זייער מלאכה. — האָט דער באַוואַקסענער געזעלן אַ כאַפּ געטאָן ר׳ יאָסעלע פּרנס, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך נישט געמאַכט הערן ווי די שניידער־יונגען ווירטשאַפטן אַרום. — איטשע פיגוט, דער גלעזער משה, ס׳חסידל האַלטן זיך אין איין „מענטשלען״, וועלן זיך שוין באַלד איינקויפן „מורנוס״ אויך. איטשע פיגוט קלייבט זיך די אַנדערע טעג פסח אי־בערצואַרבעטן זיין „קלאַפּאָווע״ היטל אויף אַ שטריימל. קהל ווייסט נישט, אַז ביי זיך אין שטוב האָט ער שוין לאַנג אויסגעטאָן דעם מאַנטשעסטער־קאַפּל און זיך אָנגעטאָן אַ סאַמעטענעם. וואָס דאַרף ער שניידעריי, אַז די גאַנצע וואַרשעווער גאַס נעמט ביי אים געלט אויף פּראָצענט.

— שיינע חטאים האָסטו האָסטו אויסגעזוכט אויף איטשע פיגוט. — האָט אַ מיינסטער אָפּגעשטופּט דעם געזעלן און מיט הכנעה אַ זאָג געטאָן צום פּרנס. — ווען גאָט העלפט מיר, וואָלט איך אויך אָנגעטאָן אַ שטריימל...

— מאָל דיר, אַז דו וואָלסט דיר נישט אָנגעטאָן, — איז דער צע־קנייטשטער שטערן ביים פּרנס פול געוואָרן מיט לומדישער בייזקייט.

— קהל האָט נאָך אויך עפּעס וואָס צו זאָגן!

— וואָס מיינט דערי פּרנס? — איז די זיכערקייט ביים בעל־מלאכה צערונען.

— כ׳מיין, אַז געלט איז נישט אַלץ. — האָט דער פּרנס אַן עפּן געטאָן די פאַרקוועטשטע פויסטן און לאַנגע פינגער, נישט קיין צען, נאָר אַ דריי מאָל צען, האָבן זיך צעשאָטן פאַרן שניידערס אויגן. — ווי לאַנג איך בין פּרנס אין פלאָצק, מעג אַ בעל־מלאכה רייך ווערן ווי קורח, וועט ער אַלץ קיין שטריימל נישט טראָגן!

— און איטשע פיגוט טראָגט שוין אַ שטריימל. — האָט דער שניידער זיך צעלאַכט מיט אַזאַ ניצחון, אַז ביים פּרנס איז אָפּגערו־נען ס׳חיות פון די באַקן און ער איז געבליבן שטיין אָן מראה.

פיגוט, אַ הויכער, אַ ברייטער, האָט זיך נישט גוט געפילט אי־נעם שטריימל, וואָס ער האָט ס׳ערשטע מאָל אָנגעטון. ער האָט גע־האַלטן אין איין דרייען מיטן קאָפּ, געפינטלט מיט די אויגן, געווען זיכער, אַז אַלע קוקן אויף אים.

דער פרנס האָט אַ געשריי געטון צום שמש, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַלעמער:

— מאָטקע! קום אַהער, מאָטקע!

— אָט בין איך. — איז דער שמש אונטערגעלאָפן.

— גיי זאָג איטשע פיגוט, ער זאָל תּיכּף גיין אַהיים אויסטון ס'שטריימל און צוריק אָנטון זיין „קלאַפּאָווע" היטל. ווי לאַנג פּלאָצק איז אַ שטאָט, איז נאָך קיין בעל-מלאכה נישט געגאַנגען אין אַ שטריימל און ער וועט ווייטער נישט גיין!

— זאָג דעם פּרנס, — האָט דער קאָפּ ביי פיגוטן געציטערט פון רוגזה און דאָס שטריימל איז אים אַריבער די אויערן, — אַז אויב ס'שטייט אים נישט אָן מיט מיר צו דאַווענען אין איין שול, האָט ער אַ ברירה.

— פיר אים אַרויס פון שול! — האָט דער פרנס געקלאַפּט מיט דער פויסט אין שטענדער.

— פרנס-לעבן, — איז דעם שמש געוועזן ווינד-און-וויי, — איטשע איז אַ גבר און איך? כ'פּאַטש קוים מיט דער נשמה!

— נעם דעם פאַדשמש דיינעם צו הילף, נעם דעם שבת-גוי אַנטעקן, נעם, נעם... אַבי דעם שניידער-יונגס געביין זאָל מער דאָ נישט זיין! און נאָך היינט ביינאַכט וועל איך קריגן אַ ערלויבניש ביים בורגמייסטער אים צו שמייסן, ער וועט ביי מיר אַריינכאַפּן צען ריטער, וועט ער פאַרזאָגן זיינע קינדס-קינדער קיין שטריימלען נישט אָנצוטון.

— וואַרפן וועט ער מיך מיטן שבת-גוי? — האָט איטשע פיגוט זיך געריסן צום פרנס און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, ווייל איבער אַ מנין מענטשן האָבן אים צוגעהאַלטן — בלוט זאָל זיך גיסן און איך וועל דאָס שטריימל נישט אויסטאָן!

— וועסט אויסטאָן! וועסט אויסטאָן! — האָט דער פרנס קאָמאַנדעוועט פון זיין מזרח-שטאָט, זיך נישט געלאָזט איינגעמען פונעם רב, פון די דיינים, אַז עס איז אַ חילול-השם. און אַז די דריי שמשים האָבן זיך באַוויזן מיטן שבת-גוי און מיט זיין געהילף, איז דער פרנס זיי פאַרלאָפן דעם וועג און געוויזן אויף פיגוטן: — וואַרפט אים אַרויס! שליידערט אים אַרויס.

— דער באַוואַקסענער געזעלן האָט געבורטשעט. ער האָט פאַרגעסן

פיגוטס עוולות, געפילט, אז מ'ען וואַרפט דאָ נישט פיגוטן. מען וואַרפט יעדן בעל-מלאכה, און ער האָט אַ געשריי געטון:

— חברה, וואָס עפּעס וואַרפן?

— לאָזט נישט!

— טאַקע, וואָס לאָזט איר וואַרפן? — האָט דער גבאי פון צען מיט דער צוויי-פונטיקער באָרד אַ זאָג געטאָן צו די געזעלן — איר האָט ביי אונז אַן עוולה? ס'איז אייגן בלוט, מיר וועלן דורכקומען... על הן שלי, אַז מיר וועלן מאַכן אַן אייעריקן פאַר אַ גבאי, צי פאַר אַ משגיח, מיר מישן זיך אַסך אין „קהל"? אַ בעל-מלאכה איז ביי זיי טרייף? טאָ לאָזן זיי זיך ביי אונז אויך נישט מישן!

— גערעכט!

— לאָזט נישט, חברה!

די געזעלן, די לערן-ייִנגלעך, די בעל-מלאכות — מען האָט גע-כאַפּט וואָס ס'איז געקומען אונטער דער האַנט, זיך געוואָרפן אויף די שמשים, אויף די צוויי שבת-גויים, אויפן פּרנס. הענט, פיס האָבן זיך געזויקלט, אויפגעוויקלט, אומגעוואָרפן מענטשן, שטענדערס, געריסן, געמראָטן שריימלעך, און די קנויל האָט זיך געקאָלטנט. איז גע-וואָקסן, האָט געשריען מיט אומגעהאַרישע, באַנומענע קולות.

# דער שליטל

די שטאָט פֿון שטיין און ציגל, וואָס איז געלעגן אויפֿן רעכטן ברעג דניעפּער, ווי אַן אָפּגעקומענע פּריצהטע, איז סוף יוני אײַנגאַנצן געווען באַדעקט מיט גרינס.

ברייטע גאַסן, געפּלאַסטערטע, וואָס זענען געווען ווײַבלעך צע־לייגט, האָבן זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף. פֿאַר די הײַזער, ווו דער טינק האָט זיך געשיילט פֿון די ווענט, ווי קראַנקע הויט, די ציגל האָבן זיך געקרישלט, זענען געשטאַנען ביימער און געוויקסן־דלעך. די פֿאַרנאַכטן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אָפּגעבליטן בעז, מיט פֿריש־געשניטן גראָז, מיט יונג לייב, האָבן נישט געלאָזט אײַנזיצן, געריבן, גענאַניעס, ווי די צעשאָטענע טענער פֿון פֿאַרבענקטע האַרמאָניקעס.

אויפֿן סאַמע באַרג אַרויף מאַרקס־גאַס האָט זיך געריסן אַ זעקס־שטאָקיק הויז, אַ ליכטיקס, גלייך עס וואָלט געווען אויסגעגאָסן פֿון ווײַסן גיפּס. דאָס הויז, אָפֿן צו אַלע פֿיר זײַטן שטאָט, איז פֿול גע־ווען מיט פֿענצטער, מיט באַלקאָנען, מיט געזימסן און קאַרניזלעך. עס האָט געבלענדט און געפֿינקלט מיט שויבן און שײַבלעך. אַן עלעקטרי־שע ווינדע האָט זיך געהויבן פֿון שטאָק צו שטאָק, געפֿירט אין לאַנגע קאָרידאָרן, אין ברייטע, ליכטיקע צימערן, ווו די ווענט זענען געווען דיק און מאַסיוו, די דילן — פֿאַרקעט און די סופֿיטן אין קאָלירטע פֿרעסקעס.

פֿאַר דער מלחמה איז דאָס געווען דאָס שענסטע הויז אין שטאָט. דאָ האָבן געוווינט די שטאָט־טאַטעס און דער ווירט פֿון הויז, דער צוקער־מאַגנאַט באָריס ליעוו — צוזאַמען זעקס משפּחות.

איצט, נאָך דער מלחמה, צען יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, ווען

מען האָט באַשטימט פּאַר אַ מענטש אַזוי פיל און אַזוי פיל קלאַפּטער לופט, האָבן זיך אין דעם הויז באַזעצט איבער פערציק משפחות. צו מיינסטן די נייע שטאָט־טאַטעס און אַביסל אַרבעטער. פון די אַמאָליקע איינוווינער איז געבליבן בלויז דער באַלעבאָס, באָריס ליעוו, פון די צוועלף צימערן האָט מען אים איבערגעלאָזט די קיך און דעם זאַל.

דער זאַל איז געווען אָנגעפּראָפּט, נישט דורכצוגיין, — אַ פּיאַנאָ, אַ וואָלטער־שטול, ווו דער לעדער איז שוין געווען אויסגעריבן, אַ לאַנגער פיר־עקיקער טיש מיט שטולן, אַ קליידער־שאַנק, אַ געשניצטער קרעדענס, אַן אָטאָמאַנע. הינטער אַ שפּאַנישע וואַנט מיט אויסגעמאָלטע כינעזישע פייגל — אַ הימל־בעט אָן אַ חופּה און אַ טואַלעט־שפּיגל.

אויבן־אָן, צווישן צוויי פענצטער, זענען געהאָנגען אין שווערע באַגילדטע ראָמען ליעווס טאַטע־מאַמע. דער פאָטער, — דער גרינדער פון דער צוקער־פאַבריק, — אַ חסיד אין אַ צילינדער־הוט, די געצוויקטע באָרד פאַרקעמט אין צוויי שפּיצן, און דער בליק, אַ זיכערער, אַ שטרענגער, פון אַ ייד אַ תּקיף. די מוטער — אַ רבנישע טאָכטער מיט חן־גריבעלעך, מיט וואָרצעלעך. דאָס איטאַליענישע שטערנטיכל מיט שפּיצן ביז די שוואַרצע ברעמען און די בריליאַנטענע דרייגאָרנדיקע אוירינג האָבן כמעט ווי אָנגערירט די אַקסלען.

קעגנאיבער זענען געהאָנגען ליעווס שווער און שוויגער. דער שווער — אַדוואָקאַט גרוזין מיט זיין גאָגאָל־טשופּרינע איבערן שטערן, מיט די קלוגע אויגן הינטער די ברילן, און די שוויגער — דער קאָפּ ווייס, דאָס יונגע פּנים לענגלעך, ווי געשניצט אין ביין.

דיביידע משפּחות האָבן זיך ביים לעבן אַרומגעריסן, נישט גערעדט צווישן זיך און זיך פיינט געהאַט. דער חסיד ליעוו האָט ביזן טויט נישט מוחל געווען דעם זון, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן „אַדוואָקאַטלס" טאָכטער, מיט דער קבצנטע, ווען מ'האָט אים גערעדט שידוכים מיט הונדערט טויזנט רובל.

ערשט נאָכן טויט האָט דער זון, באָריס ליעוו, די ביידע משפּחות צונויפגעפירט אונטער איין דאַך. טאַטע־מאַמע האָט ער אויפגעהאָנגען ביי זיך אין קאַבינעט, ווו אַלע ירושה־אַקטן זענען געלעגן אין אַ געהיימער, שטאָלענער קאַסע, וואָס איז געווען קונציק

איינגעמויערט אין אַ וואַנט. שווער און שוויגער האָבן באַשיינט דעם זאַל, זענען געהאָנגען איבער דער פּיאַנאָ.

נאָך דער רעוואָלוציע, ווען מען האָט ביי ליעוון צוגענומען דעם קאַבינעט און ער האָט טאַטע-מאַמע געמוזט אַריבערטראָגן אינעם זאַל, ווו שווער און שוויגער זענען געהאָנגען, איז דער זאַל ווי איינגעלאָפּן, ענגער געוואָרן. עס איז געווען אַ רחמנות אי אויף די ליעווס, אי אויף די גרוזינס, וואָס האָבן געדאַרפט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת זיך קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן מיט דער גאַנצער גאווה און רוגזה פון פאַר דער מלחמה, גלייך אויף די ווענט, ווו זיי זענען געהאָנגען, האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט.

עס איז געווען זונטאָג נאָכמיטאָג. דורך די אָפענע פענצטער האָבן זיך געפּאַקט שטיקער זון, זיך געשפּיגלט אין די באַגילדטע ראַמען, אין די לעקעכלעך פון דער פּאָדלאָגע, וואָס זענען אַמאָל געווען פּוטרירט, אין דעם קליינעם ניקלנעם סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט געזאָטן מיט אַ פאַרשטיקט גרימערײ, ווי אַ צערייצט הייזעריק הינטל.

דער סאַמאָוואַר מיט די צעשטעלטע פינקלדיקע גלעזער, די צעקנייטשטע זילבערנע צוקערניצע מיט די צוקער-צוואַנגלעך, ווי לאַפּקעס, די היימיש-געבאַקטע שמאַנט-קיכלעך, דאָס וואַזעלע איינגעמאַכטס מיטן זילבערנעם צודעקל, דער גאַנצער געדעקטער טיש מיט די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געטרונקען טיי, אַלץ איז געווען אַזוי רויק, ווי דער נאָכמיטאָג, אַלץ האָט געאָטעמט מיט דער אַמאָליקער גבירישקייט און רחבות, גלייך די רעוואָלוציע וואָלט זיך אַהער אויפן טיש נישט פאַרקליבן.

— שפּיל עפּעס, זינאָטשקע.—האָט באָריס דערזופּט דאָס גלאָז טיי.

— די פינגער ווערן שטייף. — האָט די פּופּציק-יעריקע זינאַידע זיך געפּיעשטשעט, אַ שטעק געטון דעם מאַן אין פּנים אַריין די פינגער, לענגלעכע, דאַרע. — פון וואַשן און שאָבן זענען די הענט ביי מיר ווי ריבאײַזנס.

באָריס האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ קוש געטון דעם ווייבס רעכטע האַנט, די לינקע, און די אויגן זיינע האָבן זיך געבעטן, אַז ער איז נישט שולדיק.

זינאַידע האָט זיך אַ הויב געטון פון טיש. אַ שמאָלע, אַ הויכע. די אויגן ברוינע, טרויעריקע. די גרויע האָר, אַזש ווייס, האָבן זיך געוויקלט איבערן שיינעם קאָפּ, טונקעלער געמאַכט דאָס לענגלעכע, מאַטע פּנים.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ, אַ פיר געטון מיט די הענט איבער די קלאַווישן, אַזוי שנעל און מיט אַזאַ ציטער, גע-הויבן אַ האַנט איבער אַ האַנט, לייכט, ווי דער פלאַטער פון פליגל, און ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן וואו איז פינגער און וואו איז ביינדל. דער שטילער נאָכמיטאָג האָט אויפגעציטערט, אָנגעפילט דעם חלל מיט ווייטן דונער, מיט פאַרבענקט היילן, מיט טרויער. באַלד האָט זינאַידע איבערגעריסן, געלאָזט ליגן די צונויפגעלייגטע הענט אויף די קלאַווישן, ווי אין טרויער, און זיך אַ וויילע איינגעהערט. דאָס ווידערקול האָט זיך דערווייטערט, שוין געווען אויף יענער זייט פענצטער, און אַז עס איז צוריק שטיל געוואָרן, האָט זי גענומען שפּילן שאָפּענס אַן עטיוד. איר גאַנץ לעבן, דאָס אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, האָט געצאַפּלט אונטער אירע פינגער, זיך איינגעהאַלטן עס זאָל נישט אויסברעכן אין אַ געוויין.

באָריס האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ צי געטון אויף זיך דעם פאַר-קנעפּלטן ראָק און איז אַ וויילע געבליבן שטיין אַ גלייכער, ווי ער וואָלט סאַלוטירט. דאָס האָט זינאַידע געשפּילט פאַר אים, געשפּילט יעדן זונטאָג שטיקער שאָפּען, שטיקער בעטהאָווען.

אונטער די טענער איז זיין בליק געוואָרן ווייכער, די ברייטע פּלייצעס באַוועגלעכער און דער קאָפּ האָר, שוואַרצע, נידריק-געשוירענע, האָבן זיך געוויגט צום טאַקט. ער האָט גענומען זוכן צווישן די ציי-טונגען, וואָס זענען געלעגן אויפן קרעדענס. ער האָט אַוועקגעשאַרט דעם „עמעס״, דעם כאַרקאָווער „שטערן״, וואָס די זין האָבן יעדן טאָג גע-בראַכט אין שטוב אריין, אַ נעם געטאָן דעם „קיעווסקי ליסטאָק״ און האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער וואָלטער-שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער.

באָריס האָט פיינט געהאַט די יידישע צייטונגען, נישט פאַר-טראָגן די עברי. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען עס נעמט זיך צום גאַנצן עולם פון די יידישע בלעטער אַזוי פיל רישעות? זיי זע-נען דאָך כמעט אַלע געוועזענע בית-מדרש- און ישיבה-בחורים,

טאָ פאַרוואָס רודפן זיי אַזוי דעם ייד, לאָזן אים נישט אָטעמען, קע־בען נישט פאַרגעסן, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אַ צוקער־מאַגנאַט ליעוו?

ביי דעם מאַגנאַט האָט מען דאָך אַלץ צוגענומען, אַלץ — די פאַבריק, די הייזער, די גיטער, די דירה, אַפּילו די דריי קינדער. צוויי זין זענען אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, געהאָלפן שלאָגן דע־ניקינען, וורַאַנגעלן. די טאָכטער איז אַוועק מיט אַ שייגעץ אויפן דאָרף, האָט זיך געריסן אַרבעטן צווישן פּויערים. ער אַליין, באָריס, וואָס איז געבליבן מיטן אָן ווייב אָן קינדער, אָן גראָשן געלט, — איבער דער וואַנט שונאים, אויף דער גאַס שונאים, אומעטום שונאים, — ער איז פון ערשטן טאָג אָן געוואָרן אַ סאָוויעטישער מענטש, האָט נישט געבראַכט פאַר קיינעם איבער די ליפּן, אַפּילו פאַר די קינדער, ווי דאָס הארץ קאָרטשעט זיך, בלוטיקט. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַר־בעטן אויף אַן עלעקטרישער וועב־שטול און מיט דריי חברים, געוועזענע טוך־פאַבריקאַנטן, האָבן זיי געעפנט אַ קאָאָפּעראַטיווע וועבעריי. ווי יעדער אַרבעט אַכט שעה אַ טאָג. יאָ, ער, באָריס, איז אַ סאָוויע־טישער מענטש, טראָגט הויזן, וואָס ער האָט אַליין מיט די אייגענע פינגער געוועבט, גרויסט זיך דערמיט. און ווי ער גייט, ווי ער שטייט טייטלט מען אים נאָך מיט אַזוי פיל שנאה און רישעות, ווי ער וואָלט נישט געאַרבעט אין קיין קאָלעקטיוו, נאָר נאָך אַלץ פאַרבליבן דער אַמאָליקער מאַגנאַט ליעוו.

איצט, ווען פון אונטער זינאַידעס פינגער, וואָס זענען דאַכט זיך משוגע געוואָרן, אַזוי שנעל זענען זיי געלאָפן איבער די קלאַ־ווישן, האָבן טויבן מיט איבערגעשניטענע העלזער געכאָרכלט, — איצט האָט באָריס געשמייכלט פון דער גאַנצער איבערקערעניש, איז געוואָרן אויס סאָוויעטישער מענטש. פאַר די אויגן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַן אַנדער לעבן, דאָס אַמאָליקע, וואָס האָט אַ שייכות געהאַט מיט די מאַסיווע ווענט, ווו די ליעווס און גרוזינס זענען געהאָנגען. ער איז געווען זיכער, אַז די נייע ווירטשאַפט קען לאַנג נישט אָנהאַלטן, עס איז אַ שפּיל אויף נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. קען דאָס זיין אַ מלוכה, האָט באָריס צו זיך געטענהט, אַז זיינע צוויי זין, אַבראַם און יאַשע, וואָס האָבן זיך אויסגעוואַלגערט אויפן פאָטערס חשבון אין אַלע רוסי־שע און אויסלענדישע אוניווערזיטעטן און גאָרנישט געענדיקט—דווקא

זיי זאָלן מיטאַמאָל נעמען פירן דאָס רעדל?

באָריס האָט אַרויסגענומען פון אַ בוזעם-קעשענע אַ קאַסע-שליסל, אַ דינעם, אַ לענגלעכן, מיט קאַרבן און צינגלעך פוןביידע זייטן. דאָס איז געווען דער שליסל פון דער געהיימער קאַסע, די איינגע־מויערטע אינעם קאַבינעט. דאָרט אינעם קאַבינעט האָט געוווינט סטע־פאַן פאַוליטש, אַ געוועזענער פאָרצעליי-אַרבעטער און איצט דער די־רעקטאָר פון אַ פּיאַנאָס-פאַבריק. דער געוועזענער אַרבעטער האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסמענטשלען, זיך געחברט מיט די ספּעצן לעמי־קער, געזען, אַז זיין טעכטערל זאָל נעמען פּיאַנאָ-לעקציעס ביי זינאַ־ידען. און אַז ער האָט מיט באָריסן אויסגעטרונקען אַ צוויי, דריי־גלעזלעך קאָניאַק, האָט זיך די צונג ביי אים צעשרויפט:

— שווער אויסצוקומען מיט מענטשן, חבר ליעוו, גאָר שווער. ווילסטו גוט לעבן מיט דער פאַרוואַלטונג — באַליידיקן זיך די ספּעצן, לעבסטו גוט מיט די ספּעצן — קענסטו פליען פון דער שטעל. איז גאַנצע טעג אַהין און אַהער, כאָטש צערייס דעם געזעס אויף צווייען. לויפסטו אַהיים, ווילסט זיך אָפּרוען, באַפאַלט דיך דאָס ווייב — דאָ וויל זי פאַר דער טאָכטער אַ פּיאַנאָ, דאָ זיידענע זאָקן, דאָ ברענג איר כאָטש אַ גאַנצע ביבליאָטעק... אַ דירעקטאָר, זאָגט זי, אַ דירעק־טאָר פון אַ פאַבריק דאַרף האָבן מאַנירן, דאַרף זיין קולטורעל...

— נאָך גוט, וואָס זי וויל נישט קיין שטאָלענע קאַסע? — האָט באָריס אַ זאָג געטון פון דער זייט, בשעת מעשה תמעוואַטע גע־שמייכלט, אַז ער מיינט גאָרנישט און אין אמתן האָט זיין בליק זיך איינגעזויגט אינעם שכנס פנים. ער איז געווען נייגעריק, צי דער גוי האָט זיך אַמאָל נישט דערוווסט, אַז אין איינער פון זיינע ווענט איז איינגעמויערט אַ קאַסע.

— ס'קען איר איינפאַלן אַ קאַסע אויך! כאָטש וואָס וועט זי דאָרט אַריינלייגן? ס'ביסל פודער מיטן אָדעקאָלאָן?

נאָכן שמועס מיטן שכן איז באָריס געוואָרן אויפגעהייטערט, זיך איינגערעדט, אַז מען קען נישט וויסן, מען קען נישט זיין זיכער, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. היינט איז אַלץ טויט — אויס פאַבריק אויס הייזער, אויס גיטער, אויס באָריס ליעוו, דער צוקער-מאַגנאַט, זאָל מאָרגן אָט דער שליסל מיט די קאַרבן, מיט די צינגלעך אַן

עפן טון די שטאָלענע קאַסע, וועט אַלץ צוריק אויפלעבן — די פֿאַבריק, די הייזער, די גיטער, און איבער אַלעם — באָריס ליעוו.

ער האָט אַ הויב געטון דעם שליסל צום מויל, ווי אַ לעבעדיקע זאַך, אים אַרומגעהוילט, אים געהאַלטן, ווי אַ קמיע. דאָס ווייב האָט נאָך אַלץ געשפּילט. געריסן די לעצטע פּענטעס. די קלאַנגען, די שטיקער ליכט האָבן צוגענומען ביי אים די ראיה. פֿאַר די אויגן האָבן זיך גענומען דרייען בלויע רעדער, שטיקלעך רעגנבויגן. איצט איז ער זיכער געווען, אַז אַלץ, דאָס גאַנצע איבערקערעניש, איז אַ חלום.

באָריס האָט נישט געהערט, ווי פון קרעשטשאַטיק זענען אָנגעקומען קאָמסאָמאָלן, קאָמסאָמאָלקעס. זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין מאַרקס-גאַס אַ ריי נאָך אַ ריי, אַ ריי נאָך אַ ריי. רויטע פענער, פּייקלעך, זוילן-געקלאַפּער, פנימער יונגע, ליכטיקע. די גאַס האָט געטראָגן דאָס געזאַנג, אַזש שויבן האָבן געציטערט:

„... פון הייסן מזרח ביז צפון אין שניי,

שטאַרקער פון אַלץ איז די רויטע אַרמיי!“

באָריס ליעוו האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול. ער האָט פֿאַרמאַכט דאָס פענצטער, עס פֿאַרריגלט. זינאַידע האָט שוין נישט געשפּילט. זי איז געזעסן מיט פּלייצעס צו דער פּיאַנאָ, די אָפּגעאַרבעטע הענט מיט די לאַנגע, דינע פינגער האָבן פֿאַרשטעלט דאָס פּנים. באָריס איז אונטערגעגאַנגען, האָט אַ נעם געטאָן דעם ווייבס הענט, זיי געקושט. דאָס קול זיינס, אַ פֿאַריתומטס, אַ טרויעריקס, האָט זיך געבעטן:

— זינאָטשקאַ... זי-נאָטשקאַ...

## 2

מען האָט אָנגעקלונגען.

באָריס האָט צוריק געעפנט דאָס פענצטער. די גאַס איז שוין געווען ליידיק. אַ קאָמסאָמאָליעץ, וואָס איז געבליבן הינטערשטעליק, איז געלאָפן מיט אַ צווויינטלטער פּאַן, האָט געוואָלט אָניאָגן די חברים. נאָך אים אַ כאַפּטע באָרוויסע יינגלעך. נאָך די יינגלעך — אַן איבערגעשראָקן הינטל מיט אַ בילעריי. אין די אויערן אָבער זענען נאָך אַלץ געשטאַנען

דאָס פּיקל-געקלאַפּער. דער מאַרש פון דער „רויטער אַרמיי", וואָס האָט אָפּגענומען דעם אָטעם, איז געקומען ווי אַ ווייטער רוף, און איבער דער בויגיקער מאַרקס-גאַס האָט זיך צעלייגט נאָך אַ טיפערע שטילקייט.

זינאַידע האָט געעפנט די טיר.

זייער אַמאָליקער בוכהאַלטער, אָסיפּ פּאַכמאַן, איז געבליבן שטיין אַ ווייל אינעם אַריינגאַנג, ווי ער וואָלט געוואַרט מען זאָל אים בעטן ווייטער. אַ הויכער, דאָס פּנים הויט און ביינער, די באַקן, די אויבערשטע ליפּ און דער עיקר די הויט אַרום דער גאָמבע אַזש בלויליך, ווי דער בלישטש פון דעם שטאָלענעם גאָלמעסער וואָלט זיך אים איינגעגעסן אין פּנים. ער האָט עלעגאַנט אַ צי געטון דעם ענגלישן קעפּ, זיך פאַרנייגט און פריער באַגריסט זינאַידען, דערנאָך באַריסן. דאָס דאַרע פּנים האָט זיך בשעת מעשה קיין ריר נישט געטון, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ הויכן אָנגעשטעלטן פון „נאַרקאָמפין", בלויז די אויבערשטע ליפּ, די געגאָלטע, האָט זיך אויסטערליש צעשאָטנט, געטראָגן אין זיך דעם אַמאָליקן הכנעה-שמייכל, ווען פּאַכמאַן איז נאָך געווען ליעווס בוכהאַלטער.

כמעט יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג, ווי אַ זייגער, האָט פּאַכמאַן זיך אַריינגעכאַפּט צום געוועזענעם באַלעבאָס. ער האָט זיך קיינמאָל נישט בעזעצט אויבן-אָן, קיינמאָל נישט דערלאָזט די ליעווס זאָלן אים אָנגיסן אַ גלאָז טיי. און אַז זינאַידע האָט געשפּילט איר שאָפּען, צי איר בעטהאָווען האָט פּאַכמאַן פאַרמאַכט די אויגן, די נאָז איז ביי אים דעמלט געוואָרן דינער, דאָס פּנים לענגער און דער גאָרגלקנאָפּ האָט ביי אים זיך געהויבן, ווי ביי איינעם, וואָס שלינגט טרערן, אַזוי האָט פּאַכמאַן ליב געהאַט מוזיק. גערעדט האָט ער שטיל, אָפּגעהאַקט, זעלטן זיך געקאָכט און שטענדיק געזען די ווערטער זאָלן ביי אים זיך נישט פּלאָנטערן, זאָלן זיך בינדן גלאַטיק, אַ קניפּ מיט אַ שלייף.

— ווייסט איר כאָטש, באָריס דאַווידאָוויטש, אַז אונזער געלט האַלט אין פאַלן?

— דאָס כאָוויעטישע? — האָט באָריס זיך איבערגעפרעגט.

פּאַכמאַן האָט גלייך נישט געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען

פון דער קעשענע אַ זילבערנעם פּאַפּיראָסניק, ווי אויפֿן סאַמען שפּיגל איז געווען אויסגעקריצט, אַז עס איז אַ מתּנה פֿון באָריסן. און אַז ביידע האָבן פֿאַררויכערט, האָבן פֿאַלכמאַנס גרויע אויגן, נישט זיכערע, זיך געהאַלטן אין איין שאַרן איבערן צימער:

— אַוודאי נישט ס'אַמעריקאַנער. אויף דער „שוואַרצער בערזע" צאָלט מען פֿאַר אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר פֿיר און פֿינף רובל.

— וואָס פֿאַר אַ האַפּט קען שוין האָבן אַ מלוכה מיט אַזאַ וואַליוטע? — האָט באָריס אַ זאָג געטון מיט ביטול.

— האָט זי טאַקע נישט. — האָט זינאַידע אַוועקגעשטעלט אונטערן סאַמאָוואַר-קראַן אַ גלאָז און אירע אויגן האָבן אַ שמייכל געטון צום גאַסט. — פֿאַלכמאַן, אַ גלאָז טיי?

— אַ דאַנק, זינאַידאַ מאַרקאָווגאַ, באמת אייך נישט. — האָט פֿאַלכמאַן זיך אַ הויב געטון, איז געשטאַנען אַ געבויגענער איבערן סאַמאָוואַר, האָט אָנגעגאָסן דריי גלעזער טיי און איז געווען פּונקט אַזוי צופֿרידן, ווי מיט צען, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען עס איז ביי אים געווען אַ כּבֿוד צו באַדינען די ליעווס.

— ביי אייך, פֿאַלמאַן, ווייסט מען דאָך יאָ דעם אמת, — האָט באָריס זיך געהאַלטן אין איין גרונטעווען, געוואָלט דערגיין צום תּוך, — וואָס זאָגט מען ביי אייך?

— אין „נאַרקאָמפּין"? וואָס זאָל מען זאָגן? מען וואַרפֿט די שולד אויף ענגלאַנד, אויף פֿראַנקרייך, אויף די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין לאַנד... ס'זאָל אַזוי ווייטער אָנגיין, באָריס דאַווידאָוויטש, וועט נישט טויגן...

— וואָס הייסט ס'וועט נישט טויגן? — האָט באָריס מיט זיין גאַנצער גוטסקייט זיך אַליין טיפֿער געגראָבן אינעם בוכהאַלטערס נשמה.

— און איצט איז דען גוט? — האָט זינאַידע צוגעהאָלפֿן.

— פֿרעג אים, פֿרעג אים, דעם קאָמוניסט!

דער געוועזענער באַלעבאָס מיטן בוכהאַלטער האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק, און אַז באָריס האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט אויפֿן קול, האָט פֿאַלכמאַן אָנגענומען אַ פֿול מויל טיי, און אין די אויגן, אין די אָנגעבלאָזענע באַקן איז געווען קענטיק, אַז ערגעץ טיף שטיקט אים אויך אַ געלעכטער.

פונעם לאַנגן קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן טריט, ווערטער. זינאַידע האָט אָן עפן געטון די טיר.

— די קינדער זענען דאָ!

ס'איז אַרײַנגעקומען דער עלטערער זון אַבראַם. נישט קיין הוי־כער, די אויגן ווייכע, ליכטיקע, דאָס קול אַ וואַרעמס, גלייך עס וואָלט קיינמאָל נאָך קיין ליגנט נישט געזאָגט. די געשטרייפטע הויזן ענלעך צום פאָטערס. נאָך אים — דאָס ווייב, אָלגע, וואָס איז געווען עטוואָס העכער. די טונקעלע אויגן שמייכלען, קוקן דרייסט יעדן אין פּנים אַרײַן. די אַרומגעשוירענע קאַשטן־האָר פאַלן איבער די פרישע באַקן, איבערן האַלז.

אָלגע איז אַהער פאַרטראָגן געוואָרן אַזש פון דאָן. איר פאָטער, אַ קאָזאַק, איז געפאַלן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די „ווייסע", און דאָס מיידל איז געוואַקסן אין אַ יידישער קאָלאָניע פון דאַלאָזע קינ־דער. אַבראַם און אָלגע האָבן געאַרבעט אין די קליינע שטעטלעך, אין יידישע ישובים. זיי האָבן געהאָלפן צונויפשטעלן קאָלעקטיוון, געזען דעקלאַסירטע יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט גערטנעריי, מיט האָדעווען עופות, מיט איינפירן וואָס מער בינשטאָקן.

— וואָס זיצט איר אין די גרויסע שטעט? — האָט אַבראַם אַרויס־גענומען פון שפּייז־שענקל ברויט, מושטאַרד, קאָטלעטן — ווען דאָס אמתע יידישע לעבן איז אין שטעטל, אינעם קליינעם שטעטל...

— אַלע טענהן, אַז מען לויפט פון די שטעטלעך. — האָט באָריס צוגערוקט דאָס פלייש מיטן ברויט צו אָלגען.

— ווער קען ביי אונז ס'שטעטל? — האָט אַבראַם גערעדט און געגעסן — ס'קומען דעלעגאַציעס פון מאָסקווע, פון כאַרקאָוו, ס'קומען דעלעגאַציעס פון אַמעריקע, קומען אַ קוק טאָן ווי ס'לעבט זיך יידן אין ראַטנלאַנד... מיינט איר, אַז זיי זעען עפּעס? ס'הויבט זיך נישט אָן! ס'האָט זיך ביי אַלעמען אויסגעאַרבעט אַ פאַרטיקער מאַרשרוט, אַ שאַב־לאָן: לענינגראַד, מאָסקווע, כאַרקאָוו, די קאָלאָניעס און דורך מינסק צוריק אַהיים. דאָס שטעטל, דאָס קליינע שטעטל, ווו יידן וווינען שוין הונדערטער יאָרן, ווו ס'לעבן, דאָס אמתע יידישע לעבן, האַלט זיך אין איבערבויען, דאָס שטעטל פאַרזעט מען...

— איר ווייסט ווו מיר זענען געווען? — האָט אָלגע איבערגעריסן

אַבראַמען, גערעדט יידיש מיט אַ האַרטער אויסשפּראַך, ווי אַ גוייע, און זיך באַלעקט נאָכן קאָטלעט — נו טרעפט!

— ווו?

אַ די עלטערן, אי פּאַלמאַן האָבן געשמייכלט, געקוקט אויף אַבראַמען מיטן ווייב, ווי אויף צעדרייטע, נישט געקענט פאַרשטיין צוליב וואָס וויל אַבראַם מיט זיין גוייש ווייב דווקא מדריך זיין יידן, ווילן דווקא זיי מזכּה זיין מיט „שקאָלעס" אין „זשאַרגאָן".

— מיר זענען געווען מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער אין קאַפּוליע.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז דאָך מענדעלעס געבורט-שטאָט.

— ווענעס? — האָבן אי באָריס, אי זינאַידע זיך צעלאַכט.

— באָריס דאַווידאָוויטש, — האָט אָלגע זיך געפילט באַליידיקט פאַרן שווער, — איר ווייסט טאַקע נישט ווער מענדעלע איז?

— געהערט, געהערט, — האָט פּאַלמאַן אַ זיפערער געצויגן די ווערטער אין רוסיש, — איר מיינט דאָך מענדעלע-מוכר-ספרים, דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור, נו, ווי דער רוסישער גאָגאָל.

— טאָ וואָס האָט איר געטאָן ביי דעם מענדעלע? — האָט באָריס אָנגעקוואָלן, וואָס זיין שנור, די „קאָזאַטשקע", לערנט אים יידישקייט.

— מיר האָבן זיך געזען אין קאַפּוליע מיט זקנים, וואָס געדענקען מענדעלען. מיר האָבן פאַרשריבן מעשיות, וואָס מען דערציילט וועגן אים... באַלד ווי מיר זענען אַריין אין קאַפּוליע, האָט ס׳גאַנצע שטעטל קינדער, באָרוויסע, אויסגעשמירטע, זיך געקליבן אַרום אונז, מען האָט אונז געפירט צום הויז, ווו מענדעלע איז געבוירן געוואָרן... און אַז כ׳האָב די קינדער געגומען טיילן צוקערקעס, האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט אין אַ ראָד, גענומען טאַנצן און זינגען:

— מענדעלע, מענדעלע, מענ-דע-לע!

דער עולם האָט געלאַכט. באָריס האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן, זיך געווישט די אויגן און סתּם אַ זאָג געטאָן:

— יאָ מענדעלע, נישט מענדעלע, וואָס טוט מען אָבער דער

סאָוויעטישער רובל זאָל אַזוי נישט פאַלן? גלויבסט נישט, אַבראַם? פרעג פאַכמאַנען!

— נישט איך, באָריס דאַווידאָוויטש, — האָט פאַכמאַן זיך אַ צי־געטון, געהויבן דעם קליינעם קאָפּ ווי אַ שלאַנג, וואָס וויל זיך פאַר־טיידיקן, — איך בין אַ סאָוויעטישער מענטש און כ׳זאָג גאָרנישט, טאַ־קע גאָרנישט.

— וואָס איז געלעגן ווער ס׳זאָגט. — איז באָריס געוועזן בלויז ביטול. — אין גאַס קריגט מען פינף רובל פאַר אַ דאָלאַר?

— זאָג נישט אין גאַס, טאַטע, זאָג אויף דער „שוואַרצער ביר־זשע", — האָט אַבראַם זיך געבייזערט, — און דאָס, טאַטע, טוען דאָך דיינע „סאָוויעטישע מענטשן", דיין שוואָגער שמוקלער, וואָס היילט אַלץ — אויגן, מאָגן, לונגען. מען לויפט דאָך צו אים, ווי צו אַ הייליקן, מען טראָגט אים פינף־ און צען־רובלדיקע... און ער, וואָס האָט שוין קיין אידעאַל נישט פון יענע דרייסיק יאָר, גלויבט אין גאָר־נישט, פרעסט, שפּילט אין קאָרטן און צאָלט אַלץ, ביין און צען רובל פאַרן דאָלאַר. וויפל האָט ער שוין אָנגעקליבן אַמעריקאַנער וואַליוטע?

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אַבראַמען. אַלע זענען גע־וועזן פאַרנומען מיטן אַלטן זרח, אַ שניידער אין די זיבעציקער, וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבן גענייט פאַרן אַלטן ליעוו, פאַר באָריסן, פאַר די קינדער. ביי דעם שניידער האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. האָט זיך געמאַכט ביי די ליעווס אַ שטיקל אַרבעט, איז ער געקומען אין שטוב אַריין אַ מאָס נעמען.

— איר הערט, ר׳ זרח, מיר וואַרטן אויף אייך אַ גאַנצע וואָך. — האָט באָריס צעוואָרפן איבערן טיש אַ בלוי שטיקל שעוויאָט.

— וואָס ווייסט איר, באָריס דאַווידאָוויטש, — האָט דער שניי־דער אַ קניימש געטון דעם שעוויאָט, — שוין צוויי וואָכן ווי כ׳נעכטיק אין דער שניידערשער שול. הערשקע שוסטערס זון, דער שמדעלניק, האָט זיך אָנגעזעצט, ווי אַ בייזע מכה, ער האָט געקליבן חתימות, זיך געגרייט, געאַרבעט מעשים צו פאַרמאַכן די שול נאָך פאַר שבועות... ווען איך קען, באָריס דאַווידאָוויטש, אַזוי אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ פופצן יאָר, וואָלט איך אַזאַ שמדעלניק לענד און רוקן צעבראָכן... כ׳וואָלט זיי געוויזן, די הינטישע זין... וואָס שווייגסטו.

אַבראַם? ביסט דאָך אויך מיט זיי, מיטן גאַנצן אָנלויף, איז עס געהערט געוואָרן יידן זאָלן ביי יידן צונעמען אַ שול און עס מאַכן פֿאַר אַ נפקה-הויז?

— וואָס רעדט איר, זיידעשע? — האָט אַבראַם דעם אַלטיטשקן געוואָלט באַרויקן.

— וואָס כ'ו'עד? ס'טוט מיר וויי, רעד איך! ווען דער זיידע דיינער ר' יאָסל — האָט דער שניידער געוויזן אויף דער וואַנט, ווו דער אַלטער ליעוו איז געהאַנגען — וואָלט געלעבט, וואָלסטו מיט דער... „וואָלאַסט“ נישט געוועזן? כ'בין נאָר צו אַלט, נאָר ווען כ'קען נאָר אַראָפּוואַרפֿן אַ פּופּצן, צוואַנציק יאָר, וואָלט הערשקע שוסטערס זון קיין קאָפּ נישט אויפֿגעהויבן, דער טאַטע דיינער וואָלט אַזוי נישט פֿאַרשוואַרצט געוואָרן... ווייסט דען אַבראַם, ווי מיטן טאַטן האָט געקלונגען אַ וועלט? אַ קליינינקייט, ליעוו, דער מאַגנאַט ליעוו!

— נו, ר' זרח, כ'אייל זיך, — האָט באָריס אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם ראָק, די וועסט, נישט געקענט הערן, ווי מען רעכנט אים אויס דעם יחוס, — איר וועט מיר אַ מאָס נעמען? ס'איז אַ רעשטקע, אויף קיין וועסט איז נישטאָ, איר וועט מאַכן אַ ראָק מיט הויזן.

באָריס האָט זיך געערגערט, זיך געגעסן. ער אַליין האָט גאַנצע טעג ביי דער וועבשטול געמעגט טראַכטן וועגן די אַמאָליקע צייטן, האָט אָבער אַ צווייטער גענומען רעדן וועגן אים צווישן מענטשן, האָט ער עס נישט געקענט פֿאַרטראָגן. ס'אייגענע האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָגן, איז אַרויס פֿון פּלאַץ, האָט זיך גענומען שפּאַרן אין האַלדז אַריין. ער האָט כמעט נישט געהערט, ווי זינאַידע איז אַראָפּ מיט די קינדער, איז געגאַנגען זיי באַגלייטן אַהיים. ער האָט געזען דער אַלטער זרח זאָל וואָס גיכער פֿאַרטיק ווערן מיט דער מאָס, זאָל זיך אָפּטראָגן מיטן שטיקל שעוויאָט. און אַז דער שניידער איז שוין געווען הינטער דער טיר, האָט ער זי צוריק געעפֿנט:

— איז ווען זאָל איך אייך ברענגען דעם ראָק אָנצומעסטן, באָריס דאַווידאָוויטש? מיטוואָך, בלי נדר, מיטוואָך.

באָריס איז געבליבן מיט זיין געוועזענעם בוכהאַלטער, וואָס איז איצט געזעסן אין דער וואָלטער-שטול ביים פֿענצטער. דער בוכהאַלטער האָט באָריסן נישט געשטערט. פֿאַרקערט, ער האָט פֿאַר פֿאַכמאַנען

נישט געהאַט קיין סוד, זיך געפּילט מיט אים גאָר היימלעך, ווי מען פילט זיך ביינאַכט אונטערוועגנס היימלעך מיטן אייגענעם שאָטן.

די לעצטע זון-שטראַלן, וואָס האָבן באַלויכטן די אונטערשטע שויבן, פּאַכמאַנס רעכטן האַלב פּנים, האָבן זיך מיטאַמאָל געלאָשן. טונקעלער און קלענער געמאַכט דעם זאַל. פּאַכמאַן האָט אויסגעזען עלטער, דאַרער, זיך צונויפגעגאָסן מיטן ווענטל פון דער שטול. באָריס האָט געשפּרייזט איבערן צימער, לייכט געהויבן די האַנט, די אַקסלען, איינגעטענהט מיט זיך. ער האָט נישט געזען, ווי זיין שאָטן אויף דער ווייסער וואַנט קרימט אים נאָך, נישט געהערט, ווי פון סקווער, וואָס אויפן קרעשטשאַטיק, דערטראָגט זיך דער קריגערישער מאַרש פון דער „רויטער אַרמיי". ער האָט זיך מיטאַמאָל צוגעזעצט צום בוכהאַלטער, אים געגעסן מיט די אויגן:

— אַז מען האָט צעשטערט אַלע אַקטן, פאַרברענט אַלע פּאַפּירן, וועט דאָך יעדער פּאַרך קענען קומען טענהן, אַז די מויער איז זיינע, אַז יענע מויער איז זיינע...

בשעת באָריס האָט גערעדט, האָבן פּאַכמאַנס אויגן אויפגעלויכטן געכאַפּט וואָס זיין געוועזענער באַלעבאָס מיינט. ער האָט געקוקט אויפן טיש און איז נישט זיכער געווען, צי ס'איז דער ווייסער סאַמאָוואַר, צי ס'איז דאָ אַ דריטער אין שטוב. ער איז צוגעגאַנגען זוכן אַ שוועבעלע, פּאַר איין וועג אָנגעריירט דעם הייסן סאַמאָוואַר און זיך באַרויקט.

— איר מיינט, ווען די אַלטע „וולאַסט" וועט זיך אומקערן?

— און דו ביסט זיכער, אַז נישט? — האָט באָריס אים געענומען דוצן.

— ווער איז זיכער, קיינער איז נישט זיכער...

— זאָלסטו וויסן, אַז כ'האָב אַלע אַקטן, אַלע פּאַפּירן. — האָט באָריס עפּעס אַ נעם געטון פון אַ קעשענע. — דערקענסט דעם שליסל? זאָל מאָרגן אָט דער שליסל מיט די קאַרבן, מיט די ציינגלעך אַן עפן טאָן מיין שטאָלענע קאַסע, וואָס אין קאַבינעט, וועט אַלץ צוריק אויפלעבן: די פאַבריק, די הייזער, די גיטער. און איבער אַלעם איך — באָריס ליעוו.

בײדע האָבן זיך אַ שטעל געטון, זיך אַ װײלע אײנגעהערט, און באָריס האָט גענומען פֿאַרמאַכן די פֿענצטער. ס'איז געװאָרן פֿינצטע־רער. דאָס געזאַנג פֿון די קאָמסאָמאָלצעס האָט זיך דערנענטערט, העכער, שטאַרקער, זיך אױסגעמישט מיטן פּײקל־געקלאַפּער:

„... שטאַרקער פֿון אַלץ איז די רױטע אַרמײ!‟

1930

## זינד

ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן געלאָזט וויסן, אַז די פּאַסאַזשירן פון דער בערענגעריע, וואָס דאַרף אַריינקומען ביינאַכט אין האַפן, וועט מען איצט אַראָפּלאָזן אַזייגער ניין אינדערפרי. איז וואָס, אַז צייטונגען שרייבן? חברטע גראָס האָט סיי־ווי־סיי נישט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. מיט דער שיף האָט געדאַרפט קומען חבר גראָס, איר מאַן, וואָס איז מיט דריי חדשים צוריק אָפּגעפאָרן קיין ראַטנלאַנד.

חברטע גראָס האָט אַפּאָר מאָל דורך דער נאַכט ליכטיק געמאַכט דאָס שלאָפצימער. זי איז געשטאַנען אין שפּיגל און געקוקט ווי איר הויט אונטער די אויגן, אַרום דעם דינעם האַלז פעלדלט זיך, גלייך אַ גאָר דינע נאָדל וואָלט אויסגעקאַפּט די קנייטשלעך, זיי צוזויפּגעצויגן. פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייער שוואַרצקייט און זענען נאָך נישט גרוי געוואָרן, האָבן אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי אין שטויב געטאָרקלט, האָבן אָן לעבן אַרויסגעקוקט פון שפּיגל, דערציילט, אַז צו צוויי און פערציק יאָר דאַרף אַ פרוי זיין אַ בריהטע איינצוהאַלטן אַ מאַן אין שטוב.

איז וואָס, אַז חברטע גראָס איז אָפּגעווען מיט איר מאַן ניינצן יאָר אונטער איין דאַך, געבוירן אים חנהן, וואָס איז שוין באַלד זיבעצן יאָר אַלט? איז וואָס, אַז זי האָט מיטן מאַן יאָרן געאַרבעט אין „בונד“, דערנאָך אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איצט אין דער קאָמוניסטישער? און אַז זי איז גליקלעך געווען, וואָס דער מאַן פאָרט קיין ראַטנלאַנד, וועט זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דער אַרבעטער זיצט אין זאָטל, וועט קאָנען אָפּלייקענען אַלע בילבולים, וואָס די שונאים טראַכטן אויס, — איז וואָס?

צומאָרגנס, גלייך ווי איר מאַן איז אָפּגעפאָרן, איז חברטע גראָס

געבליבן איינע אַליין. די טאָכטער איז אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אין „יאָנג וואָירקערס ליג" און די מוטער איז געבליבן מיט די ניינצן יאָר לעבן, וואָס זענען געווען ווייט פון איר, וואָס זענען אפשר קיינמאָל נישט געווען, און אויב יאָ, האָבן די פאַרגאַנגענע יאָרן געהאַט אַזאַ ממשות, ווי די שאָטנדלעך פון פייגל, וואָס טראָגן זיך איבער אַ שטיל וואַסער.

די גאַנצע דריי חדשים איז זי אַרומגעגאַנגען אַ באַטויבטע, זיך געגעסן, צו וואָס זי האָט אַוועקגעשיקט דעם מאַן. די ערשטע פּאָר טעג האָט דער כּאַרדרוס אָפּגעהילכט אין איר ווי אַ ווידערקול. זי האָט זיך אפילו געשעמט צו ברענגען איבער די ליפּן, אַז דאָרט (געמיינט האָט זי ראַטנלאַנד) איז פון די לייכטסטע זאַכן צו קריגן אַ ניי ווייב. דאָס האָבן שונאים אויסגעטראַכט. מיט דער צייט איז דער פאַרדאַכט פאַר איר געוואָרן בולט, געשווערט, זי נישט אָפּגעלאָזט בייטאָג, ביינאַכט. און וואָס שטאַרקער זי האָט געוואָלט דערגיין דעם אמת, אַלץ מער האָט זי זיך אָפּגעשלאָסן אין הויז, נישט באַמערקט, ווי די טאָכטער חנה האָט זיך אָפּגעזוכט אין „יאָנג וואָירקערס ליג" אַ חבר, אַן אַכצן-יעריקן נעגער, און זי שלעפּט זיך מיט אים אַרום. און אַז די טאָכטער האָט אָנגעהויבן צו ברענגען דעם נעגער אין הויז אַריין, האָט די מוטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— האָסט שוין קיין אַנדערן חבר נישט געקאָנט געפינען ווי אַ נעגער? און דערצו נאָך מיט אַזאַ פּאָר ליפּן?

— און אַז אַ נעגער, איז וואָס? — האָט חנה קריגעריש פאַרריסן דעם קאָפּ.

— זוך דיר בעסער אָפּ אַ ווייסן בחור!

— האָסט מיך אַליין געלערנט, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך.— האָט חנה אויסגעשאָסן תּמעוואַטע און איז אַ ברוגזע אַריין צו זיך אין צימער.

די מוטער האָט זיך שטיל צעלאַכט. זי האָט מער נישט גערעדט מיט דער טאָכטער וועגן נעגער, וואָס איז יעדן אָוונט געקומען צו חנהן, און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיטן צעצויגענעם געזאַנג פון ים-שקעטעלעך, ווועלדער און בלאָטעס.

די דריי חדשים איז חברטע גראָס כמעט אָפּגעזעסן אין הויז. זי האָט זעלטן זיך באַגעגנט מיט מענטשן און געלעבט מיט איין

מחשבה: ווי קריגט מען זיך אַרויס פון דער האַרטער שאָל, וואָס איז אָנגעוואַקסן אַרום איר לעבן?

אין דער נאַכט אָבער, ווען די בערענגעריע איז אָנגעקומען מיטן חבר גראָס אין ניו־יאָרקער האַפן, האָט ס׳ווייב זיך אַרומגעזען, אַז איר לעבן איז גאָרנישט געווען געפּענטעט. אַז די האַרטע שאָל איז גע־ווען אַן איינרעדעניש. זי האָט איבערגעוואָרפן אין שאַנק אַלע אירע קליידער, געזוכט בענדלעך, שפּילקעס, געוואָלט אויסזען וואָס יינגער.

וואָס פאַר אַ שלעכטער מענטש, אַ נישט פאַרגינער, האָט אויס־געטראַכט, אַז חברטע גראָס איז אַלט? אָט קומט צוריק דער מאַן אַ באַגייסטערטער. דאָס הויז וועט פול ווערן מיט מענטשן, מען וועט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָפּנעמען גרוסן פון ראַטנלאַנד, און זי, חברטע גראָס, וועט דאַרפן ווײַלן, וועט ווידער אָנהייבן לעבן.

— חנה, שלאָפסט נאָך? — איז די מוטער אַ פאַרפּוצטע אַריין צו דער טאָכטער.

— אַזוי האָב איך דיך ליב, מאַמע. — האָט די טאָכטער, אַ האַלב־אָנגעטאָנענע, גענומען דרייען די מוטער, זי באַטראַכט. — ביסט, אויף מיין וואָרט, יינגער געוואָרן!

— איך וועל שוין יינגער ווי איך בין נישט זיין, טאָכטער. — האָט די מוטער, אַן אויפגעלייגטע, זיך געלאָזט באַטראַכטן פון אַלע זייטן.

— אין דעם דורכזיכטיקן קליידל ביז צו די קני זעסטו אויס ווי אַ „פלעפערקע”. — האָט חנה זיך צעלאַכט.

— גיי שוין, גיי, משוגענע, — האָט די מוטער זיך אַ שטעל געטון אין שפּיגל, געוואָלט וויסן, צי ס׳קליידל איז טאַקע צו קורץ. — טו זיך שוין אַמאָל אָן, ס׳ווערט דאָך שפּעט.

— אַז דזשאָן איז נאָך נישטאָ, איז פרי.

— ער גייט דען אויך צו דער שיף? — האָט די מוטער אַ נישט־צופרידענע געפרעגט.

אַז חברטע גראָס מיט דער טאָכטער זענען אַרויף אויף דער ראַמפּע ביים האַפן, האָט דער טאָג זיך איצט אָנגעהויבן. מענער, פרויען, קינדער האָבן זיך געדרייט מיטן שלאָף אין די אויגן, אין די גלידער. איבערן האַדסאָן האָבן זיך געטראָגן ווייסע מעוועס מיט

פאַרשפּיצטע פליגל. אין מענגעס זענען זיי באַפאַלן די בערענגעריע, וואָס צוויי שלעפּ-שיפלעך האָבן אַריינגעפירט אין האַפן. עס זענען אָנגעקומען חברים, חברטעס, זיך צעשטעלט ביי די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין צווייטן קלאַס. דזשאָן, אַ שמאָלער, די ליפּן פליישיק, ס׳פּנים פינצטער, אין די אויגן נעגערשער טרויער — איז נישט אָפּגעשטאַנען פון חנהן.

עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטון צו די טרעפּ, וואָס זענען פול געוואָרן מיט פּאַסאַזשירן. אָט איז חבר גראָס, אַ הויכער, אַ געבויגענער, אָן אָפּגעברענטער. די שטאַרקע ציין בלישטשען, די אויגן פינקלען, זוכן עמעצן צווישן עולם. חנה לויפט אונטער מיט אַ פול מויל קושן:

— טאַטע!

— און ווו איז די מאַמע?

— אָט איז זי!

— באַקען דיך, טאַטע, — האָט זי געוויזן אויפן נעגער, — דאָס איז חבר דזשאָן!

חבר גראָס שטייט שוין צווישן חברים, צווישן חברטעס, פאַרגעסן אָן ווייב, אָן דער טאָכטער. ער דערציילט וועגן ראַטנלאַנד, וועגן די יידישע קאָלאָניעס. זיינע ווייסע ציין שוימען זיך, מאַכן טונקעלער דאָס אַזוי אויך אָפּגעברענטע פּנים און צווישן זיינע רייד פּלאָנטערט זיך פון מאָל צו מאָל דער טרויער פונעם נעגערס אויגן און חבר גראָס וויל אַלץ אָנטאַפּן וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיט אים, מיט זיין טאָכטער.

דעם גאַנצן וועג, פון האַפן ביז אין די בראָנקס, האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן, און אַז מען איז צוגעקומען צום הויז, ווו גראָס האָט געוווינט, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אין אמתן האָט זיך דער שמועס נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן.

— חברים, לאָמיר זיי איצט לאָזן אַליין, — האָט אימיצער אַ זאָג געטאָן און אַרויפגעלייגט אויף חבר גראָס אַ האַנט, — מיר וועלן אַריבערקומען אין אָוונט.

— מיר וואַרטן אויף אייך אין אָוונט, חברים, קומט אַריבער! — האָט גראָס זיך געזעגנט אין איין געזעגענען.

— גרייט נאָר אָן כּיבוד, חברטע גראָס, וועלן מיר שוין קומען!

— נאָך וואָס פּאַר אַ כּיבוד!

זיי זענען אַריין אין שטוב, איבערגעלאָזט דעם טומל הינטער דער טיר. חנה האָט זיך געפּאָרעט, גענומען גרייטן דעם טיש. ס׳ווייב האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם מאַן, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער און ביידנס אויגן האָבן זיך געשמאָלצן פון נחת. אַלע פּאַרדרוסן, אַלע שאלות און קשיות זענען ערגעץ-ווו פאַרפאַלן געוואָרן און דער גאַנצער שמועס האָט זיך אַ וויקל געטאָן קורץ און אָפּגעהאַקט:

— זעסט גוט אויס, מיין מאַן!

— און דו, מיין ווייב, ביסט, דאַכט זיך, יינגער געוואָרן!

— איז ווידער שלעכט?

— פאַרקערט, ס׳איז גוט. — און ביים חבר גראָס האָט זיך אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. — יאָ, וואָס פּאַר אַ נעגער האָט מיר חנה פּאָר־געשטעלט ביי דער שיף?

— מיינסט חבר דזשאָן, — האָט ס׳ווייב אָפּגעלאָזט דעם מאַנס האַנט און זיך אויסגעגלייכט, — איך טענה מיט איר, אַז זי האָט זיך בעסער געקאָנט אויסקלויבן אַ ווייסן בחור, נישט קיין שוואַרצן.

— און וואָס זאָגט זי?

— זי האָט אַ גערעכטע טענה, — האָט די מוטער אַ שמייכל געטאָן, — מיר האָבן זי געלערנט, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

ביים עסן האָט זיך דער שמועס נישט געקלעפּט. די מידקייט פון אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן איז גראָסן איצט געקראָכן אין די ביינער אַריין. דערצו האָט ער זיך געערגערט פאַרוואָס עס אַרט אים וואָס זיין טאָכטער חברט זיך מיט אַ נעגער. ער האָט זיך עפּעס גע־וואָלט קלאָר מאַכן און דאָ האָבן מאַמע און טאָכטער אים באַוואָרפן מיט קשיות. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן מיט ביידע באַקן, אַבי מען זאָל נישט רעדן צו אים. און ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט:

— איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

— שפּאַר דיך טאַקע צו, — האָט ס׳ווייב אים גענומען מאַכן ס׳בעט, — שפּעטער וועלן דאָך אָנהויבן קומען מענטשן.

חבר גראָס האָט זיך אַוועקגעלייגט, נישט געקאָנט איינשלאָפן.

אַ צעשוומען וואָרט, אָן באַטייט, איז געלעגן ביי אים אויף דער שפּיץ צונג, זיך געבעטן מען זאָל עס אָנרופן ביים נאָמען. דער שלאָסער גראָס, דער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך געערגערט, וואָס עפּעס אַ שוואַרצער דזשאָן לאָזט אים נישט איינשלאָפן, שווימט יעדע ווייל אַרויף און רייסט זיך אַריין אין זיין לעבן, אין זיין טאָכטערס לעבן. ער האָט געוווסט, אַז ס׳איז נישט שיין אַזוי צו טראַכטן, ס׳איז אַ זינד. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן, איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געהאַלטן אין איין זינדיקן.

1929

# דער ארון־קודש

איבערן לײדיקן מאַרק, װוּ שטעכיקע שנײעלעך האָבן זיך געדרײט, אָפּגעקערט פון אײן זײט די שטײנער, אָנגעיאָגט אויף אַ צװײטער זײט בערגלעך שנײ װי קברים, — האָט זרח טאָקער, אַ הויכער, אַ דאַרער, אײנגעשפּאַנט אין אַ װעגעלע, זיך געשלעפּט מיט זײן צװעלף־יעריקן װעלװל.

אויפן װעגעלע, אונטער אַ פּלאַכטע, איז געלעגן אַן אָרון־קודש צענומען אויף טײלן, װאָס זרח האָט אויסגעשניצט פאַר דער נײער שול.

זרחס שװאַרצע באָרד מיט די אַנדערהאַלבן שפּיצן זענען געװען באַשפּרענקלט מיט זעגעכץ, מיט הובלעכץ, מיט שנײעלעך. ער האָט געדרײט מיטן קאָפּ, געװאָלט אויסמײדן דעם שטעכיקן שנײ, װאָס איז געקראָכן אין די אויגן, אין די אויערן, און זײנע שטײפע פּאָלעס זענען זיך צעפלויגן, געקלאַפּט איבער די פיס, געקרעכצט װי לויזע פענצטער. באַרג־אַרויף האָט ער זיך אַ ציִ געטאָן מיט דער לענג פון דישעל, אונטערגעאײלט ס׳ײנגל:

— שלאָף נישט, װעלװל! הויב אַ פוס!

זרח האָט געפירט דעם אָרון־קודש נישט אין שול אַרײן, נאָר צו נתן בליאַש, דעם געלײמטן שטאָט־גביר, װאָס איז שוין דאָס צװײטע יאָר נישט אַרויס פון שטוב. דער גביר, װאָס האָט נישט געהאַט קײן קינדער, װאָס האָט זיך געשראָקן, אַז דער נאָמען בליאַש זאָל מיט אים, מיט נתנען, נישט פאַרגעסן װערן, האָט זיך געשטעלט מויערן אַ שול, בליאַשס שול. אַז מען האָט אויף די ציגלנע װענט שוין געהאַט אַרויפגעצויגן דעם דאַך, האָט נתן געשיקט נאָך זרח טאָקער, װאָס האָט געשמט מיט זײנע גילדענע הענט, און באַשטעלט

ביי אים אַן אָרון־קודש. ער האָט זיך נישט געדונגען מיטן טאָקער, בלויז זיך איבערגעפרעגט, געוואָלט זיין זיכער, צי זרח האָט מיט אַן אמת אַזאַ זינג געטאָן פאַרן שטיקל אַרבעט:

— וויפל ווילסטו? דריי הונדערט רובל? גוט! נאָר זע, זרח, עס זאָל זיין אויף וואָס אַ קוק צו טאָן, מען זאָל זיך קענען אויפּווייזן מיטן אָרון־קודש! ווי לאַנג דאַרף עס ביי דיר געמען?

— אַ צען וואָכן, ר׳ נתן.

— אויב אַזוי, זרח, וואַרף אַלץ אַוועק און נעם זיך צו דער אַרבעט. פאַר דער צייט, וואָס דו וועסט זיין באַשעפטיקט מיטן אָרון־קודש, וועל איך דיר צאָלן וואָכערס. פופצן רובל אַ וואָך וועט גע־נוג זיין?

— גענוג, ר׳ נתן.

— נאָך די וואָכערס קום אַליין, צי שיק עמיצן אַריבער, לאָ־מיר זאָגן, דאָנערשטאָג, יעדן דאָנערשטאָג.

זרח האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול־פּרנסה, זיך איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן צו דער אַרבעט. ער האָט געצייכנט, געשניצט, געטאָקט, איז געזעסן גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט אין וואַר־שטאַט, וווהין דאָס ווייב האָט קיין אייגן קינד נישט אַריינגעלאָזט, געזען מען זאָל זרחן נישט שטערן.

דאָס ווייב האָט פאַר די עטלעכע וואָכן זיך אַביסל אויסגעגלייכט, אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם דלות. זי האָט צוגעזען דעם מאַן, אים גע־קאָכט יאַיכלעך, געגלויבט, אַז זרח וועט מיט זיין געשיקטקייט, מיטן „טאַלאַנט" אין זיינע הענט אַלץ מאַכן.

איין זרח איז נישט געווען צופרידן. און אַז ער וועט שוין אויסשניצן אַן אָרון־קודש מיט לייבן, מיט הירשן און מיט טויבן איז וואָס? דאָס קען דאָך מאַכן יעדער טאָקער! ער האָט געזוכט אַן אייג־פאַל, געוואָלט עפּעס מחדש זיין. ווו אַן אָרון־קודש, האַלטן לייבן צי טויבן די לוחות. וואָס וועט זיין, אַז משה־רבינו אַליין וועט האַלטן די לוחות? אין זרחס חומש איז געווען אַ בילד פון משהן מיט אהרונען. דער חומש איז שוין איצט געלעגן אויפן וואַרשטאַט. זרח האָט גע־צייכנט אויף פּאַפּיר, אויפן ברעט, נישט געקענט דערלאָזן משה־רבינו זאָל שטיין אין שול אין בלויזן קאָפּ און ער האָט אים אָנגעטאָן אַ

קאַפּל. וואָכן האָט זרח געאַרבעט איבער משהן און אַרויסגעקומען איז ער נישט ווי אויפן שער-בלאַט פון חומש, נאָר אַ הויכער, דאַרער ייד. דאָס פּנים האָט זיך געקנייטשט פון דאגת-פּרנסה און די הענט האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי אונטערשפּאַרן, האָבן זיך געבויגן אונ-טער די לוחות. זרח האָט געקוקט אויף זיין משהן און ער האָט זיך אַליין דערשראָקן. ער האָט אַריינגערופן וועלוולען, אים אַוועקגעשטעלט פונדערווייטנס און אַ פרעג געטון ביים יינגל:

— ווי געפעלט עס דיר, וועלוול?

— כ'ווייס, — האָט וועלוול געגלאָצט מיט די אויגן, נישט דער-וואַרט דער פאָטער זאָל זיך מיט אים שואל-עצה זיין, — ער האָט אַן אָנבליק צו דיר, טאַטע.

— צו מיר? — האָט פון זרחס אָפּענעם מויל אַ שפּריץ געטאָן מיט געלעכטער, — גיי שוין, גיי!

יענע נאַכט איז זרח נישט געשלאָפן. ער איז געזעסן ביי אַ קליין נאַפט-לעמפּל איבער אַ בויגן פּאַפּיר, געצייכנט אַן אַנדערן משה, און דער מוח, דאָס האַרץ, אַלץ ביי זרחן איז פול געווען מיט טענות, מיט תרעומות. נאָר דערפאַר, וואָס דער געליימטער נתן האָט געלט, וועט זיין נאָמען בלייבן אויף דור-דורות, וועט בלייבן אַזוי לאַנג, ווי די שול וועט שטיין. און ער, זרח, וואָס שלאָפט קיין נעכט נישט, שניצט אַן אָרון-קודש, וואָס עס וועט פאַרכאַפּן די אויגן, פאַרוואָס זאָלן מענטשן נישט וויסן, אַז דאָס איז זרח טאָקערס אַרבעט? וואָס דען, ער האָט געדאַרפט אויסשניצן דעם משה פון חומש, וואָס האָט קיין יידיש פּנים נישט, וואָס האָט אינגאַנצן קיין פּנים נישט? און זרח האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס פּאַפּיר, די בלייפעדער, זיך ווידער אַ נעם געטאָן פאַר זיין משהן, געאַרבעט אויף דער באָרד מיט די אַנדערהאַלבן שפּיצן, וואָס זענען אַזוי ענלעך געווען אויף זרחס.

פּורים-צייט האָט זרח פאַרענדיקט דעם אָרון-קודש. ער מיט וועלוולען האָבן פאָרזיכטיק אַרויסגעטראָגן די שטיקער. זיי אַוועקגע-לייגט אויפן וועגעלע, וואָס איז געווען אויסגעבעטן מיט היי, און אַז זיי זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט דאָס ווייב אַרויסגעטראָגן די שבת-דיקע זשופּיצע.

— טו איבער, זרח.

נישט געוען איז זרח אַריינגעקראָכן אין דעם שבתדיקן בגד, כּמעט נישט געענטפערט אויף די ברכות, וואָס דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן אים מיטגעשיקט, און אַ נישט-אויפגעלייגטער האָט ער זיך צע-שריען אויף וועלוולען:

— ׳עסט זיך אַמאָל אַ ריר טאָן?

איצט האָט זרח געפירט דעם ארון-קודש צום גביר, ווו די שטאָט-דאָזאָרעס, דער רב זענען געווען פאַרזאַמלט. דאָ, ביים גביר, וועט זרח צונויפשטעלן דעם ארון-קודש און אַז עס וועט געפעלן, וועט ער אים נאָך היינט אַריבערפירן אין שול אַריין.

באַרג-אַראָפּ, ביי בליאַשס הויז, האָבן טאַטע-זון איינגעהאַלטן מיט זייערע פּלייצעס דאָס וועגעלע, וואָס האָט זיך געגליטשט, עס אַ דריי געטון צום גאַניקל און זיך אָפּגעשטעלט.

— וועלוול, — האָט זרח אַ טרייב געטאָן דאָס יינגל, — לויף אַריין און פרעג צי מען זאָל דעם ארון-קודש אַריינטראָגן דורך דער קיך, צי דורך דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג? גיכער!

מיט אַ שפּרונג איז וועלוול געשטאַנען אין פּעדערהויז און ווי ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר, איז די דינסט אים באַפאַלן מיט רוגזה:

— האָסט נישט געקענט אָפּקלאַפּן די שטיוול אין דרויסן? דו! גיי, גיי, טראָג מיר נישט אָן קיין שניי!

— מיר האָבן געבראַכט דעם ארון-קודש. — האָט וועלוול באַטראַכט זיינע צעפּאָרענע שטיוול, ווו פון די נעז, פון די אָפּצאַסן האָט גע-טריפט וואַסער.

— וואַרט צו, וועל איך עפענען דעם פּאַראַדנעם אַריינגאַנג. — האָט די דינסט אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך אַ פאַטשיילע און אַ ברוגזע אויסגעווישט נאָך וועלוולען די נאַסע פּאָדלאָגע.

טאַטע-זון האָבן איינציקווייז געטראָגן אין דער סאַליע אַריין די צענומענע שטיקער ארון-קודש. די דאָזאָרעס, דער רב, דער צעוואַק-סענער נתן בליאַש, וואָס איז געזעסן אַ געליימטער אין אַ וועגעלע

מיט גומענע רעדער, אַלע האָבן געקוקט, ווי זרח שטעלט צונויף די שטיקער.

— נו, זרח, — האָט בליאַש אַ זאָג געטאָן מיט רחבות, — וועלן מיר זיך כאָטש נישט דאַרפן שעמען מיט אונזער אָרון־קודש?

— וואָס הייסט שעמען, — האָט די מראה אין זרחס פּנים, וואָס איז אַזוי אויך חושך געווען, זיך געביטן, — פֿאַרקערט, כ׳מיין... איר וועט באַלד זען.

וועלוול, וואָס האָט געהאָלפֿן דעם פֿאָטער, געקוקט אויף די דאָזאָרעס, אויף זייערע סאַמעטענע וועסטן מיט די גאָלדענע קייטן, ער האָט זיך געשראָקן. און אַז זרח האָט אָנגעטאָן אויפֿן העכסטן געזימסל די קרוין, און זיך גענומען רוקן אויף צוריק, געוויזן מיט דער האַנט, אַז דער אָרון־קודש איז צוזאַמענגעשטעלט, האָט דאָס האַרץ ביים ייִנגל אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי אַן אומרו ביי אַ זייגער מיט וואַגעס.

דער רב, די דאָזאָרעס, בליאַש, — אַלע זענען געבליבן שטיין געפּלעפּטע, געקוקט אויף די שטענגלעך וויינטרויבן, אויף די פֿאַרשפּיצטע הערשלעך, וואָס האָבן מיט פֿאַרריסענע עקן, מיט אַפּירגע־וואָרפֿענע פּיס, ווי האַלבע לבנות, זיך געריסן צו די לייבן, וואָס זענען געזעסן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, געהיט דעם אַריינגאַנג צו די ספֿר־תּורות.

— שיין! — האָט איינער אָפּגעאָטעמט.

— טאַקע שיין! — האָט אַ צווייטער זיך נענטער אַ רוק געטון צום אָרון־קודש.

— און ווער איז דער, וואָס האַלט די לוחות? — האָט אַ דריטער געפֿרעגט.

— דאַרף זיין משה־רבינו. — האָט בליאַש אַ נישט־זיכערער אַ זאָג געטאָן און געקוקט אויף זרחן.

— ווער, משה־רבינו? — האָט אַ דאָזאָר איבערגעפֿרעגט. — אויף אַן אָרון־קודש, ווייס איך, שניצט מען אויס לייבן, הערשן, טויבן, אָבער משה־רבינו? דאָס הער איך ס׳ערשטע מאָל!

זרח מיט וועלוולען האָבן זיך איבערגעקוקט, מורא געקראָגן, אַז עס רוקט זיך אויף זיי אַ צרה, און דער טאַקער האָט געוויזן אויף די שטענגלעך וויינטרויבן:

— כ'מיין מיט אַן אמת... האָט איר שוין געזען אַזוינע טרויבן ס'לעבט דאָך.

דער עולם האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט, גערעדט צווישן זיך אויפן ווינק, אָפּגעהאַקט, איינגעטענהט אין בליאַשן, און דער רב האָט ברייט אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז אַ בפירושע גמרא: „כל הפרצופות מותרים, חוץ מפרצוף אדם".

— טאַקע, זרח, ווי פאַלסטו אויס? — האָט דער רב צענומען די הענט און זיך אַ קער געטאָן צום טאָקער, וואָס איז געשטאַנען אַ דער־שלאָגענער — אַזאַ זאַך דאַרף מען זיך פרעגן! האָסט שוין אַמאָל גע־זען אויף אַן אָרון־קודש משה־רבינון? איך נישט! שטייט דאָך בפירוש: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה"... פאַרגעסן, האַ?

— רבי, — האָט זרח זיך געוואָלט ראַטעווען, גערעדט מיט אַ פּרעמד קול, — דאָס מיינט מען דאָך אַ יויזל צי אַ „מאַטקע באָסקע". אָבער נישט להבדיל משה־רבינון... זיין בילד איז דאָך פאַראַן אין חומש, אויף מיין וואָרט, אין מיין חומש איז עס דאָ... דעריבער...

ער האָט נישט פאַרענדיקט, דערפילט דעם ביטול צו זיך, דער־זען אינעם רבס אויגן, אין די דאָזאָרעס און בליאַשס, אַז עס רוקט זיך אויף אים אַ בראָך, אַז די צען וואָכן אַרבעט זענען אַרויסגע־וואָרפן, אַז ס'ווייב האָט זיך אומזיסט געגייט אַ בייטל, אַלץ איז זיך מיטאַמאָל צעפלויגן אויף פּיץ־פּיצלעך.

זרח האָט זיך נישט צוגעהערט, ווי דער עולם גיט אים עצות, הייסט אַראָפּנעמען משה־רבינון. ער איז איבעריק. הייסט איבערלאָזן די הערשן, לייבן, טויבן, וויינטרויבן.

זרח האָט אַראָפּגענומען די קרוין פון אָרון־קודש, די איבערגע־געבן ווענדלען, און אַליין האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס גאַנצע געשטעל, זיך געלאָזט דערמיט צו דער טיר. ער האָט דעם אָרון־קודש אַוועק־געלייגט אויפן וואָגן, זיך צוריק איינגעשפּאַנט אַרום דישעל און אַ געשריי געטאָן אויפן יינגל:

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ ליימענער? לייג צו אַ פּלייצע!

דער וואָגן האָט אַ סקריפּע געטון. די רעדער האָבן געשניטן

דעם שניי, זיך צעגודערט. און אַז די שטעכיקע שנייעלעך זענען געקראָכן אין די אויגן, אין די אויערן, געהויבן זרחס שטייפע פּאָלעס, געקלאַפּט מיט זיי איבער די פּיס, איז אים אַלץ קשה געווען, פאַר־וואָס די הערשן און לייבן מעג מען יאָ לאָזן אויפן אָרון־קודש און משה־רבינון, וואָס האָט געגעבן די תורה, אים נישט.

1928

---

## ביים „איסט ריווער״

דאָס צווייגאָרנדיקע הויז אויף גאָרעק-סטריט, וואָס לעבן וואַסער, האָט זיך געקרישלט פון אַלטקייט. דריי טירן אויפן צווייטן שטאָק זענען גאַנצע טעג געשטאַנען אויפגעפּראַלט. די שכנטעס, זייער קליינוואַרג, גאַנצע פּלאַכטעס פליגן האָבן זיך פראַנק און פריי געשאַרט פון איין קיך אין דער צווייטער, אויסגעמישט די ריחות פון געפּרעגלטע פיש, געקאָכטע וועש און רעצעפּטן.

אין פעדערהויז, ווו ס'פענצטער אָן שויבן איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וואַסער, האָט פון מאָל צו מאָל אַ בלאָז געטאָן מיט „איסט ריווער״, וואָס האָט געפינקלט מיט אויסגעגאָסענעם נאַפט, מיט געזאָלין, פול געווען מיט אָפּפאַל פון שלאַכט-הייזער, מיט חלשות-ריח.

איין טיר איז איצט געווען פאַרמאַכט. די שכנטעס, ס'קליינוואַרג זענען געשטאַנען צונויפגעטוליעט, געוואַרט חנה-לאה זאָל אָן עפן טאָן די טיר, דערציילן, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט. צייט מען האָט אסתרן צוריקגעבראַכט פון שפּיטאָל, לויפט זי איין, ס'איז פון איר קיין העלפט נישט געבליבן.

חנה-לאה האָט אַרויסגעשטעקט דעם גרוילעכן קאָפּ:

— ער גיט איר אַ „נידעל״, דער דאָקטאָר.

זי האָט צוריק פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר און אין דער שטילקייט איז געבליבן דאָס סיקען פון אַ נאָדל, וואָס פאַרנייט שטיקער לייב.

די צוויי שכנטעס האָבן זיך אַ רוק געטאָן צו דער פאַרמאַכטער טיר מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, געטריבן פון זיך ס'קליינוואַרג און גערעדט שטיל, ווי מען רעדט ביי אַ מת:

— ס'איז דאָך אַ טמאה. — האָט אַ הויכע יידענע, אַן אויסגעטרוקנטע אָנגעהויבן.

— זי איז שוין אָפּגעקומען פאַר אַלע חטאים. — האָט די צווייטע, אַ נידעריקע, אַ פעטע, איבערגעשלאָגן די דאַרע.

— ווי דאָס מענטש מאַטערט זיך...

— אָפּגעשניטן איין ברוסט... איצט אַ צווייטע... אַז זי צעפאַלט אינגאַנצן...

— פון וואָס קומט אַזאַ קרענק, מאַמע? — האָט אַ צוועלף־יעריק מיידל, אַן אויסגעקנאָטענע, זיך געגומען רייבן אָן דער דאַרער מאַמען, ווי אַ קעלבל.

— דאַרפסט עס נויטיק וויסן? — האָט די מוטער אַ שטופּ געטאָן פון זיך ס'מיידל — גיי, גיי אַראָפּ אַביסל, וואָס שטייסטו דאָ?

ס'מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער מיט איין אויג, אַ קלוגס, וואָס האָט צו צוועלף יאָר אַלץ געוווּסט. און אַז זי האָט גענומען פויל שפּרייזן איבער די הילצערנע טרעפּ, האָט די הויכע יידענע אַ פרעג געטאָן דאָס זעלבע, וואָס די טאָכטער:

— פון וואָס קומט טאַקע אַזאַ חולאת?

— פון מקווה־גיין קומט עס אָסור נישט!

— די לייט לעבן סיי־ווי־סיי נישט לאַנג... דערציען קוים די פּערציקער.

— ביי אַזאַ אומפלייט איז דאָס אויך צופיל.

— און וואָס זאָגט איר אויף חנה־לאהן?

— אַן אַנדער „מומע” וואָלט אסתרן נישט אַהיימגענומען פון שפּיטאָל.

— איר מעגט עס זאָגן נאָכאַמאָל.

— ווייזט אויס, אַז צווישן די לייט איז אויך פאַראַן „יאַנדעס” (יהדות)... ווי אַ מאַמע גייט חנה־לאה אום ביי דער קראַנקער, אַזוי ווי זי ווי אַן אייגן קינד...

די צוויי ווייבער מיטן קליינוואַרג האָבן זיך אַ רוק געטאָן פון דער טיר, וואָס האָט זיך האַסטיק געעפנט. דער דאָקטאָר, אַ געשוואָלענער, האָט זיך אַרויסגעקאַטשעט מיט אַ לעדערן רענצל אין דער האַנט. פון אַלע קעשענעס האָבן אַרויסגעשטעקט רערלעך מיט קישקעלעך.

נאָך אים — חנה־לאה, אַ באַלייבטע, מיט גרויע פּאַסמעס האָר איבערן שטערן, איבער די אויערן, וואָס האָט גיכער געפּאַסט פאַר אַ רביצין, ווי פאַר אַ „מומע״.

— איז וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר־לעבן? — האָט חנה־לאה אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— ס׳איז אַ פראַגע פון נאָך אַ טאָג, אפשר דאָס אויך נישט, — האָט דער דאָקטאָר געשטיפּט מיטן קליינוואַרג, איינעם אַ קיצל גע־טאָן, דעם צווייטן אַ גלעט.

— ווי איז מיר. — האָט חנה־לאה פאַרבראָכן די הענט.

— איידער זיך אַזוי צו מאַטערן... — האָט דער דאָקטאָר אַ מאַך געטאָן מיט דעם שטעקן און די טרעפּ האָבן געקרעכצט אונטער זיין שווערן געשטעל.

איינציקווייז האָט ס׳קליינוואַרג זיך אַריינגעגנבעט צו דער קראַנ־קער. די דריי ווייבער זענען געשטאַנען אַ וויל מיט פאַרקוועטשטע ליפּן, מיט פרומע אויגן, געקוקט אויפן „איסט ריווער״, וואָס איז פול געווען מיט אָפּפאַל, און געזיפצט.

— אַ מענטש דאַרף באַלאַנגען ערגעץ. — האָט חנה־לאה געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— אַוודאי דאַרף מען באַלאַנגען.

— אינדערהיים, די שעה זאָל נישט באַשעהן, ס׳טרעפט אַן אומגליק, איז דאָ אַ חברה־קדישא...

— און דאָ, אין ניו־יאָרק, איז פאַראַן אַ חסד־של־אמת...

— איי, גילדענע מיינע, — האָט חנה־לאה פאַרטרויט אַ סוד, — ווי אסתּר בעט מיך, קושט מיר די הענט, וויל נישט ליגן אויפן חסד־של־אמת.

— זי רעדט דען וועגן טויט?

— אָסור, גוים, — האָט די הויכע, דאַרע שכנטע צענומען די הענט, — זי לעבט דאָך נאָך... און דאָ רעדט מען, ווי כ׳ווייס וואָס... ווי לאַנג די נשמה איז אין גוף דאַרף מען האָפן...

— וואָס אַ דאָקטאָר זאָגט אַלץ. — האָט די קלענערע אונטערגע־כאַפּט. — לאָמיר האָפן, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל.

— הלוואי.

עס איז געוואָרן זעקס אַזייגער. די ווייבער האָבן איינציקווייז זיך אַוועקגעשאַרט. יעדע איז אַריין צו זיך אין קיך, צוגעוואָרפן אַ־פּאָר קוילן אין אויוון אַריין, ס׳נאַכט־עסן זאָל פאַרטיק ווערן. די בײַליקע אײַזערנע אויוונס האָבן פאַרטאָפּלט די חמימה אין קיך.

צוויי יינגלעך מיט אַ מיידל האָבן זיך צעשריען:

— מאַ, דער טאַטע גייט! אונזער טאַטע גייט!

זיי האָבן זיך געריצט מיטן שלנס קינדער, וואָס זייער טאַטע איז נאָך נישט געקומען, און גענומען אַנטקעגנלויפן אַן אָפּגעאַרבעטן מוליער באַדעקט מיט קאַלך און ליים. די צוויי יינגלעך האָבן צוגע־נומען ביים פאָטער דאָס קעסטל מכשירים און ס׳מיידעלע האָט זיך נעפּיעשטשעט, נישט אָפּגעשטאַנען פון טאַטן אירן און אים איבערגע־געבן די נייעס פאַרן גאַנצן טאָג.

באַלד האָבן זיך די איבעריקע קינדער צעשריען: — אָט קומט אונזער טאַטע! — און גענומען לויפן איבער די טרעפּ מיט אַ קלאַפּע־ריי, ווי יונגע פערדלעך. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן לויפן. ס׳איז געווען אַ פרעמדער, אַ מאַטראָס.

דער מאַטראָס איז געווען גוט אויפגעלייגט, זיך געהויבן אויף צוויי טרעפּ מיט איין שפּרייז און געפרעגט די קינדער:

— „זי״, אַן עלטערע ליידי... זי וווינט נאָך דאָ?

— ווער?

— איר ווייסט... אַן עלטערע ליידי... כ׳האָב פאַרגעסן, ווי זי הייסט...

דער מאַטראָס האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, זיך גע־הויבן נאָך געשווינדער צו דריי טרעפּן מיטאַמאָל.

— דאָס זוכט ער חנה־לאהן. — האָט אַ ניין־יעריק יינגל זיך אָנגערופן.

— וואָס וויל ער פון חנה־לאהן? — האָט זיין זיבן־יעריק ברו־דערל געפרעגט.

— ער וויל אסתרן.

— זי איז דאָך קראַנק!..

די ברידערלעך האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך איבערגעווונקען, אַז זיי ווייסן אַלץ און מיט אַ געלעכטער זיך געלאָזט נאָכן מאַטראָס.

אין פעדערהויז איז געשטאַנען דער מאַטראָס אין זײַנע בלויע, ברייטע הויזן, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, ס׳קליינע היטעלע ווי־לעריש אויף אַן אויער. ער האָט גערעדט מיט חנה־לאהן:

— געדענקסט מיך נישט? צוויי יאָר צוריק בין איך געווען ביי דיר אַן אָפטער גאַסט. געדענקסט טאָקע נישט?

— ווער קען אייך געדענקען? — האָט חנה־לאה קוים געעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל פּנים.

— פאַר די צוויי יאָר, — האָט דער מאַטראָס אַרויסגענומען פון מויל די פּיפּקע און שפּאָר אויסגעשפּיגן, — פאַר די צוויי יאָר האָב איך אַרומגערייזט די גאַנצע וועלט... געווען אין כינע, עגיפּטן... פרעג, ווו כ׳בין נישט געווען? אומעטום געהאַט מיידלעך... צו דיינע אָבער קומען זיי נישט. — האָט דער מאַטראָס קונציק אַ שטעק אַריין געטאָן דעם פוס צווישן דער שוועל און דער טיר. — איצט, ליידי, לאָז מיך אַריין!

— זי איז קראַנק.

— נאַרסט!

— כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי זי איז געפערלעך קראַנק!

— טאָ לאָז אַ קוק טאָן.

— וועסט נישט אַריינגיין.

— כ׳וועל יאָ, — האָט דער מאַטראָס אַזאַ ריס געטאָן די טיר, אַז חנה־לאה איז געבליבן שטיין מיט אַ געשריי אינדערמיט פעדער־הויז.

די שכנטעס, ווער מיט אַ האָלץ, ווער אַ מיט בעזים, זענען אויס־געוואַקסן אין די טירן, נישט אַרויסגעלאָזט ס׳קליינוואָרג.

— גראַרי־היר! — האָט חנה־לאה געשריען און זיך פאַרמאָסטן מיט אַ האַנט.

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — האָט די הויכע יידענע, די דאַ־רע, אַ גאַס געטאָן אַ טאָפּ וואַסער דעם מאַטראָס אין פּנים אַריין.

ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען מיט העלצער, מיט בעזימער, מיט טעפּ, און איידער וואָס־ווען האָט די צעקרישלטע געביידע אויפגעצי־טערט — דער מאַטראָס האָט זיך געקייקלט פון אַלע טרעפּ.

1928

## אַן אַמעריקאַנער

צוויי וואָכן צייט האָבן מלאַווער בעל-עגלות און דאָראָשקאַזשעס גענוואַרט אויף פישלען, וואָס האָט געדאַרפט קומען פון ניו-יאָרק. אין שטעטל איז מען געוווינט געווען צו אַמעריקאַנער געסט. געקומען זענען קינדער פון באַלעבאַטישע יורדים און אַזוינע, וואָס האָבן זיך געיחוסט מיט שיינע שטאָט-יידן. דאָס איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ בעל-עגלה האָט באַדאַרפט קומען — אַן אייגענער מענטש, וואָס איז יאָרן אָפּגעזעסן אויף דער זעלבער קעלניע.

— מ'שמועסט פישל איז אָנגעפּראָפּט. — האָט שלמה דאָראָש-קאַזש אַ דריי געטאָן דעם דאַשעק פון זיין צעראַטן היטל און זיך אַריינגעשמייכלט אין דער קוואַדראַטנער יוּנישער באָרד, וואָס איז אַמאָל רויט געווען און איצט געהאַט דעם קאָליר פון אָפּגעלעגן גראָז.

— דו ביסט דאָך עפּעס דער אמתער מחותן, שלמה. — האָט אַ יינג זיך אָנגערופן.

— איך אויך נישט? — האָט שלמה געוויזן אויף דער קעלניע און זיך איבערגענומען, — אַז גאַנצע פינף יאָר האָט פישל גע'פּ'רט מיין קאַטערינקע!

— דו זיי נישט קיין בהמה, שלמה, און בעט ביי אים אַ גדן פּאַר דיין לאָהן. — האָט עמעצער אַן עצה געגעבן.

— און כ'וועל טאַקע בעטן! — האָט שלמה זיך צעקנאַלט מיט דער בייטש און זיין שטייף צעראַטן היטל מיטן דאַשיק אויפן אויער האָט אונטערגעטאַנצט.

— איר רעדט זיך אַלע איין פייגעלעך אין בוזעם! — איז אַ דאָראָשקאַזש אַראָפּ פון דער קעלניע, — שיין וועט זיין, אַז פישלען וועט גאָרנישט אָנשטיין זיך אַרומצושלעפּן מיט אונז! מיטן געלט,

חברה, וואַקסט דער איינשיט, וואַקסט דער אַפּעטיט צו קריכן אין הויכע פענצטער!

— נישט פישל!

— און אויב יאָ, האָט מען אים אויך אין דער אַדמה!

— קענסט נישט פישלען!

— מיר האָבן שוין געזען „קעקערע" פון אים!

אַזוי האָט ס׳ביסל דראָשקאַזשעס זיך אויסגעטענהט צווישן איין אַרויספאָר צו דער באַן נאָך פאַרשוינען און דעם צווייטן. מען איז געזעסן אויף די קעלניעס, מען איז געשטאַנען אין קרענצלעך מיט די בייטשן אין די הענט, פאַרגעסן אָן דעם אייגענעם ביסן, אָן דער פאַשע פאַר די פערד, און געחלומט וועגן דעם אַמעריקאַנער. וועגן דעם, אַז ס׳איז ערגעץ דאָ אַ רייכער צד אין דער משפחה.

פישל איז אָנגעקומען פאַרטאָג. די אַמאָליקע חברים זיינע האָבן פאַר אים געהאַט צוגעגרייט אַ צימער ביי לאה די וויינשענקערין, ווו שררים און וואַרשעווער סוחרים האָבן געהאַט נאַכטלעגער.

— און ביי דיר, שלמה, איז מער פאַר מיר קיין פלאַץ נישטאָ?

— האָט פישל, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ גלאַטיק פּנים, ווי ביים שטאָטישן כומר, זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ טענה.

— ער ווינט דאָך אין איין שטוב. — האָבן עטלעכע זיך אָנגערופן מיטאַמאָל, געוואָלט פאַרענטפערן שלמהן.

פישל האָט זיך נישט צוגעהערט צו דער חברה, אַ נעם געטאָן שלמהן אונטערן אָרעם:

— מיין שלאָפבאַנק שטייט נאָך ביי דיר?

— אַ זיכרון דאָס האָט! — האָט שלמה פון גרויס פרייד אַרומגעכאַפּט דעם רייכן פישל, פאַרגעסן, אַז ער אַליין איז אַ געמיינער דראָשקאַזש, און זיין גלאַנציקער דאַשעק איז אַזש פאַרקראָכן אויפן קאַרק — אַוודאי שטייט זי! דאָס „סעק"-בעטל שטייט!

— זאָלסט וויסן, שלמה, — האָט פישל מיט אים אויסגענומען, — אַז היינטיקע נאַכט לייג איך זיך אין מיין אַמאָליקער שלאָפבאַנק.

שלמהס אָפּגעלעגענע באָרד האָט פון גרויס שמחה אָנגעהויבן קריגן קאָליר, זיך צערויטלט ווי אַמאָל.

בעל־עגלות און סתם ייִנגען האָבן אָפּגעפּירט פישלען, אים נאָכ־געטראָגן דאָס געפּעק, ווי נישט פישל וואָלט געקומען, נאָר אַ רייכער קרוב. מען איז געווען אויפגעהייטערט. זיך געקליבן אונטערצולענען ס׳האַרץ, מען זאָל קענען צעפירן אַ האַנט, אַ פוס, אָפּפרישן ס׳טריי־פענע בלוט, וואָס טרוקנט אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל. מען האָט זיך צוגעהערט מיט מויל און אויערן צום אַמעריקאַנער, זיך נישט אויפגעהערט צו חידושן:

— ווי דאָס געדענקט יעדעס קריש, יעדעס פּיצעלע! האַ־האַ־האַ! ער פרעגט אויף לייבל „אָרטשיק״! טאַקע, ווו איז ער אַהינגע־קומען, דער ייִנגטשיסקע? איי, איז דאָס געווען אַ „דערוואַל״!

— וואָס האָט איר געוואָלט, אַדרבא,—האָט פישל זיך אַ בייזער געטאָן, — איך זאָל געדענקען דעם געשוואָלענעם לייזער? וואָס, ער איז נאָך אַלץ דאָזאָר, דער „פּאָענץ״?

— יענער באַקט שוין בייגל!

— וועט שוין באַלד קומען אויף „אורלאָפּ״!

— און וואָס מאַכט יאַנקל פויער, דער מלאווער גביר? — האָט פישל נישט אויפגעהערט זיך אויסצופרעגן — כ׳פאַרשטעק זיי אַלעמען אין אַרבל, די אַדירים ענקערע!

חברה האָט אָנגעקוקט, וואָס פישל ווייכט די שייַנע באַלעבאַ־טים, די בייכלדיקע יידן, שמעקט נישט אַרויף צום רב. ער רעדט נישט וועגן זייַנע טויזנטער, נעמט זיך נישט איבער מיט זיין עשירות.

אין אָוונט איז מען אַוועק צו משה אָגער אין גאָרקיך. מען האָט אָרנטלעך אויסגעטרונקען, פאַרביסן מיט קאַטשקע, מיט גענזנס. די צונג האָט זיך צעשרויפט, איז געוואָרן לויזער.

— און איך, וואָס אמת, האָב געמיינט, וועסט זיך שעמען מיט אונז, דלפנים. — האָט די יוונישע באָרד ביי שלמהן זיך גערויטלט.

— נישט איך, נישט פישל! — האָט דער אַמעריקאַנער אַריינגע־שטעקט די גראָבע פינגער אין די וועסטל־קעשענעס — ווער, מיינט איר, אַרבעט פאַר מיר אין ניו־יאָרק? אַלץ היימישע חברה! פאַר אַ „באָס־בראָט״ געפינט זיך שטענדיק ביי מיר אַרבעט! אַחוץ לאַסט־אויטאָמאָבילן, האָב איך פינף און צוואָנציק טעקסיס. וואָס פאָרן אַרום בייטאָג און ביי נאַכט... איך באַשעפטיק איבער פופציק מענטשן און

כמעט אַלע זענען היימישע בעל־עגלות און דראָשקאַזשעס.

— אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך טאַקע אַריינגיסן. — האָט אַ יינג זיך אַ שטעל געטאָן, און זיינע בייגיקע פיס האָבן אַרויסגעשפּילט פון אַ פּאָר געפּאַסטע כאַליעוועס.

— און שפּאָר!

— און אמתן אָקעוויט!

— איז לחיים, פישל! — האָבן טייל אויסגעליידיקט קעליזקעס, אַנדערע האַלבע קוואַטירלעך, געוואָרן לעבעדיק, אויפגערוימט.

— לחיים, חברה, לחיים!

אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

די שטאָט איז געווען אָנגעשטויסן, געטענהט, אַז פון אַ חזירשן עק וועט מען קיין שטריימל נישט מאַכן. ס'טייטש, יינגאַטש איינער, גאָט האָט דיר געהאָלפן, ביסט אַראָפּגעקומען צו־גאַסט אין דיין געבורט־שטעטל, ווי גייט מען דאָס נישט אַרויף צום רב מיט אַ ברייטער מתנה? און ווי איז אַ מענטש אין זיין גילדענעם־גוטן אַזוי שווער אויף דער קעשענע? גיט נישט פאַר דער תלמוד־תורה, גיט נישט פאַר הכנסת־כלה... געהינטעכץ בלייבט געהינטעכץ!

דער רב האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן. ער האָט מיט זיך גענומען אַ באַלעבאָס און ביידע זענען אַוועק צו פישלען.

— איר האָט זיך נישט באַדאַרפט מטריח זיין, רבי. — איז פישל געווען גערירט פונעם וויזיט.

— ווי לאַנג ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיין כבוד, — האָבן דעם רבס אויגן קלוג געשמייכלט, עפּעס געמאָנט און נישט דערזאָגט,— איצט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דער תלמוד־תורה, וועגן יתומים און אָרעמע קינדער, האָב איך פאַרבויגן מיין כבוד און בין אַליין געקומען

מען האָט פישלען געפירט פון דער תלמוד־תורה אין דער מקווה. פון דער מקווה אין דער הכנסת־אורחים, אים געוויזן די שול, ס'בית־המדרש, אים פאַרהאַלטן ביים רב אַ גאַנצן אָוונט.

ביי משה אָגער אין דער גאָרקיך האָבן זיך חברה זיך געבונטעוועט, געסטראַשעט אָנצוברעכן די ביינער, אויב מען וועט ביי זיי צונעמען פישלען.

— זיי האָבן אים שוין פאָטשאַפּעט, די שמייליקע יידן, — האָט

זיך שלמה געקאָכט, — וועלן ביי אים שוין היינט אַ שיינע „פּויטיקע״ אַרויסשלעפּן! האָבן ווייכע הענטלעך, די ווייצענע הינטנס!

— מען דאַרף נישט דערלאָזן!

— אַז ס'קומט אַ זייעריקער, שטייען מיר פונדערווייטנס!

— דאַרפן זיי אונז אויך אין וועג אַריין נישט קריכן!

— כ'וועל אונטערהאַקן אַ ריפּ, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן!

שפּעט אין דער נאַכט איז פישל צוריקגעקומען פון רב. שלמה איז געווען ברוגז, האָט געטריבן מיט דער בייטש די פליגן דורך דעם אָפענעם פענצטער.

— וואָס איז, שלמה? — האָט פישל אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש און זיך אויסגעצויגן אויף דער שלאָפבאַנק, — ביסט אויף דער עלטער געוואָרן אַ פליגן־יעגער?

— אַבי נישט קיין הורן־יעגער. — האָט שלמה זיך געגעסן, וואָס די ווערטער זענען ביי אים געבליבן אין גורגרת, וואָס ער האָט זיי נישט געזאָגט פישלען, און פון גרויס נכפּה האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוצופּן פון וואָליטשקענעם „מזרח״ די טויטע פליגן, וואָס האָבן געהאָנגען, ווי פרענדזלעך, אַרום דעם אָפגעשאָסענעם רעמל.

— ע, דו ביסט דאָך טאַקע ברוגז! — האָט פישל געשמייכלט.

— ווער איז ברוגז? — האָט שלמה מיט גרויס רציחה אַ צי געטאָן זיינע פינף פינגער איבער דער וואַנט און אָפּגעעטעמט, וואָס איבער אַ טיץ פליגן זשומען ביי אים אין דער פאַרמאַכטער האַנט—מען קען זיך נישט אָפּיאָגן פון זיי, פון די פליגן! כמאָרעם, גאַנצע כמאָרעם!

— וואָס, פליגן? — האָט פישל אַ שלעפּ געטון שלמהן פאַרן שפּענצער, אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך, — זאָג, רויטער, וואָס ביסטו אָנגעדראָדלט?

— חברה האָבן געוואַרט אויף דיר אַ גאַנצן אָוונט אין גאָרקיך.

— כ'האָב אָסור נישט געקענט אַוועק, עפּעס נישט געפּאַסט. —

האָט פישל אונטערגעטראָגן שלמהן אַן אָפן פּעקל פּאַפּיראָסן און ביידע האָבן פאַררויכערט.

— מיר האָבן עס געוווּסט. זיי, די געשוואָלענע קעסט־קינדער,

טשאַטעווען די גאַנצע צייט אויף דיר, ווילן דיך אַריינקריגן... ווילן האָבן ס׳געגאַר פון דיר...

— נאַרישקייטן. — האָט פישל פאַרצויגן איינמאָל, צווייטמאָל און אַ וואָרף געטאָן דעם פּאַפּיראָס אין פּאָמעשאַף אַריין.

— דו, פישל, ביסט אונזערער, און זיי, די לאַפּסערדאַקעס, האָבן קיין חזקה נישט אויף דיר!

שלמה האָט לאַנג אַריינגערעדט אין פישלען, דערציילט, ווי ס׳ווייב איז אים געשטאָרבן, ווי זי האָט געזאָגט פאַרן טויט: — שלמה, אַז דו וועסט מיערצעשעם אויסגעבן לאהן, זאָלסטו אויך חתונה האָבן, נישט בלייבן אויף דער עלטער אַן אַלמן, אַ צעבראָכענער שאַרבן... און דאָ מאַטערט מען זיך, פּרנסה איז בדוחק... מען פאַרדינט קוים אויף אַ לעפל געקעכץ און אויף אַ פערטל האָבער פאַרן פערד... איז וועגן לאהן דאָך קיין רייד נישטאָ... יעדער נישט וויל היינט נדן... וואָס אמת, דרייט זיך מיר דאָ אַ יינג, אַן אָרנטלעכער יינגטשיסקע... ווען כ׳קען אים קויפן אַ פּאָר פערד מיט אַ געשפּאַן, נעמט ער זי בתשואות-חן... פאַר דיר, פישל, דאַרף איך נישט באַהאַלטן, דו ווייסט, אַז לאה איז שוין נישט קיין קינד... ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען זי צו פאַרשלייערן...

— זאָרג נישט, שלמה, — האָט פישל אַ שלעפעריקער געקלאַפּט זיין געוועזענעם באַלעבאָס אין די פּלייצעס, — ס׳וועלן זיין אַ פּאָר פערד, אַ געשפּאַן, קענסט אפילו מאָרגן אָפּשטעלן די חתונה...

די צונג ביי שלמהן האָט פון גרויס פרייד נישט געוווסט, וואָס זי זאָגט. ער האָט אַרומגענומען זיין געוועזענעם יינג, געטענהט, אַז פישל איז מער ווי אַ לייבלעכער ברודער, ער איז אַ טאַטע, אַ גוטער טאַטע... און אַז ביי פישלען האָבן זיך די אויגן-לעפלעך גענומען קלעפּן, האָט שלמה זיך אַ שטעל געטון, נישט געוווסט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן פון שמחה און גענומען רעדן מיט דער גוטסקייט פון אַ שיכור:

— נו, גיי שלאָפן, גיי שלאָפן, פישל! כ׳זע, ווי דער „בלינ-דער עליע“ זיצט שוין ביי דיר אין די אויגן!

מיטן טאָג צוגלייך, ווען שלמה, אַן אויפגערוימטער, האָט זיך געקליבן צום ערשטן צוג, האָט פישל אים אָפּגעשטעלט:

— הער, שלמה, אַז איר וועט פאָרן קריק פון דער באַן, וואַרט אויף מיר.

— ווער אַלץ, אַלע?

— אַלע, וויפל דאָראָשקאַזשעס עס זענען נאָר דאָ.

— צו וואָס?

— פרעג נישט קיין קשיות.

— נו, גוט. — האָט שלמה זיך אַ שיבער געטון, געוואָלט אָפּ-שאָקלען דעם שלאָף פון די אָפּגעאַרבעטע גלידער, און די באָרד, אַ צעפּאַטלטע, האָט געהאָנגען אַרום פּנים, ווי אַן אויפגעטרענט שטיק מאַטראַץ.

אַרום מיטאָג-צייט האָבן זיך איבער צוואָנציק דאָראָשקאַזשעס אויסגעשטעלט אין עק מאַרק אין אַ לאַנגער שורה, איינער הינטער דעם אַנדערן. די דאָראָשקאַזשעס זענען געשטאַנען מיט די בייטשן אין די הענט, געוואָלט טרעפן, וואָס דעם אַמעריקאַנער קען אַלץ איינפאַלן, וואָס פאַרע משוגעת ס'איז אים אַריין אין קאָפּ.

פישל איז אונטערגעקומען אַן אויסגעפּוצטער. ער האָט אַ נעם געטאָן שלמהן פאַר אַ האַנט, אים אַריינגעזעצט אין זיין אייגענע דאָ-ראָשקע, איינגעדעקט זיין געוועזענעם באַלעבאָס, ווי אַ פּריץ, און אַליין איז פישל וווילעריש אַרויף אויף דער קעלניע. ער האָט זיך צעפּייפט, זיך צעקנאַלט מיט דער בייטש און זיך געלאָזט מיט דער דאָראָשקע אַרום און אַרום מאַרק. די שקאַפּע, מיט איינגעלייגטע אויערן, האָט זיך געריסן פון די האָלאָבליעס, דאַכט זיך, געשווומען איבערן ליידיקן מאַרק, ווו דער שטויב האָט זיך אַ הייב געטאָן, זיך געדורייט, ווי אַ לייקע, און די רעדער האָבן געשפּרונגען איבער די שטיינער מיט אַ קלאַפּעריי, מיט אַ סקריפּעריי, געטריבן מענטשן פון גאַסן אין געסלעך אין מאַרק אַריין. פישל האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס, זיך געבויגן צום פערד, וואָס האָט איבערגעשראָקן צוויי פאַרליבטע הינט, און אַלץ אין אים האָט זיך געריסן, געזונגען:

— גידי-אַפּ, יאו! גידי-אַפּ!

די פערד-יינגען, וואָס האָבן געשעפּט נחת פון זייער אַמעריקאַ-נער, האָבן אים באַגעגנט מיט אַ פּאַטשעריי, מיט אַ פייפעריי, געשריגן:

— בראַוואָ, פישל! וויוואַט!

אַזוי האָט פישל יך געזעצט פון איין קעלניע אויף דער צווייטער, געפירט די עטלעכע צוואָנציק חברים זיינע אַרום מאַרק און צוגעצאָלט יעדן איינעם פינף דאָלאַר.

באַלעבאַטים האָבן זיך געקליבן אין רעדלעך, אין קרענצלעך, געשטאַנען, ווי ביי אַ פרעמדער חתונה, און מקנא געווען די בעל-עגלות, די פערד-יינגען, וואָס האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן, געוואָלט וואָס שנעלער זיין ביי משה אָגער אין דער גאָרקין. און אַז פישל איז אָנגעפאָרן מיטן לעצטן פאַסאַזשיר, דער מאַרק האָט געהילכט, איז פול געוואָרן מיט „גאַיעס" און חסידים, האָט אַן איבערגעוואַקסענער יינג זיך אַ שטעל געטון אויפן קאָפּ און גענומען אויסקלאַפּן מיט די טילקעס, מיט די געפּאַסטע כאָליעוועס אַ פּאָלקע. יינגען, שקאָצים האָבן זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, צעזונגען:

„Krakowiaczek jeden, Miał koników siedem..."

# אַ דעמאָנסטראַציע

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט בערל מוליער זיך געגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע. ער האָט געשפּרייזט הין און צוריק מיט אַן אָראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, אויסגעמאָסטן די גרויסע קיך מיט דריי־פיר שפּאַן און ווו ער האָט זיך נישט אָוועקגעשטעלט, האָט ס׳בלויזע געשטעל זיינס פאַרנומען אַ דריטל קיך.

בערל האָט געגלויבט, אַז ס׳איז געגנוג די ניו־יאָרקער פאַבריקן און שעפּער זאָלן זיך אָפּשטעלן, די אַרבעטער אין די צענטליקער טויזנט, אין די הונדערטער טויזנט זאָלן אַוועק צום סיטי האָל מיט אַ גע־שריי: — מיר ווילן אַרבעט! מיר ווילן ברויט! — וועלן זיי קריגן אי אַרבעט, אי ברויט. מען דאַרף בלויז קומען צו די שטאָט־טאַטעס און זיי דערציילן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, אַז ניו־יאָרק האָט אַפילו היינט צו טאָג אַרבעט פאַר צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן, וויפל עס דרייען זיך אַרום ליידיק. און אַז קיינער וועט זיך נישט צוהערן צום געשריי, דאַרף מען זאָגן אַזוי און אַזוי:

— שטאָט־טאַטעס, אויב איר קענט אונז נישט פאַרזאָרגן מיט אַרבעט, גיט אונז איבער דעם „דזשאָב״. מיר, אַרבעטער, וועלן אייך יאָ פאַרזאָרגן אי מיט אַרבעט, אי מיט ברויט.

און אַז דער מוליער, אַ פּראָסטער בעל־מלאכה, וואָס איז געווען ווייט פון יעדער פּאַרטיי, איז דורכגעקומען מיט זיך אַליין, האָט ער זיך געזעצט איבער אַ האַרטן פּאַפּיר־טאָוול, גענומען כתיבענען שוואַרצע אותיות, צוגעגרייט אַ פּלאַקאַט, וואָס ער וועט טראָגן אויף דער דעמאָנסטראַציע.

שוין זעקס חדשים ווי בערל מוליער אַרבעט אינגאַנצן נישט. פריער פלעגט ער נאָך אַריינכאַפּן יעדע וואָך אַ צוויי, דריי טעג אַרבעט

און האָט זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט. צייט אָבער מען האָט אָפּגעשטעלט ס׳בויען, האָט ער נישט בלויז פאַרצערט יעדן אָפּגעשפּאָרטן סענט. נאָר ער איז נאָך געבליבן אַ בעל־חוב. ער האָט זיך פאַרשולדיקט אין שפּייז־געוועלב, ביים קצב, קען זיך נישט ווייזן אין גאַס.

פאַר די פינף־און־צוואָנציק יאָר, וואָס בערל איז אין לאַנד, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעבויט אַ שטיק ניו־יאָרק. גייט ער פאַרביי די שטאָט־ביבליאָטעק אויף צוויי־און־פערציקסטער גאַס, די פּאַלאַצן אויף פּאַרק־עוועניו, וווּ עס זענען איינגעמויערט יאָרן פון זיין לעבן, פילט ער, אַז דאָס איז זיינס, אַז ער איז דער באַלעבאָס. און דער באַלעבאָס האָט נישט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען, הונגערט, כאָטש נעם און בייס אָפּ אַ מירמלשטיינערנעם קאַרניז, אַ שטיק קאָלאָנע פון גראַניט. און נישט נאָר ער, בערל, דרייט זיך אַרום ליידיק, דער זון זיינער, פישל, אַ שטיינקריצער, אַרבעט שוין אויך חדשים נישט.

בערל האָט געמאַכט אַ שפּאַלט אין אַ קיילעכיק דרענגל, אַריינגעזעצט דעם פּלאַקאַט, אים צוגעשלאָגן מיט נעגל. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט מיטן פּלאַקאַט איבער דער קיך, און אים אַריינגעשטעלט אין פענצטער: — לייענט, שכנים.

בערלס זון, פישל, איז אַריין אין קיך. ער איז געווען הויך און ברייט ווי דער פאָטער. ס׳יונגע פּנים איז פול געווען מיט שמייכל.

— צייט צו גיין, טאַטע.

— זון מיינער, — איז די מוטער, אַ הויכע, ביינערדיקע יידענע, אויסגעוואַקסן, — לאָז דעם טאַטן צורו... צו אַלע גליקן פעלט אים נאָך אַ קלאַפּ... גיי דיר געזונטערהייט אַליין...

— איך שלעפּ אים נישט, מאַמע, — האָבן די אויגן, די ליפּן, ס׳גאַנצע פּנים געלאַכט ביי פישלען, — זעסט, דער טאַטע האָט אַפילו צוגעגרייט אַ פּלאַקאַט.

— ער איז נישט ביים זינען, דער טאַטע דיינער, — האָט די מוטער אַ לאַך געטאָן און זיך אויסגעדרייט צום מאַן, — ווערסט זיך טאַקע אָרעקלאָזן מיט אַזאַ שמחת־תורה־פאָן איבער די גאַסן? פאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַ ייד אַ פּופציקער, נישט עפּעס אַ ייִנגל, אַ סאָציאַליסט!

— האָב נישט קיין יסורים, לאה, — האָט בערל געשמייכלט, — אויב מיר, אַרבעטסלאָזע, זאָלן נישט גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע, ווער דען וועט גיין? אפשר ראָקפעלער, צי גאָר מאָרגאַן? גוט-באַי, לאה, גוט-באַי!

— לאָז כאָטש איבער אַפּאָר סענט.

— דאָס, זעסטו, יאָ. — האָט בערל אַרויסגעשלעפּט אַ האַלבן דאָלאַר. — דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, נעם דיר פערציק סענט און גיב מיר צען.

ער האָט איינגעוויקלט דעם פּלאַקאַט אין אַ פּאַפּיר און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער זון נאָך אים.

— מאַנצבילן מיינע, קריכט נישט ווו מען דאַרף נישט! — האָט די מוטער מיט אַן אָנגעשפּאָלטן קול נאָכגעשריען אין דער אָפענער טיר אַריין.

טאַטע-זון זענען געגאַנגען מיט צווייטער-עוועניו און האָבן געשוויגן. וואָס נענטער זיי זענען געקומען צו פערצנטער גאַס, אַלץ געדיכטער און ראַשיקער זענען געוואָרן די שטראָמען מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער די טראָטואַרן, געשניטן צו יוניאָן-סקווער. דער סקווער איז געווען שוואַרץ — קעפּ צו קעפּ, קעפּ איבער קעפּ, אין טויזנטער, אין צען-טויזנטער. די גאָרנדיקע הייזער אַרום סקווער האָבן אויסגעזען קלענער. די מאַשין-ביקסן אויף די דעכער, מענטשן אין די אָפענע פענצטער, פּאָליציאַנטן אויף פערד, אויף מאָטאָציקלען, צופוס, — ווער האָט זיי אַלעמען באַמערקט, ווען דער ריזיקער סקווער איז נישט געוואָרן, האָט זיך באַהאַלטן אונטער די הונדערט טויזנט פיס. און אַזוי פיל טויזנטער אויגן האָבן געקוקט אַרויף צו די הילצערנע געלענדערס, ווו רעדנער מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָבן געוועקט, געמינטערט, אַריינגעגאָסן אַ נייע נשמה. מיטאַמאָל האָט אַ פּאַרשטיקט געזאַנג זיך גענומען רייסן העכער און העכער:

„שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט"...

דער סקווער האָט אויפגעציטערט, זיך צעוויגט.

איבער בערל מוליע'ס חוט-השדרה האָבן זיך גענומען בלעזלען

הייסע טראָפּנס, זיך דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן גוף און ער האָט אַ הייב געטאָן זיין פּלאַקאַט. דער פופציק־יעריקער בערל האָט פאַרגעסן אָן זון, אָן דער היים. ער איז אַריין מיט די עלנבויגנס אַלץ טיפער אינעם המון, געוואָרן איינס מיט די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם סקווער, און אַליין אָן ווערטער גענומען זינגען. דער ציטער איז ביי בערלען אַריבער אין די האָר, געשפּאַרט ס׳היטל פון קאָפּ, גרעסער געמאַכט די אויגן, און זיינע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שטאָל.

— ס׳זענען נישט קראַנק צו בויען אַ נייע סאָבוויי! — האָט בערל זיך צערעדט — ווען זיין אַרבעט!

— און ביליקע קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר אַרבעטער זענען זיי חולה צו בויען? — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— וואָס שטייען מיר?

— טאַקע, וואָס שטייען מיר?

— קומט צום סיטי־האָל!

— צו די שטאַט־טאַטעס!

— מיר ווילן אַרבעט!

— שטעלט אייך זעקס אין אַ שורה!

— שטעלט אייך, חברים!

— די מיט פענער און פּלאַקאַטן אויף אַפריער

אַ ברייט־ביייניקער איטאַליענער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ רויטן, צעפלויגענעם פאָן. הינטער אים איז אויסגעוואָקסן בערל מולער מיט זיין פּלאַקאַט. דער זעקס־פופיקער בערל האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון צווישן המון, ווי אַ סלופּ, וואָס אויף אים פלאַטערט אין ווינטעלע זיך אַ פאָן.

פון אַלע זייטן סקווער האָבן מיילער זיך געעפנט. דאָס געזאַנג האָט קנוילנווייז זיך געריסן אין דער קאַלטער לופט, אַריבערגעוואָקסן די הייזער, די מאַשין־ביקסן אויף די דעכער, די טורעמס.

„... אין הונגער לעבן מוז און נויט!“.

די פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען אין זייטיקע גאַסן, האָבן זיך אַ לאָז געטון, ווער אויף מאָטאָציקלס, ווער אויף פערד,

ווער צופּוס. פון אַלע זייטן האָבן זיי זיך גענומען אַריינשניידן אינעם המון, זיך געגראָבן אין דעם צונויפגעדריקטן, צונויפגעפּרעסטן מענטשן-פלייש, ווי מיט עגבערס.

שטיקערווייז איז דער סקוועד אַרויסגעשווומען פון אונטער די פיס און אין דעם געדרענג, אין דעם געלויף האָבן מענטשן זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, גיך, גיכער, צונויפגעקנוילט פערד, מענטשן, פּענער. אַן איבערגעשראָקענער, אַ דערשלאָגענער האָט דער המון זיך געשפּאַרט אויף די טראָטואַרן, זיך געריסן אין די פאַרמאַכטע טירן פון די הייזער, און די אומגעהאַרישע קולות האָבן פאַרטויבט דאָס געזאַנג, וואָס האָט נאָך געציטערט אין דער קאַלטער לופט.

בערל מוליער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק און די פיס האָבן זיך ביי אים צעוויקלט. ס'איז אים הייס געוואָרן און אַלץ אַרום האָט זיך צעשאָטן אין פונקען. מען האָט אים פון דער זייט אָפּגעמאָסטן איבערן אויער מיט אַ פּרענט. ער האָט געזוכט דעם פּלאַקאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט נישט ווייט פון אים אַ צעריסענער. און איידער בערל האָט צייט געהאַט אים אויפצוהויבן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער סקוועד איז ליידיק, אַז ער, בערל, שטייט אין מיטן סקוועד אָן אַ היטל, פון דער באַק „שערגעט" בלוט און אויף אים טראָגט זיך אַ פּאָליציאַנט אויף אַ פערד. ס'פערד רייסט זיך פון דער רויטער, גלאַנציקער פעל, וואַרפט שטיקער שוים און די געקאָוועטע פיס קלאַפּן, גייען גאַלאָפּ. בערל פילט שוין אויף זיך דאָס שאַרפע פערד-ריח, זעט, ווי דאָס רויטע פערד שטעלט זיך אויף די היגטערשטע פיס, וועט באַלד אויף אים, אויף בערלען, אַראָפּלאָזן די געקאָוועטע קאָפּעטעס, וועט אים צעקוועטשן, צעברעכן און אָוועקשליידערן, ווי דעם פּלאַקאַט, ווי די היטלען, וואָס דער ווינט טרייבט איבערן ליידיקן סקוועד.

אויס בערל מוליער, אויס זון, אויס ווייב... און די שטאָטטאָטעס? ער וועט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, אַזוי און אַזוי...

בערל האָט צעשטעלט די פיס, ווי פאַרפעסטיקטע סלופּעס. ער האָט זיך אַ צי-געטאָן אין זיין גאַנצער הייך, זיך פאַרמאָסטן אויפן רייטער. דריי פאָר אויגן פאַרלאָפענע אין בלוט האָבן זיך

דורכֿגעקרייצט, דורכֿגעשטאָכֿן און דאָס פערד האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק. דער פּאָליציאַנט האָט זיך איינגעביסן מיט די שפּאָרן, ס'פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן. מיט אַ געגרימעריי, מיט אַ ברומע־ריי האָט בערל מוליער אָנגעכאַפּט דעם פערדס פאָדערשטע פיס, זיך געראַנגלט אַ רגע, צוויי און אַלע דריי זענען אַ פאַל געטאָן אין דעם ליידיקן סקווער.

1930

---

# אַ חתונה אויפֿן בית־עולם

דער גאַנצער יידישער ישוב, איבער צען טויזנט נפשות, זענען קנאַפּע פיר וואָכן כמעט געווען פאַרשפאַרט אין זייערע שטיבער, אין זייערע מויערן. מען האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אויף דער גאַס, אויף דעם מאַרק, ווו די ריבשטאָקס זענען געווען אויסגעשמירט, אויסגעשאָטן מיט קאַלך־מעל, ווו פאַרחתמעטע הייזער מיט פאַרשלאָגענע פענצטער האָבן דערציילט, אַז די מגפה שוינט נישט יונג און אַלט, נעמט צו אָרעמע און רייכע.

משפחהווייז איז מען געשטאַנען אין די פאַרמאַכטע, פאַרהאָנגענע פענצטער. געקוקט מיט שרעק אויף די טראָג־בעטלעך, וואָס האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט מיט אַ יאָמער, געפירט חולאים אין די איבערגעפאַקטע שפיטאָלן. און אַז די יללה פון די קרובים איז געוואָרן שוואַכער, האָט זיך ביסלעכווייז צעבראָקלט און אינגאַנצן אויפגעהערט, איז די שטילקייט אין די ליידיקע גאַסן נאָך טיפער געוואָרן, האָט איינגערוימט, אַז פון דאָרט, פון שפיטאָל, קערט זיך קיינער נישט צוריק.

מאַמעס, וואָס האָבן שוין אַזוי אויך געאָטעמט מיט געשטעלטן קאַרבאָל, האָבן אויף דאָס ניי געכאַפּט די בייכיקע פלעשער סם, ווו אויף די פלעשלעך איז געשטאַנען אָפּגעמאָלט דער מלאך־המות מיט דער קאָסע, און גענומען נעצן די קעפּלעך ביי די איבערגעשראָקענע קינדער, געוואַשן זייערע הענטלעך און דערביי געוואָרנט:

— למען השם, קינדער, קיין רוי שטיקל אויבס, קיין רוי ביסל וואַסער... אין אַזאַ צייט, וואָס ווייניקער מען עסט, וואָס ווייניקער מען טרינקט, — אַלץ געזינטער. און אַז שוין יאָ אַ טרונק — איז געזאָטן וואַסער. אַזאַ גזר, אַזאַ ביטערער גזר...

די מגפה איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, האָט זיך געריסן, ווי אַ באַוואָפנטער שונא, פון איין גאַס אין דער אַנדערער. עס איז נישט געבליבן קיין איין הויז אין שטאָט, וווּ עס זאָל נישט זיין קיין חולה. חברה-קדישא-לייט זענען געפאַלן פון די פיס, האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, און מתים זענען געלעגן אין טהרה-שטיבל פיר-פינף מעת-לעת און מען האָט זיי נישט געטאָן זייער רעכט.

פון גרויס שרעק זענען די בתי-מדרשים געוואָרן איבערגעפּאַקט. מען האָט געפאַסט, געוויינט, געהאַלטן אסיפות און איבער דער שטאָט איז געהאָנגען אַ יללה:

„אויף אַזאַ ביטערן גזר האָט זיך קיינער נישט געריכט".

„עס איז דאָך אַ שחיטה".

„אַן אמתע שחיטה".

„עס מיידט קיינעם נישט, — ייד, להבדיל גוי, אַפילו מעל-קיקע בהמות האָבן פאַרלאָרן די מילך"...

דער שטאָטישער רבי, דער רב, בית-דין און די שענסטע באַלע-באַטים זענען אויפגעוועקן נעכט, געזוכט אַ וועג ווי נאָך אָפּצושטעלן די מגפה, ווי נאָך בטל צו מאַכן דעם ביטערן גזר. און דעם פעריקן פרייטאָג באַגינען האָט שוין די גאַנצע שטאָט, יונג און אַלט, גע-ווּסט, אַז היינט נאָכמיטאָג וועט שלמה בטלן, דער הויקער, מקדש זיין אויף דעם אַלטן בית-עלמין ברכהן, בערל מלמדס טאָכטער, די נישט-דערבאַקענע בתולה.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין גאַס אַריין. מען האָט זיך מער נישט געשראָקן פאַר די טראָג-בעטלעך, פאַר די טרע-גער, וואָס האָבן געשלעפּט די אָוועקגעפאַלענע דורך הינטער-געסלעך, זיך אַליין געשאַרט ווי מצורעים. קהל האָט פאַרנומען די גאַסן, דעם מאַרק, געגלויבט און געוועזן זיכער, אַז ער האָלט שוין דעם מלאך-המות פאַר דעם גאָרגל, אַז נאָך היינט פאַר קבלת-שבת וועט די מגפה אויפהערן.

די רייכסטע באַלעבאָטעס האָבן אָנגעטאָן די לאַנגע דימענטענע אוירינגלעך, די שווערע גאָלדענע קייטן, באַלעבאַטים אין זיידענע און אַטלעסענע קאַפּאָטעס, די שטריימלעך איבער די אויערן, האָבן גע-טיילט צדקה. יונג און אַלט, אין שבתדיקע מלבושים, זענען אין מענגעס

געגאַנגען הינטער דער שטאָט, געצויגן צו דעם אַלטן גוטן-אָרט.

גויים, וואָס זענען יעדן טאָג געגאַנגען איבער די גאַסן מיט הייליקע בילדער און פיגורן, געטאָן אַלץ, די מגפה זאָל אויפהערן, האָבן אויך היינט געוואָרפן די אַרבעט, געהאָפט, אַז טאָמער וועט דער יידישער „פאַן-יעזוס" אָפּשטעלן די פּלאָג.

הונדערטער, טויזנטער מענטשן האָבן זיך געקליבן אויף דעם פעלד. מען האָט זיך צעשטעלט פאַר דעם גדר, מענער, ווייבער, זקנים, קינדער, און אין די פינצטערע פנימער, אין די פאַרצערטע אויגן איז געווען מער פון אַ לוויה, ווי פון אַ חתונה.

קיינער איז נישט געקומען ליידיק. מען האָט געבראַכט ווער אַ מענעריש בגד, ווער אַ ווייבעריש מלבוש, ווער אַ שטיקל וועש, ווער אַ שטיקל געשיר.

עס איז אָנגעפּאָרן אַ בריטשקע מיט מחותנים, ווו חתן-כלה זע-נען געזעסן. דער חתן אַזאַ דאַרער, אַזאַ הויכער, דער גרעסטער חי-דוש, וואָס ביים גיין האָט ער זיך נישט צעבראָכן. דערצו נאָך אַ הויקער. דער הויקער אונטער זיין זיידענער קאַפּאָטע האָט אויסגעזען ווי אַ צוגעזעצטער, ווייל הויך-געוויקסיקע האָבן קיין הויקערס נישט. דאָס ברייטע פנים צעפּאָרן, ביינערדיק, מיט רויטע שטיקלעך באָרד, איז געווען טיף געשטופּלט, אויסגעזען, ווי אַ בית-עלמין מיט צעגראָ-בענע קברים, ווו די מתים זענען זיך צעלאָפן. די כלה אַ דינע, אַן אויסגעצויגענע, מיט פאַרפלאַמטע באַקן און ליפּן, גלייך זיי וואָלטן געווען אָפּגעשמירט, מיט דריטהאַלבן האָר אויף דעם קאָפּ, ווו אַ ווייסע פּאַפּירענע בלום האָט געשטעקט. די רעכטע האַנט קירצער ווי די לינקע, איז געווען איינגעטרוקנט, געהאַט אַ פּויסטל, ווי ביי אַ דריי-יעריק קינד.

דער טויזנט-קעפּיקער המון האָט זיך אַ נייג געטאָן איבער דער ברייט פון דעם פעלד, זיך גענומען רוקן צו דעם גדר.

— וווהין פירט מען זיי? שוין צו דער חופּה?

— ניין, צום קברן אין הויז אַריין.

— און ווו וועט זיין ס׳באַזעצנס?

— טאַקע דאָרט.

אַ תּמוז-זון, אַ הייסע, אַ צעפלאַמטע, איז געשטאַנען אין מיטן הימל, געפאַלן אויף מענטש און גראָז, און די לופט איז געווען אַזוי

בלוילעך און דורכזיכטיק, אַז מען האָט געקענט זען מײלן װײט.

אין טויער פון בית-עולם האָט מען אַװעקגעשטעלט צװײ גרױסע טישן פאַר דרשה-געשאַנק: אײן טיש פאַר חפצים, דער צװײטער — פאַר געלט.

די חשובסטע שטאָט-באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס האָבן זיך צעשטעלט אַרום די טישן, אָנגעצונדן צענדליקער ליכט אין קעסטלעך זאַמד, אין ערדערנע טעפּ און טעפּלעך. די פלעמלעך האָבן זיך גע-צויגן צו דער זון, געװאָרן אײנס מיט דער בלוילעכער לופט און די זײדענע און אַטלעסענע מלבושים, װאָס האָבן געבלישטשעט, האָבן פון דער נאָענט אָפּגעשפּיגלט די ברענענדיקע ליכט.

דער גבאי פון דער חברה-קדישא, אַ זקן מיט ברעמען, װאָס דעקן צו די אויגן, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זײן שטעקן איבער דעם טיש און אויסגערופן מיט אַ מאָראַליש קול:

— מחותנים, מחותנתטעס פון דעם חתנס צד, מחותנים, מחו-תנתטעס פון דער כלהס צד, די גאַנצע שטאָט, — דרשה-געשאַנק!

דער המון האָט זיך קײן ריר נישט געטאָן, געשטאַנען אָן אָטעם, װי יום-כיפּור פאַר „כל-נדרי". די אויגן, װאָס האָבן זיך געשפּאַרט פון די לעכער, האָבן געקוקט צו די לײדיקע טישן. רײכע, געמײנע, אָרעמע, — דער טויט האָט אָפּגעװישט אַלע „שטאַנדן" און יעדער אײנער האָט זיך געשראָקן אַרויסצוריקן דער ערשטער.

אַן אָפּגעריסענע יידענע, װאָס גײט איבער די הײזער, האָט זיך אַרויסגערוקט. מיט איבערגעשראָקענע אויגן האָט זי געבליקט אויף דעם המון, אויף די באַלעבאַטים, װאָס בײ די טישן, אַלײן נישט גע-גלויבט, אַז מען װעט זי די ערשטע צולאָזן. דער גבאי האָט זי צו-גערופן מיט דעם שטעקן. די שנאָרערקע האָט זיך אַ ריס געטאָן, צו-געהינקט און בשעתן גײן אַרויסגעשלעפּט פון טאָרבע אַ נײעם בלע-כענעם לעפל. זי האָט אַ הײב געטאָן דעם לעפל איבער דעם קאָפּ, אים אַ דרײ געטאָן אײנמאָל, נאָכאַמאָל, װי מען דרײט אַ כפרה, דער-נאָך אים אַװעקגעלײגט אויף דעם טיש און זיך צעװײנט:

„ס'זאָל אַװעק פון מיר און בלײבן בײ דיר! פון מיר צו דיר!"

דער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן צװישן די קעסטלעך מיט ליכט, װאָס האָבן געהאַלטן אין אײן צוקומען. מען האָט געװאָרפן

חפצים, געלט און יעדער האָט געזאָגט דעם זעלביקן שפּרוך:

„פון מיר צו דיר!"

די טישן האָבן זיך געבראָכן פון דעם דרשה־געשאַנק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שעה, צוויי. און די לופט, אַ צעשמאָלצענע פון דער צעפּלאַמטער זון, פון די הונדערטער ברענענדיקע ליכט, איז געווען איבערגעזאַפּט מיט טרערן, מיט געוויין:

„פון מיר צו דיר!"

„פון מיר צו דיר!"

אין אַ זייט איז געשטאַנען דער שטאָטישער אַרכיטעקטאָר. ער האָט אָנגעשטעלט זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, געוואָלט נעמען ביל־דער. עולם האָט זיך געבעטן ביי אים:

— טוט עס נישט, פּאַניע!

— מיר בעטן אייך!

דער אַרכיטעקטאָר האָט געלאַכט, גענומען איינטענהן, האָט אַ ייד אַראָפּגעריסן דעם אַפּאַראַט פון דעם געשטעל און אים אַ שיק גע־טאָן אין דער לופט. אַ גוי האָט אים געכאַפּט ווי אַ פּילקע, וויטער געוואָרפן. און איידער וואָס־ווען איז ער געווען צעבראָכן אויף פּיק־פּיצלעך. פּאָליציאַנטן האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און אין שטיל געעצהט:

— ברעכט אים אָן די ביינער, דעם הינטישן זון, וועט ער וויסן, וואָס הייסט דינען דעם טייוול!

פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות

„צו דער חופּה! צו דער חופּה!"

טויזנטער ליכט און הבדלות האָבן אויפגעפּלאַקערט. דער המון האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט זען, צי ס'שטייען נישט ערגעץ קלעז־מאָרים. עס איז געווען שטיל.

ווייבער אין זייד און אין אַטלעס, אויף די העלזער פּערל און גאָלדענע קייטן, האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט אַזאַ פרייד אין יעדן בייג, אין יעדן קער. זיי האָבן זיך געטראָגן צווישן די קברים, אויס־געטאַנצט דעם וועג צום צדיקס אוהל, און זייערע שוואַרצע און ווייסע זיידענע שאַלן האָבן געפּלאַטערט, געפאַלן אויף דער הינקנדיקער בעט־לערין. אַ צעפּאַטלטע, ווי אַ מכשפה, האָט זי זיך לייכט געהויבן מיט

אַ געזאַנג און דווקא געוואָלט אַריבעריאָגן אַלעמען. זי האָט צוגעזונ־געז העכער און העכער, מיטגעריסן אײן יידענע, אַ צווייטע, און די לופט האָט מיטגעהילכט:

„פון מיר צו דיר!"

ביים צדיקס אוהל איז שוין געשטאַנען די חופּה. דער דאַרער איבערגעוואָקסענער חתן מיט דעם הויכן שטריימל האָט זיך צוגעהאַלטן מיט אַ האַנט די אויגן. פון דער שוואַרצער, זיידענער קאַפּאָטע האָט אַראָפּגעשריען אַ ווייסער קיטל מיט ברייטע אַרבל. דער שטאָטישער רבי, דער רב און אַלע דיינים זענען געשטאַנען אומגעדולדיקע, זיך געהאַלטן אין איין פרעגן:

„ווו איז די כלה?"

די כלה, איינגאַנצן אין ווייסן, אַ פאַרשלייערטע, איז אָנגעקומען פונדערוויטנס. די הינקנדיקע בעטלערין האָט געטאַנצט אויף פריער מיט אַ חלה אין ביידע הענט.

זי האָט זיך יעדע ווײלע צוגעזעצט, געוואָרט אַ ווייל און אירע ליפּן, גרויסע, פליישיקע, האָבן דאַכט זיך געפּרעפּלט:

„פון מיר צו דיר!"

מיט אַ שטיל געזאַנג האָט מען טאַנצנדיק אַוועקגעשטעלט די כלה אונטער דער חופּה. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געווען שטאַרק דערשראָקן. זי האָט אונטערגעהויבן איר איינגעדאַרט הענטל, געוואָלט אַ לאַך טאָן, זיך איינגעהאַלטן און מיטאַמאָל זיך דין פאַרגאַנגען:

—אונזער שכנה וועט עס נישט אויסהאַלטן! אַזאַ נישט פאַרגינע־רין, זי פלעגט זיך רייצן מיט מיר, אַז איך וועל פאַרזיצן!

— שאַ, שאַ, ברכהלע, אַ כלה רעדט נישט אונטער דער חופּה.

— האָבן די אונטערפירערינס זי געפּרוווט איינגעמען.

ברכהלע האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם חתנס האַנט פון זיין פּנים, זיך איינגעקוקט אין אים, ווי אַ קינד קוקט אויף אַ נאַר־וואָס געקראָ־געגער ליאַלקע, און זי האָט זיך געגומען רוקן אויף צוריק:

—ס'איז דאָך שלמהלע... שלמהלע בטלן מיין חתן? ניין, ניין, ניין!

איר קוויטש איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ דין, שפּיציק געוויין, זיך געהויבן איבער די טויזנטער געבויגענע קעפּ, זיך געריסן אין דעם צעפלאַמטן הימל.

(1929)

## טרויער

דעם גרענד-קאָנקאָרס האָט מען אַזוי צעשניטן, אַזוי צעגראָבן, אַז עס איז אַ חידוש ווי נאָך די ברייטע גאָרנדיקע הייזער האַלטן זיך אויף די שמאָלע טראָטואַרן. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט בייסן זיך שטאָלענע בוירערס אין דער שטיינערנער ערד, דינאַמיט האַלט אין איין אויפרייסן, טרייסלט שויבן, ווענט, הייב-מאַשינען לאָזן אַראָפּ די פאַרשמירטע נעז, שלעפּן אַרויס מיט אַ פּייפעריי, מיט אַ גרעגעריי די צעשאָסענע שטיינער, און מענטשן, קליינע, פאַרשטויבטע, פאַרזשאַווערטע, פּאָרען זיך אַרום די מאַשינען, קריכן איבער פּייכטע, נאַסע גראָבנס, רעדן פרעמדע לשונות און בויען ניו-יאָרק.

מאָריס ליגט ביי זיך אין בעט, האַלט דעם קאָפּ אין אָפענעם פענצטער און קוקט ווי די נייע סאָבוויי בויט זיך. און אַז ער ווערט מיד, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ אין קישן, און די אויסגעדאַרטע פיס ליגן אונטערן ליילעך ווי פרעמדע, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעטיילט פון גוף. דאָס פּנים — נאָז און אויגן — איז איינגעלאָפן, ווי אַ פאַרטרוקנ-טער אתרוג. דאָס גאַנצע ביסל לעבן האָט זיך פאַרקליבן אים אין די שוואַרצע אויגן, גרויסע טרויעריקע אויגן, וואָס קריכן פון קאָפּ, בעטן אַפילו ביי די פיר ליידיקע ווענט רחמים.

שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי מאָריס זיצט אין שטוב, אַרבעט נישט, און די לעצטע דריי חדשים ליגט ער צו בעט.

עס איז אַ שטיק נאָך מיטאָג. אין דעם אָפענעם פענצטער שטייט אַ שטויביקע היץ, שטייט אַ בוירעריי, וואָס מאַכט איילדיק מאָריסעס לויזע ציין און אין די שלייפן ביי אים טיקן אָדערלעך. לאָראַ, זיין איינציקע טאָכטער, אַ פּופּצניעריקע, איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון מיטל-שול, און דאָס ווייב זאָגט אים נישט וווהין זי גייט. שוין דאָס

צווייטע יאָר, ווי זי רעדט מיט אים כמעט נישט, און ער, מאָריס, האָט זי אויפגעהערט צו פרעגן. ער פילט זיך שולדיק, וואָס ער איז קראַנק, וואָס ער פאַרנעמט אַן איבעריקן פּלאַץ אין שטוב, וואָס דאָס ווייב מוז אַרבעטן פאַר אים, פאַר דער טאָכטער. און וואָס דאָס ווייב טוט, ווייסט ער נישט, וויל נישט וויסן, אַבי ער האָט אַ ריין געלע-גער, אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאָס ווייב מיט דער טאָכטער גייען אָנ-געטאָן ווי ליידיס. דאָס וויל ער זיך בלויז איינרעדן, ווייל יעדעס מאָל, ווען ער טראַכט וועגן ווייבס פּרנסות, רייסט זיך ביי אים דאָס האַרץ אָפּ, הויבט זיך אין האַלדז אַריין און עס נעמט שעהן ביז דאָס האַרץ שטילט זיך איין, לייגט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ. דעמאָלט טוט אים ווי פאַר די פופציק יאָר, וואָס זענען צעטרענצלט, עס טוט אים וויי, וואָס ער, אַ מאַן אין די דרייסיקער, האָט חתונה געהאַט מיט אַ זעכצניעריק מיידל... און איצט, ווען דאָס ווייב איז אין די בעסטע יאָרן, האַלט אין איין פּאַטשן מיט די פליגל, רוקט ער זיך שוין אַוועק פון דער וועלט.

מען האָט אָנגעקלונגען.

מאָריס גייט אַראָפּ פון בעט, האַלט זיך אָן פאַר די ווענט, פאַרן מעבל, דערשלעפּט זיך קוים אין די פּאָדזשאַמעס צו דער טיר:

— ווער איז?

— איך, שרה.

— עפן נישט די טיר, שרה־לעבן, ביז כ'וועל אַריין אין בעט.

ער שלעפּט זיך צוריק. אַ קאַלטער שווייס שטעלט זיך אַוועק ביי אים אויפן שטערן און אַלץ אַרום אים הויבט זיך אָן דרייען. ער ליגט שוין ווידער אין בעט — די פיס צעשפּרייט, די ליפּן בלוי. ער וויל שרייען צו דער קרובה, אַז זי קען שוין אַריינקומען און דאָס קול זיינס דערגייט נישט, בלייבט שטעקן ערגעץ אין מיט צי-מער און דער שווערער קאָפּ איז ביי אים פול מיט קולות:

— שוין, שרה! שוין!

אַ זקנה מיט אַ שמים־פּנימל שאַרט זיך לייכט אַריין, זעצט זיך לעבן בעט, באַווייזט און באַטאַפּט דעם חולה מיט אירע כשרע אויגן, מיט די דינע, איינגעפאַלענע ליפּן:

— ווילסט אפשר עפּעס אין מויל אַריין?

— ניין.

— מען דאַרף האָבן אַ האַרץ איבערצולאָזן אַ קראַנקן אַליין אין שטוב.

— געוואָלט, דערצו, געוואָלט. — דעלעט מאָריס און וויל דווקא פּאַרענטפערן דאָס ווייב. — אַז איך ליג אין בעט און לאָראַ איז אין סקול, מוז דאָך רייזעלע זיין אין גאַס... וואָס איז היינט, מאָנטאָג? איז זי אַוודאי צוגעפּאָרן אין די „טשאַריטיס״!

— און דו, מאָריס, גלויבסט טאַקע, אַז פון „טשאַריטיס״ קען מען אָנהאַלטן אַ דירה פון פיר צימערן און אויפן גרענד-קאָנקאָרס? — האָט די זקנה זיך אַ וויש געטאָן מיט די שטאַרע פינגער, ווי זי וואָלט גאָרנישט געזאָגט.

מאָריס, אַ וואַקסענער, בלייבט ליגן אויף די פּלייצעס. די גאָמבע, די נאָז זענען ביי אים פאַרריסן און די באַקן-ביינער פאַר-שפּיצט ווי הערנער. בלויז די אויגן קוקן תמעוואַטע, חידושן זיך:

— כ׳ווייס?

— פון „טשאַריטיס״ קען מען נישט טראָגן צוועלף-דאָלאַרדיקע שיך און צען-דאָלאַרדיקע קאַפּעליושן. ניין, מאָריס!

די קרובה רעדט מיט אַזאַ כעס און רוגזה, אַז די מויל-ווינקלען בלעזלען זיך ביי איר. פון שרעק שאַרט זיך דער חולה פון דער אַלטער, בלייבט ליגן ביי דער קילער וואַנט און מיינט, אַז אַלץ עקט זיך. די בלויע ליפּן קנייטשן זיך, שמייכלען אין דער טויטער נאָז אַריין, פרעגן שטיל:

— אויב נישט פון „טשאַריטיס״, פון וואָס לעבן מיר טאַקע?

— און דו ווייסט טאַקע נישט?

— און אַז כ׳ווייס?

— אַז דו ווייסט, — בייגט זיך די זקנה צום קראַנקן, — טרייבט מען זי פון שטוב אַרויס און אַליין וואָלט איך אַוועקגעגאַנגען אין „מאָנטעפיאָרע-האָום״.

ער ענטפערט נישט, טוט אַ צי דאָס לײַלעך איבער דער גאָמ-בע, דעקט זיך איין. פון ווייטיק ווערט ביי אים דער גוף הויל און אַ קעלט לויפט איבערן חוט-השדרה, טראָגט זיך פון די שפּיץ פינגער ביז די שיטערע האָר.

ער, מאָריס, אַן אָנגעשפּאָלטן שטיקל געפּעס, וואָס האַלט ביים צעפּאַלן, וועמען וועט ער וואַרפן, וועמען וועט ער טרייבן פון שטוב? מען האָט אים צוגעבונדן צום בעט, צוגענומען די גבורה, ווי ביי שמשונען, בלויז אים איבערגעלאָזט די ראיה, — פּלאַצט ער פון יסו־רים, זעט ווי איבער דער וואַנט זיצט דאָס ווייב מיט ריטשן, מיט דעם באַלעבאָס פון דעם בלאָק הייזער, ווו זיי וווינען.

די אַלטע קרובה שטייט איבער אים, לאָזט נישט אָפּ, קראַקעט ווי אַ קראָ:

— ס'איז קיין סוד נישט, מאָריס. די שכנות פון דעם הויז, פונעם צווייטן הויז, דער גאַנצער בלאָק ווייסט, אַז רייזעלע נעכטיקט נישט אינדערהיים, אַז זי ווערט אַמאָל פאַרפאַלן אויף צוויי מעת־לעת אויך... ווי דערלאָזטו עס?

דער חולה לאָזט אַראָפּ די הייסע אויגן־דעקלעך. דער בליק, ווי אַ מאָליקע פליג, רעדלט זיך אַרויס, בלייבט הענגען אויף דער שפּיץ נאָז, איבער די שלייפן צעלייגן זיך צוויי אָנגעלאָפענע אָדערן, ווי פּיאַווקעס, נאָגן, נאָגן, דערוויטערן דער זקנהס רייד און אין מוח הויבט אָן טאָגן:

— האַ? האַ?

מאָריס ווייסט נישט, צי ריטש איז יונג, צי אַלט, ער קען אים נישט. ער ווייסט, אַז רייזעלעס שווערע פלעכטן רויטלען זיך אויפן ווייסן קאַרק, און וואָס נענטער צו די אויערן, צום שטערן זענען זיי אַלץ העלער, ליכטיקער, ווי פריש־געשניטענער ווייץ.

דאָס וואַקסענע פּנים לויכט אויף, דערציילט, אַז ערגעץ טיף אונטער דעם ווייסן ליילעך קייקלט זיך אַ פרייד, גלעט די ליפּן, די אויגן, דעם שטערן, און אויפן דאַרן, אַרומגעצופּטן האַלז ליגן רייזע־לעס הענט, איר אָטעם.

דעמאָלט איז ער געווען אַ ייִנג אַן איינרייסער, אַ פאַרדינער, אַ מאַנסביל.

מאָריס עפנט די אויגן. אויפן אָרט פון דער קרובה שטייט לאָ־ראַ מיט דעם פּעקל ביכער אין דער האַנט. זי איז אַן איבערגעוואָקסן מיידל מיט לאַנגע פאַרשפּיצטע הענט און פיס, מיט שוואַרצע אויגן. אַרום די קינדערשע ליפּן, אַרום די אויגן, אַרום די שמאָלע, געבויגענע

פּלייצעס — טרויער, טרויער, טרויער. זי זעצט זיך אויפן בעט, לאָזט ליגן די בילער און לייגט אַרויף איר האַנט אויפן פּאַטערס:

— וואָס מאַכסטו, טאַטע?

אין זיין הייב פון די אַקסלען, ווי דער קאָפּ זינקט איין — די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פאַרן טויט.

— איז דאָ עמיצער געווען? — רייבט ער זיך די אויגן, — יאָ, שרה איז דאָך געווען.

— כ'האָב זי באַגעגנט.

— ביסט אַוודאי הונגעריק, לאַראַ? — האָט דער פּאָטער זיך אַ רוק געטאָן צו דער טאָכטער.

— ניין, כ'וועל וואַרטן אויף דער מאַמען.

— ווי איז זי גאַנצע טעג?

— כ'ווייס נישט.

— און אַז זי וועט אינגאַנצן נישט קומען, וועסטו נישט עסן?

— וואָס דיר פאַלט אַלץ איין.

— וואָס דאַרף זי אַ קראַנקן מאַן, אַ „זדעכליאַק", אַז מיסטער ריטש איז רייך, איז יונג, איז... דו קענסט דעם מיסטער ריטש?

לאַראַס טרויעריקע אויגן ווערן גרעסער, שווימען אַרום אין אַ נעפּל, ווי ביי קינדער, וואָס האַלטן זיך ביים פונאַנדערוויינען. זי בעט זיך ביים פּאָטער:

— טאַטע, הויבסט שוין אָן? טאַטע?

— כ'וויל וויסן, כ'וויל וויסן. — צעשרייט זיך דער חולה און בלייבט ליגן אָן אָטעם.

לאַראַ פאַרבייסט די ליפּן, נעמט די בילער, שאַרט זיך אַרויס פון צימער. אירע שמאָלע, געבויגענע פּלייצעס צוקן, ווי זי וואָלט געהעשעט.

אויף דער גאַס רייסט מען שטיינער מיט דינאַמיט, די פענצטער ציטערן אויף, נאָכדעם די ווענט. דער קראַנקער רוקט זיך פון דער וואַנט, דעקט זיך איבער דער גאָמבע אין לייַלעך און קוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן אין דעם צעגליטן שטויב, וואָס הענגט אין דעם אָפענעם פענצטער.

1930

# אַ ליציטאַציע

שפּעט אין אָוונט, ווען ס'איז שוין צייט געווען צו פאַרמאַכן דאָס שפּייז־געוועלב, האָט דער געלער משה געהאָלפן דעם ווייב צו־נויפחשבונען דעם פדיון פאַרן טאָג. ער איז געשטאַנען ביים אָפענעם רעגיסטער, האָט געציילט ס'באַרע געלט. ס'ווייב איז געזעסן הינטערן טאָמבאַנק איבער אַ באַרג קוויטלעך, אויסגעשריבן מיט אַ בלייפעדער דאָלאַרן מיט סענטן אויף אַ פּאַפּירן־זעקל און איז שטאַרק נישט גע־ווען צופרידן:

—מען זאָגט כאָטש אַרבעטער! איר זייט דאָך אַלע דאָ, אין אייקראַן, קרעמער, טאָ צו וואָס דאָס אַרומרייסן זיך, דאָס טיילן זיך אויף „רעכטע", אויף „לינקע"? ווען נישט די מחלוקות, וואָלט קאָפּל קיינמאָל נישט געעפנט אונז הינטער די פּלייצעס אַ „גראָסערי", נישט פאַרקויפט מילך מיט צוויי סענט אויף דער קוואָרט ביליקער, וויפל עס קאָסט אים אַליין. און ס'לייזעכץ ווערט טאָקע קנאַפּער! געקומען פאַר אַ יום־טוב, האָבן מיר דאָך „געזשאַבט" גאָלד! אַז ס'האָט זיך דיר פאַרגלוסט, מיין מאַן, קהלן זיך, באַצאָלסטו דערפאַר — קיין איי־בער פון די „רעכטע" קונדן שמעקט מער נישט צו אונז אַריין!

— שרהשי, כ'וועל אים באַגראָבן, דעם געשוואָלענעם, כ'וועל אים באַגראָבן. — האָט דער געלער משה געציילט ס'פּאַפּירן־געלט און זיך געקרעקט מיט די רייד, וואָס זענען אים געשטאַנען אין האַלז. — מ'דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ טאָטער צו עפענען מיר הינטער דער נאָז אַ „גראָסערי"... אויף אַזאַ מכה האָב איך זיך נישט געריכט! אויף דערויף זענען זיי פּעיק, די „רעכטע"! און אַז ס'גייט שוין יאָ אויף אַ צו־להכעיס, קען איך לייכטער דערלייגן אַ הונדערטער אַ וואָך, ווי דער געשוואָלענער קאָפּל!

— שריי נישט אַזוי, מען גייט! — האָט דאָס ווייב אַ הייב-געטון די האַנט.

— האַלאָ, מיסטער וואַלט! — האָט דער געלער משה באַגריסט דעם שול-פּרעזידענט, וואָס איז מיט אַ ברייטקייט אַריין אין געוועלב.
— וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס?

— וויפל האָט מיין יידענע אָנגענומען? — האָט דער שול-פּרעזי-דענט אַריינגערוקט די הענט אין די הויזן-קעשענעס.

— פון אַ הונדערטער, מיסטער וואַלט, וועל איך אייך אַ רעשט געבן. — האָט דער געוועלבניק אַראָפּגענומען פון אַ טשוואָק וואַלטס השבון. — וויפל איר קומט מיר? דרייסיק דאָלער.

—איצט זענען מיר, הייסט עס, קוויט. — האָט וואַלט באַצאָלט דעם חוב און געלאָזן צעריסן דעם חשבון אויף פּיץ-פּיצלעך. — און וואָס הערט זיך מיט אַ שטאָט אין שול? מיר האָבן דאָך שוין ימים-נוראים.

—איר ווייסט דאָך, מיסטער וואַלט, אַז איך בין נישט קיין רע-ליגיעזער. — האָט דער געוועלבניק אַ שמייכל געטון און זיך פאַרלוירן.

— דו ווייסט, משה, אַז איך בין נישט פאַנאַטיש, כאָטש כ׳בין פּרעזידענט אין דער שול, — אָבער ימים-נוראים? מיר זענען דאָך עפּעס יידן!

— איר זאָלט וויסן, מיסטער וואַלט, אַז כ׳טו עס אייך צוליב און כ׳נעם צוויי פּלעצער, — איז דער געלער משה געוואָרן ערנסט, — אָבער אין שול אַריין וועלן מיר נישט גיין.

— צי איר וועט גיין, צי נישט גיין, איז אייער זאַך. — האָט וואַלט אַרויסגענומען צוויי בילעטן און זיי אונטערגעטראָגן דעם גע-וועלבניק. — דאָס וועט אייך קאָסטן אַ צענערל.

— און ביליקערע האָט איר נישט?

— כ׳האָב, נאָר, וואָס אמת, ס׳שטייט מיר נישט אָן, אַז קאָפּל, דיין קאָנקורענט, זאָל זיצן אויבנאָן, אין מזרח, און דו — ערגעץ ביי דער טיר. בין איך גערעכט?

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי גערעכט איר זייט. — האָט דעם גע-וועלבניקס ווייב צוגענומען ביים פּרעזידענט די בילעטן און אַ זאָג געטון צום מאַן: — באַצאָל!

אַז מאַן-ווייב זענען געבליבן אַליין, האָבן זיי אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט אין דער פאַרמאַכטער טיר און זיך געערגערט, וואָס מען האָט בײַ זיי אַרויסגענומען אַ צענערל. דער געוועלבניק האָט אויסגעלאָשן די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּ, איבערגעלאָזט אַ קליין לעמפל און גע-נומען פאַרשליסן די טיר. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך מידע געהויבן איבער דעם שווינדל-טרעפּ, וואָס האָט זיך געדרייט אין אַ שמאָלן שטח, געפּירט אין די צימערן, וואָס זענען געווען איבערן געוועלב.

— אַרויסגעוואָרפן צען דאָלער. — האָט דער געלער משה אַ זאָג געטון.

— און אַז מען מוז אַמאָל קויפן טעאַטער-בילעטן בײַ אַ קונד? — האָט ס׳ווייב פּרובירט לײַכטער מאַכן ס׳ערגערניש.

— אַ פאַרגלײַך! — האָט דער מאַן אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק — וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן בײַ די חברים? מען וועט דאָך געוואָר ווערן, אייקראָן וועט זיך דערוויסן, אַז איך, משה, דער „לינקער", איז געוואָרן אַ שול-מענטש! איך וועל מער נישט קענען קוקן אַ חבר פון ניו-יאָרק אין פּנים אַרײַן! די רעכטע מעגן מיך רופן קרעמער-שמעמער, דו, שרהשי, ווייסט דאָך אָבער יאָ, אַז כ׳בין אַ „לינקער", אַז כ׳האָב פון אייביק אָן פײַנט דאָס פאַרשימלטע יידישקייט!

— און אויב דו מיינסט טאַקע, אַז דו וועסט היי-יאָר אין שול זיין דער איינציקער „לינקער", האָסטו אויך אַ טעות!

—וואָס רעדסטו, יידענע? אַבי דו רעדסט! — איז דאָס געלע פּנים בײַ משהן געוואָרן רויט — וואָס הייסט אַ „לינקער" גייט אין שול? הער זיך כאָטש איין וואָס דו רעדסט!

— וואָס פאַר אַ „לינקע" זייט איר? — האָט ס׳ווייב זיך אַ שטעל געטון דעם מאַן אין פּנים אַרײַן — כ׳פאַרשטיי נאָך אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק, צי אַזוי אַ בעל-מלאכה, אָבער דאָ, אין אייקראָן, זייט איר דאָך אַלע „ביזנעסלייט", סיי „רעכטע", סיי „לינקע", און פאָלג מיך, משה, לעב גוט מיט מענטשן און ס׳וועט דיר גאָרנישט שאָדן, אַז דו וועסט אַריבערגיין ימים-נוראים אין שול אַרײַן!

— דו וועסט גיין, שרהשי, נישט איך! — האָט דער מאַן זיך אַזוי׳

צעשריען, אַז די צוויי קינדער, וואָס זענען שוין געשלאָפן, האָבן זיך איבערגעוואָרפן.

— ביסט דאָך נישט איינער אַליין אין שטוב. — האָט ס׳ווייב איינ־געדעקט די קינדער, זיך אויסגעטון און איז אַריין אין בעט.

דער מאַן איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, געליטן, וואָס ס׳ווייב האָט אים אויפגעוואָרפן, אַז ער איז אַ קרעמער, אַז ער אונ־טערשיידט זיך נישט פון דעם געשוואָלענעם קאָפּל, וואָס קאָנקורירט שוין מיט אים, מיט משהן, איבער אַ חודש. ער האָט גענומען שלעפן פון זיך די קליידער, איז געבליבן זיצן אויפן בעט, האָט איינגע־טענהט מיט זיך. און אַז ס׳ווייב האָט זיך צעבייזערט: — לאָז שלאָפן, לאָז! — האָט משה געמאַכט פינצטער, איז געבליבן ליגן אין עק בעט, ביים פאָרענטש, אַז צווישן אים און דעם ווייב האָט זיך נאָך געקענט לייגן אַ דריטער.

ראש־השנה איז דער געלער משה נישט געגאַנגען אין שול אַריין. צווישן ראש־השנה און יום־כיפור זענען ביי אים אָפּגעפאַלן פרישע קונדן. ס׳ווייב האָט אים געגעסן די לעבער:

— משה, דיין קהלן זיך וועט צו טייער קאָסטן! אויב דו ווילסט נישט אָנלייגן דעם קאָפּ, זיי נישט איינגעשפּאַרט און גיי יום־כיפור אין שול אַריין!

— כ׳וועל נישט גיין! — האָט משה נישט געקענט מער רויק רעדן, זיך געהאַלטן אין איין קאָכן — כ׳האָב זיי אין דער ערד, די שול־יידן! און איידער וואָס־ווען, עפּן איך אין אַ קריסטלעכן געגנט אַ „גראָסערי״, ווי כ׳בין אַ ייד!

— דאָס זאָג איך דאָך, אַז דו ביסט אַ ייד. — האָט ס׳ווייב זיך צעלאַכט.

— אַוודאי בין איך! ווער לייקנט עס?

— און אַ ייד גייט יום־כיפור אין שול אַריין!

— נישט איך!

— אויב וועסט נישט גיין, מעגסטו איינפּאַקן ס׳קרעמל.

— וועל איך!

— גו, גוט, גוט, קנאַקער מיינער, — האָט ס׳ווייב נאָכגעקרימט

דעם מאַן — כ'האָב שוין געזען „קעקערע" פון דיר... דאָקטוירים גייען אויך יום-כיפור אין שול אַריין.

צו „מוסף" האָט דער געלער משה זיך געלאָזט אין שול אַריין. ער האָט אַליין געפרוווט צו פאַרענטפערן די סתירות, אַריינגעטענהט אין זיך, אַז דאָס גייט ער נישט דאַוונען, ער גייט הערן דעם ניו-יאָרקער חזן מיטן כאָר, וואָס וועלן זינגען. אינאמתן האָט ער זיך געשראָקן די קונדן זאָלן נישט אָפּפאַלן, זאָלן נישט איבערגיין צו קאָפּלען.

ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט צו מזרח-צו, איז געגאַנגען אַ פרעמדער צווישן די קעסטלעך זאַמד, ווו אַריינגעשטעקטע ליכט האָבן געברענט, געקוקט אויף די ווייסע טליתים, אויף די נאָך ווייסערע קיטלען. אין שכנות איז געזעסן דער אַגענט פון „זינגערס" מאַשינען.

— האַלאָ, פישמאַן!

— האַלאָ, משה!

— נאָך אימיצער פאַראַן פון אונזערע?

— פאַראַן, פאַראַן... אָט איז שוואַרץ, אָט איז דער פון די אייזערנע בעטלעך...

— געלמאַן?

— יאָ.

— מען קען שוין דאָ באַלד אָפּהאַלטן אַ מיטינג, אָפּעלירן פאַרן „איקאָר".

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

דער גע. ער משה האָט נישט געפּאַסט, געווען גוט אויפגעלייגט, געזעסן כמעט דעם גאַנצן יום-כיפור מיט חברים אין דרויסן און געשמועסט.

ביים „אויסשטייגן" זענען אַלע אין שול אַריין. ס'איז געווען טונקל פון מענטשן. דאָ און דאָרט האָט זיך געמאַטערט אַ פלעמל, געלעקט דעם שמעלץ פון די ליכט. די שול האָט געשמעקט מיט וואַקס, מיט חלב, מיט האַרצשטאַרק. דער שמש האָט או י ס ג ע ש ט ײ ג ט „מפטיר-יונה":

—פינף דאָלער מפטיר-יונה!

— זעקס, זיבן, צען דאָלער.

— צען דאָלער מפטיר-יונה! צום ערשטן מאָל!

— פופצן!

דער געלער משה האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ:

— ווער גיט פופצן?

— קאָפּל, קאָפּל!

אַלץ אין משהן האָט אויפגעציטערט, די אויגן, דער מוח זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט היץ. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט, געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח און האָט אַ זאָג געטון:

— צוואָנציק דאָלער.

— צוואָנציק דאָלער מפטיר-יונה!

— פינף-און-צוואָנציק! — האָט קאָפּל איבערגעריסן.

— דרייסיק! — האָט משה איבערגעשטיגן.

— קאָפּל, משהן, דיין קאָנקורענט, וועסטו אַוועקגעבן מפטיר-יונה? — האָט אימיצער אונטערגעהיצט קאָפּלען — באַטרעט נאָך אַ פינפערל!

— פינף-און-דרייסיק!

— גיב אים אַוועק די מציאה, — האָט דער אַגענט פון „זינגער"-מאַשינען זיך געבעטן ביי משהן, — כ'וואָלט קיין פינפערל אויך נישט געגעבן!

משה האָט זיך נישט צוגעהערט. ער האָט געפיבערט, געגלויבט, אַז אויב ער לאָזט זיך אויסדינגען פון קאָפּלען מפטיר-יונה, דאַרף ער אויך אים צוגעבן די „גראָסערי", אַלץ, אַלץ!

— פערציק! — האָט משה אַ געשריי געטון מיט אַ „מאָראַליש" קול, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען.

ס'איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל.

— פערציק דאָלער צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל, — האָט דער שמש זיך אַרומגעקוקט אַ ווייל און צוגעשלאָגן, — פערציק דאָלער צום דריטן מאָל!

1923

## רויטער פּאָדים

נאָכמיטאָג ווערט שטיל אין קעמפּ. די פּאָר הונדערט געסט צע־קריכן זיך. גייען אַוועק ווער צום וואַסער, ווער הינטער אַ בוים, ווער אין וועלדל, וואָס שמעקט בייטאָג מיט פּייכטע בלעטער און מיט זשיוויציצע.

באַרג־אַרויף, ווו ס׳גראָז איז נישט געשניטן, שטייען ווייסעביידלעך, ווי סטויגן שטרוי, און אין טאָל, ווו דער וועג לויפט צווישן פעלדער, וואָלקנט זיך דער שטויב.

די טרוקענע היץ שלאָגט נישט בלויז פון דער זון, נאָר פון גאַנצן הימל, שלעפערט איין פייגל אויף די ביימער, מאַכט טיפער די שטילקייט, בולטער דאָס גרילצעריי פון גראָז־שפּרינגערס.

צום ביידל, וואָס שטייט האַרט לעבן די עפּלביימער, דערנענ־טערט זיך גראַנאַט, דער רעדאַקטאָר פון עם „אַרבעטער". נאָך אים — זיינס אַ מיטאַרבעטער, דער גאָר יונגער פּאָעט וועננער.

גראַנאַט נעמט אַרויס פון ביידל אַ קאָלדרע, צעשפּרייט זי אויפן גראָז. ער טוט אויס ס׳העמד. די הענט, דינע, מיידלשע, פּאַסן נישט צום געבויגענעם פליישיקן גוף. אין דער העלפט אַ גאַקעטער, אַ באַ־וואָקסענער, ס׳לייב אַזש שוואַרץ, אַזוי אָפּגעברענט, ציט ער זיך אויס מיטן פּנים צום הימל. פון צווישן די שוואַרצע האָר גלאַנצט אַנטקעגן דער זון אַ שאַרבן־קאַפּעלע, ווי ביי אַ באַיערטן קאַטוילישן גלח.

וועננער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס העמד מיט די הויזן, בלייבט שטיין אין אַ שוואַרצן באָד־אָנצוג, אַ דינער, אַ שמאָלער, ווי אַן אָנגעצויגענע פייל.

פון וואַסער, ווו יונגוואַרג באָדט זיך, שיפּט זיך, טראָגט זיך אַ מענעריש געזאַנג, און אין דעם געזאַנג וויקלט און פלעכט זיך אַ מיידלש קול:

„רויטער פּאָדים זענען מיר...
נייע לידער זינגען מיר"...
אין די אָפענע ביידלעך באַוויזן זיך קעפּ. אויערן הערן זיך
איין, אויגן קוקן זיך אַרום:
— ווער זינגט?
— ס'איז דאָך אונזער חנה!
— קומט צום וואַסער!
— קומט!
— אָט איז אונזער רעדאַקטאָר אויך!
— ווער, גראַנאַט?
— יאָ.
— טאָ לאָמיר ביי אים פרעגן.
— און דו, שוטה, מיינסט, אַז חבר גראַנאַט ווייסט אַלץ?
— איך ווייס טאַקע נישט, דו, הערשקע, ווייסט אויך נישט, — צ'יט אַן אַרבעטער זיינע הויזן, — חבר גראַנאַט ווייסט אָבער אַביסל מער פאַר אונז.
— טאָ פרעג אים, שלמה.
— פרעג דו, הערשקע.
— ביי מיר האָסטו געפועלט!
טייל לאָזן זיך פון די ביידלעך, כאַפּן זיך פאַר די ביימער. עפּל פאַלן אין גראָז, הילכן אָפּ טעמפּ. אַנדערע צעזעצן זיך איינציק-ווייז אַרום גראַנאַטן, זענען אויפגעלייגט, ווי אין אַ זונטאָג באַגינען, ווען מען דאַרף נישט גיין צו דער אַרבעט, מען קען מיט רחבות ליגן אין בעט.
פרינץ, דער קעמפּ-הונט, אַ רויטער, מיט לאַנגע האָר אַרום בויך, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, קומט אונטער. ער וויקלט צונויף די אויערן, דרייט מיטן עק און נעמט לעקן גראַנאַטס פּנים מיט אַ הינ-טישער שאַרפער וואַרעמקייט. גראַנאַט טוט זיך אַ ריס, גלאָצט אויס פון שרעק אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט זיך איינער אַליין באַגעגנט מיט אַ גזלן, שרייט:
— גראַרי-היר!
— האָט נישט מורא, מיסטער גראַנאַט.

— ער טשעפּעט נישט!

— כ׳האָב נישט ליב קיין הונט!—ווייל גראַנאַטס פּנים אַ שמייכל טאָן און עס קומט נישט אַרויס — נעמט-צו דעם כּלב!

— קאָם אַן, פּרינץ! קאָם אַן!

אַ יינג כאַפּט אָן דעם הונט פאַר די אויערן, לייגט אים אַוועק לעבן זיך, און ביידע ציען זיך אויס אויפן גראָז, ווי חברים.

דער הימל פּלייצט מיט שטיקער זון, באַקט, בראָט, די גראָז-שפּרינגערס גרילצן און אַלץ אַרום — ערד, הימל — וויגט זיך, שלעפּערט איין.

שלמה שטופּט הערשקען, מאַכט מיט די אויגן, מיט די פינגער:

— וואָס שווייגסטו, פרעג אים.

— חבר גראַנאַט, — שטעלט זיך הערשקע אויף די קני און די אויגן שמייכלען, גיבן זיך אַליין צו קוראַזש, — מיר האָבן נאָר-וואָס דעבאַטירט... איך און ער, שלמה. ביי אונזערס אַ חבר איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל, האָט דער חבר אים געלאָזט יידישן. זאָג איך, אַז אַ גוטער קאָמוניסט קען אויך יידישן זיין קינד, און ער, שלמה, טענהט, אַז ניין, אַז אַ קאָמוניסט דאַרף זיך איינמאָל באַפרייען פון די אַלע נאַרישקייטן... און ביי אים, ביי שלמהן, איז אַלצאיינס, — צי יידישן אַ קינד, צי עסן טריפות, צי גלייבן אין גאָט, — אַלץ איז ביי אים נאַרישקייטן... האָבן מיר באַשלאָסן אייך צו פרעגן, חבר גראַנאַט.

בשעת הערשקע רעדט זעצט זיך גראַנאַט אויף, דעקט זיך אי-בער דעם קאָפּ מיט אַ צייטונג, און ס׳פּנים לייכט ביי אים, האָט גרויס הנאה, וואָס אַרבעטער קומען צו אים מיט אַ שאלה. ער לאַכט זיך פונאַנדער:

— אַז כ׳וועל אייך איצט אַלץ זאָגן, וועט איר דאָך, חברים אינאַוונט נישט קומען צו מיין לעקציע!

— יאָ, טאַקע, איר רעדט דאָך היינט וועגן דעם אומזין פון רעליגיע. — האָבן הערשקע און שלמה זיך אָנגערופן און זייערע אויגן האָבן זיך געבעטן, געהאַט צו זאָגן: מיר, אייערע טרייע תלמידים, וועלן קומען, ווען סיי-ווי קומען...

— היינט אָוונט וועל איך די אַלע פראַגעס באַרירן, פאַרענט פערן. — פאַרלייגט גראַנאַט אונטער זיך די פיס און רוקט זיך אַלץ

ווייטער פונעם הונט, וואָס אַרבעט מיטן בויך, ווי מיט אַ בלאָז־זאַק.
— גערעכט אָבער איז דער חבר... ווי הייסט איר?
– שלמה.
— אַ קאָמוניסט דאַרף זיך באַפרייען פון רעליגיע, דאַרף אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די אַלע שמאָכטעס... און מיינט נישט, אַז מיר יידן זענען אַמאָל געווען, זענען איצט מאָנאָטעאיסטן... ס'איז אַן איינרעדע־ניש! אין דער לעגענדע פון יעקבס לייטער האָבן מיר שפּורן פון פּאָליטעאיזם, שפּורן פון אַסך געטער... מיר האָבן אַ יהוה, אַן אלוהים, אַן אל־שדי, אַן אל־עליון, אַן אל־עולם... ווען ס'וואָלט נישט געווען די שרעק פאַרן טויט, וואָלטן די אַלע געטער נישט געווען, וואָלט קיין יענע־וועלט נישט געווען, וואָלט אינגאַנצן קיין גאָט נישט געווען!
— בין איך דאָך גערעכט! — כאַפּט שלמה אַרום הערשקען.
— נישט אינגאַנצן, שלמה, — דרייט זיך הערשקע, גלייך די הויט וואָלט אויף אים ענג געווען, — נישט אינגאַנצן, שלמה.
דער יונגער דיכטער, ווענגער, ליגט מיטן בויך אויפן גראָז, הערט ווי הערשקע שטאַמלט, קווענקלט זיך, הערט ווי ס'קול ביים רעדאַקטאָר טוט קיין ציטער נישט, וויקלט זיך מיט רצועות אַרום הערשקען — און ווי נעמט דער רעדאַקטאָר די זיכערקייט, ווען זיינע הענט און פיס, אויסגעטרוקנטע, ליימענע, האָבן קיין שייכות נישט מיטן ווייבערשן געשטעל, וואָס זיצט אויף דער קאָלדרע, ווי אַ כינע־זישער געץ?
פאַר די אויגן ציען זיך פעלדער, וועלדער, גראָזן, געוויקסן, בלומען פלעמלען אויף דער הייסער לופט, דערציילן:
— נישט געווען קיין ערד, קיין שטיינער. בלויז פלאַמען, פלאַמען. נישט געווען קיין ווערטער. בלויז — קולות, טענער, צייכנס. פון די טענער זענען געוואָרן ווערטער, פון די ווערטער — וועלטן, מענטשן. און דו, ווענגער, ווי לאַנג ביסט פול מיט טענער, ווי לאַנג ביסט בכוח צו באַשאַפן וועלטן, ביסטו ענלעך צו אים, צו גאָט.
די וועלט רויטלט זיך פאַר די אויגן, העלט־אויף, ווערט גרין, ווייס. גראַנאַט, אַן הענט, אָן פיס, שרייט הערשקען אין אויער אַריין:
— נישטאָ, ס'איז גאָרנישטאָ!

— ס׳איז יאָ דאָ! — ענטפערט הערשקע.

און פאַר די אויגן רויטלט זיך די נאָכמיטאָגדיקע היץ, הייבט זיך מיט די גראָז־שפּרינגערס און אין די אויערן רוישן ים־שקעטעלעך.

ווענגער דרייט זיך איבער, זעצט זיך אויף. הערשקע מיט שלמהן זענען שוין אין וועלדל. דער הונט שלעפּט זיך נאָך מיט אַן אַרויסגעבלעקטער צונג, ווערט מיד און בלייבט ליגן אין שאָטן הינ־טער אַ בוים.

גראַנאַט ליגט אויף די פּלייצעס, די פּיס אויסגעצויגן. אויפן נאַקעטן לייב, צווישן די געדיכטע האָר, שטייען טראָפּנס שווייס, רי־נען, ווי אַ באַהאַלטן שנירל וואַסער צווישן בלעטער און גראָזן.

— גראַנאַט, איר שלאָפט?

— ניין. גוט דאָ, ווענגער, ס׳בריט, אַ מחייה!

— כ׳פאַרשטיי, אַז מען קען זיין געגן ריטואַל, אַפילו געגן רע־ליגיע, — רוקט זיך ווענגער נענטער צום רעדאַקטאָר, — פונוואַנען אָבער נעמט זיך צו אייך אַזאַ זיכערקייט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט?

— איר פאַרשטייט, ווענגער, — רעדט גראַנאַט אַרויס פון אונ־טער דער צייטונג, — אַ פּאַרטיי־מענטש דאַרף זיין אויסגעהאַלטן, ער טאָר זיך נישט קווענקלען, ווען אַן אַרבעטער פרעגט אים עפּעס. די מאַסע האָט עס נישט ליב, און נישט אַלץ דאַרף מען זיי זאָגן. נעמט אַפילו ביי די גאונים, צי ביי רבנים. פילע פון זיי האָבן נישט געהאַלטן פון כפרות־שלאָגן, נישט געהאַלטן פון תשליך, דעם גרויסן עולם האָט מען עס אָבער נישט מתיר געווען. ס׳זעלבע איז מיט גאָט: איך בין טאַקע נישט זיכער, זיי אָבער, די מאַסע, דאַרף זיין זיכער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט.

דער רעדאַקטאָר בלייבט שטיל. די צייטונג הייבט זיך אונטער זיין אָטעם. דער נאָכמיטאָג, אַ הייסער, אַ שלעפערדיקער, הוידעט זיך צווישן הימל און ערד, און פון וואַסער, וווּ מען באָדט זיך, ווו מען שיפּט זיך, טראָגט זיך אַ געזאַנג, רייסט אויף די שטילקייט:

„רויטער פּאַדים זענען מיר...

נייע לידער זינגען מיר“...

1929

## חופה־וקידושין

אסתר, אַ טאַנץ־לערערין, איז געגאַנגען מיט דעלענסי־סטריט, ווו אָפּגעריסענע פאַרשווינען האָבן געקערט דעם שניי, אים צונויפגע־שאַרט אין פּריזמעס. איר לויזער שוואַרצער מאַנטל איז געווען צע־קנעפּלט, דאָס קליינע קאַראַקולענע היטעלע איז לייכט געזעסן אויפן קאָפּ שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין פּאַסמעס, זענען געפאַלן פון קאַרק, פון די שלייפן, פון שטערן. איר ציגיינעריש פּנים האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען. בלויז די גלאַנציקע, פייכטע אויגן די ווייסע, שאַרפע ציין האָבן געהאַלטן אין איין אויפטוקן, אין איין אויפפלעמלען.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איר נאָכגעקוקט. דאָס האָט לייכטער געמאַכט אסתרס טראָט, בויגיקער — איר פיגור און די שוואַרצקייט, וואָס האָט זיך געקנייטשט, זיך געפאַלדעוועט, האָט אויפגעלויכטן, האָט אַרויסגעהעלט פונעם שניי.

אסתר איז שוין חדשים נישט געווען ביי איר באָבען, וואָס האָט געוווינט קעגנאיבער דער דעלענסי־בריק. דאָס קלאַפּעריי פון באַנען און טראַמען, וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן בייטאָג, ביינאַכט, דאָס געלויף פון אויטאָמאָבילן, דאָס קרעכצן פון לאַסטוועגן — אַלץ איז געפאַלן אויף די אויערן־הייטלעך. אַז ס׳אייגענע לשון האָט אויסגעזען פרעמד און הויל, ווי פון אַ פאַס אַרויס. די קעלט האָט נישט אויסגעפרוירן דעם טוכלען פיש־ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטער דער בריק.

אסתר האָט זיך געחידושט, ווי נאָך זי האָט דאָ די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, זיך געהאָדעוועט ביי דער באָבען ביז צוועלף יאָר. און אַז עס האָט אַמאָל געטראָפן מען האָט אָפּגעשטעלט ביינאַכט דעם

פאַרקער, געדאַרפט פאַרריכטן די בריק, איז זי, אסתּר, פון דער שטילקייט אויפגעקומען פון שלאָף, אַזוי איינגעלעבט האָט זי זיך אין דעם טומל. איצט איז איר אַלץ דאָ פרעמד געווען, — דאָס קלאַפעריי, דער פיש־ריח, די יידן מיט בערד און מיטן טרויער אין די אויגן, זייערע פרנסות.

צייט די באָבע האָט זיך דערוווּסט, אַז אסתּר האָט זי אָפּגע־נאַרט, אַז זי וווינט מיטן מאַן אָן חופה־וקידושין, איז די אַלטיטשקע ברוגז געוואָרן מיטן אייניקל, איר אָנגעזאָגט נישט איבערצוטרעטן דער באָבעס שוועל. מער ווי דריי חדשים האָט די באָבע נישט גע־קענט אָנהאַלטן דעם ברוגז. פון צרות האָט זי זיך געלייגט אין בעט אריין און געשיקט נאָך אסתּרן.

אסתּר האָט זיך געהויבן איבער אַ ברודיקער טרעפּ, וואָס מען האָט שוין חדשים נישט געהאַט געוואַשן, געקוקט אויף די בלעכענע מזוזות, וואָס זענען געווען צוגעקלאַפּט צו די טירן, און זי האָט אָנגערופן יעדן שכן ביים נאָמען.

ווי שטענדיק איז איצט אויך די טיר נישט געווען פאַרמאַכט אויפן קלאַמשלאָס. אסתּר איז דורך די קיך, דאָס קליינע עסצימער און איז געבליבן שטיין אין אַלקער, וווּ אויף אַ גאַז־אייוועלע האָט זיך געוואַרעמט אַ טעפּל. אין אַ ווינקל, אויף אַ בעט, איז געלעגן די באָבע, אַ זקנה מיט אַ פאַרשפּיצט פּנימל און מיט ברילן אויפן שפּיץ נאָז.

— וואָס מאַכסטו, באָבעשי? — האָט אסתּר זיך צעקושט מיט דער אַלטיטשקער, אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דאָס היטל, און אירע האָר, צע־שויבערטע, זענען זיך צעפלויגן ווי אַ זאַווערוכע. — וואָס איז דיר? ביסט שוין לאַנג אין בעט?

— האָסט פאַרגעסן אָן דער באָבעשי, אינגאַנצן פאַרגעסן. — האָט ס'קול ביי דער זקנה געציטערט, ווי ביי אַ קינד, וואָס קלייבט זיך וויינען. — ווען נישט שכנות, וואָלט נישט געווען ווער ס'זאָל מיר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער... שיין אויסגעווירטשאַפט האָב איך...

— ביסט דיר אַליין שולדיק, באָבעשי. — האָט אסתּר זיך אַ בויג געטון די אַלטע זאָל בעסער הערן. — ביסט שטענדיק ברוגז, טרייבסט מיך...

— אַז דו טוסט מיר אָן בלויז חרפּות און בושות. — האָט די אַלטיטשקע אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, זיך געווישט די אויגן. — דערצו האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט, אסתרל, דו זאָלסט אַוועקגיין מיט בערלען וווינען אַזוי... אָן אַלעם...

— וואָס הייסט אָן אַלעם? — האָט אסתר זיך געזעצט אויפן בעט.

— אָן חופּה־וקידושין. — האָט די אַלטע זיך אויפגעזעצט. געאָטעמט שווער, ווי זי וואָלט אָפּגעטון אַ שווערע אַרבעט. — איר זענט דאָך ערגער ווי גויים! ווער ווינט דאָס „נאַ וויאַרע״? איצט ווייסטו שוין, אסתרל, וואָס ס׳האָט מיך געטריבן אין בעט אַריין? און אויב וועסט ווייטער בלייבן וווינען מיט בערלען. אַזוי אָן אַלעם, וועט איר מיר פאַרקירצן די פּאָר יאָר, וואָס זענען מיר נאָך געבליבן...

די באָבעשי האָט געקוקט אויפן אייניקל, געוואַרט אויף אַ תשובה. און אַז דאָס אייניקל האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז געביסן זיך די רויטע ליפּן, האָט די זקנה אַ נעם־געטון אסתרס הענט אין אירע:

— ווייסט צו וואָס כ׳האָב נאָך דיר געשיקט?

— כ׳ווייס נישט, באָבעשי.

— ביי לייטן זאָרגט אַ מאַמע פאַר אַ טאָכטער, זאַמלט פאַר איר אַ נדן, — איז דאָס דינע קול ביי דער אַלטיטשקער געוואָרן אַלץ אָנגעשפּאָלטענער, — דו, אסתרל, ביסט נעבעך יונג געוואָרן אַ יתומה. האָב איך, דיין באָבע, געקליבן פאַר דיר אַ נדן... כ׳האָב ליגן אַ צוויי הונדערט דאָלער... ס׳געלט איז דיינס, אסתרל... נאָר איידער כ׳גיי עס דיר געבן, וויל איך פון דיר אַ קליינינקייט... וואָס האָבן מיר היינט, דאָנערשטאָג? מירצעשעם זונטאָג קום דאָ אַריבער, קום מיט בערלען, ס׳וועט קיינער נישט זיין, בלויז אַ רב... מען וועט אינדערשטיל שטעלן אַ חופּה, און איך וועל אייך בתשואות־חן געבן די צוויי הונדערט דאָלער...

אסתר האָט פאַרגעסן, אַז זי און בערל זענען קאַנדידאַטן אַריינצוגיין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס איז איר וואַרעם געוואָרן פון דער באָבעס רייד, פון די צוויי הונדערט דאָלער, וואָס די אַלטיטשקע האָט ערגעץ ליגן אין אַ קניפּל. זי האָט נישט געזען אין דעם קיין חטא, וואָס מען וועט דאָ, אין דעם אַקערל, שטעלן אַ

חופה, אַ רב וועט אָפּגעבן חופּה־וקידושין... זי איז געווען זיכער, אַז בערל וועט גאָרנישט האָבן דאַגעגן... פאַר די צוויי הונדערט דאָלער וועלן זיי דינגען אַ סטודיאָ, נעמען אַ פּיאַנע אויף פּראָקאַט... זי וועט לערנען טאַנצן און בערל — שפּילן... ס׳גאַנצע לעבן, דעם מענטשס, איז געשנורעוועט אין צערעמאָניעס, מעג אויך זיין אַ חופּה־צערע־מאָניע, אַבי זיך אַרויסצורייסן פון דער אָרעמקייט...

— טאָ וואָס שווייגסטו, אסתּרל? — האָט די אַלטיטשקע אַ טרייסל געטון דאָס אייניקל, — ביסט דיך נאָך אַלץ מיישב?

— כ׳טו עס דיר צוליב, באָבעשי, — האָט אסתּר זיך אַ שטעל געטון, — טאַקע צוליב דיר... און אפשר דאַרפסטו עפּעס, וועל איך אַראָפּלויפן, אַרויפברענגען און דיר עפּעס מאַכן אין מויל אַריין? נאָר געדענק, זאָגסט מיר צו, אַז נאָר דו און דער רב, מער וועט קיינער נישט זיין!

— כ׳זאָג דיר צו, — איז די באָבע פון גרויס נחת געוואָרן זשוואַווער, דערטאַפּט ערגעץ אַ קלאַש פּאָמעראַנצן און מכבד־געווען ס׳אייניקל, — עס, אסתּרל, זאַפטיקע פּאָמעראַנצן.

אסתּר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, צוגערוימט די דריי צימערלעך, צוגעשטעלט אַביסל האָבערגריץ און אויסגעהערט, וואָס נאָענטע און ווייטע קרובים מאַכן. — זי האָט זיך געקליבן אַהיים, געוואָלט בערלען אָנזאָגן די בשורה, אַז ס׳וואַרט אויף זיי אַ פאַרמעגן, גאַנצע צוויי הונדערט דאָלער.

— וועלן מיר זיך זונטאָג זען, באָבעשי. — האָט ס׳אייניקל אַ קוש געטון דער באָבען.

— בלי נדר. — האָט די אַלטיטשקע אויסגעקושט אסתּרן און אַ געשיקטע איז זי אַראָפּ פון בעט, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט קראַנק געווען, געגאַנגען פאַרמאַכן די טיר.

זונטאָג נאָכמיטאָג, ווען אסתּר מיט בערלען זענען אַריינגעפאַלן צו דער באָבען, האָט די אַלטיטשקע אַן אויסגעפּוצטע שוין געוואַרט אויף זיי.

— ווו איז דער רב מיט דער חופּה? — האָבן ביידע זיך אַרומ־געכאַפּט מיט דער אַלטער.

— ס'וועט באַלד זיין אי אַ רב, אי אַ חופּה. — האָט די באָבע אַ כאַפּ געטון אויף זיך דעם ווינטער-מאַנטל. — קומט, קינדער, מען וואַרט אויף אונז.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז די חופּה וועט זיין דאָ, ביי דיר אין שטוב, — האָט אסתּר אַ שולדיקע געקוקט אויף בערלען, ווי זי וואָלט אַ ליגן געזאָגט, — וווהין פירסטו אונז?

— דער רב וואַרט אויף אונז ביי זיך אין שול אויף פּיט-סטריט. — האָבן די אויגן, דאָס קול, אַלץ ביי דער אַלטיטשקער האָט זיך געבעטן מען זאָל איר נישט אָפּזאָגן.

— אין שול אַריין גיי איך נישט. — האָט בערל, אַן אָפּגעברענ-טער בחור, זיך ברייט אָוועקגעזעצט און געהאַט דערביי אַ מינע, אַז ער וועט זיך פון אָרט נישט רירן.

— טאַקע, ווי האָט דיר גאָר געקענט איינפאַלן, אַז מיר וועלן גיין אין שול אַריין? — האָט אסתּר איינגעשטימט מיט בערלען.

— וווהין פיר איך דען אייך? — האָט די אַלטיטשקע זיך גע-טרייסלט, — להבדיל אין אַ תּפילה אַריין? כ'פיר דאָך אייך אין אַ שול אַריין! דערצו גיט דער רב נישט קיין חופּה-וקידושין אין פּריוואַטע הייזער! קומט, דער רב וואַרט אויף אונז!

— מיר וועלן נישט גיין, באָבעשי. — האָט בערל פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

די אויגן ביי דער אַלטיטשקער זענען פאַרלאָפן, ס'מויל, אַן איינגעפאַלנס, איז פול געוועזן מיט געוויין. אסתּר מיט בערלען האָבן זיך איבערגעקוקט, געוועזן אומבאַהאָלפן, בלויז געהויבן מיט די אַקסלען. אסתּר האָט אַ נעם געטון בערלען פאַר אַ האַנט:

— מען וועט שוין איבערקומען און פּטור.

אַז ס'פאָר-פאָלק איז אַריין אין שול, איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן: עלעקטרישע לאָמפּן, אָנגעצונדענע ליכט, קרובים, שכנים, — בלויז זיי, חתן-כּלה, האָבן אויסגעזען וואָכעדיק, זיך גע-שעמט פאַר די אָפּגענוצטע מלבושים.

— חתן-כּלה! חתן-כּלה קומען! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

אסתּר מיט בערלען האָבען פאַרגעסן, אַז זיי זענען קאַנדידאַטן, אַז זיי דאַרפן גאָר אינגיכן אריין אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט הין און צוריק.

פריער האָט מען אַוועקגעשטעלט בערלען אונטער דער חופּה, דערנאָך אסתּרן. דער רב האָט געלייענט די כּתובה, בערל האָט אָנגע-טון אסתּרן דאָס קידושין-פינגערל, נאָכגעזאָגט דעם „הרי אַת"... מען האָט געווונשן פון אַלע זייטן מזל-טוב, מזל-טוב, די באָבע האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן. און אַז מען האָט אים אַוועקגעזעצט ביי אַ געדעקטן טיש איבער אַ פּאָרציע לעקעך מיט בראָנפן, האָט ער אָפּגע-אָטעמט און שטיל אַ זאָג-געטון צו אסתּרן:

— איצט איז צייט אָפּצוציען.

— נישט אָן די צוויי הונדערט דאָלער.

די באָבע האָט זיך נישט געאיילט. זי האָט געטרונקען לחיים מיט קרובים, מיט שכנות, געוואָלט כאַפּן אַ טענצל, און אַז זי האָט קיין בעלנים נישט געפונען, האָט די אַלטיטשקע אַ הייב-געטון דאָס קלייד און לייכט, ווי אַ מיידל, זיך געלאָזט אַרום טיש.

ערשט פאַרנאַכט האָט דאָס יונגע פּאָר-פּאָלק זי אָפּגעפירט אַהיים. די באָבע האָט זיך מער נישט געבעטן, געווען זיכער ביי זיך, און אַז זיי זענען צוגעקומען צום הויז, האָט די אַלטיטשקע אַ זאָג געטון: .

— איצט, קינדער, וואַרט צו אַ ווייל, וועל איך אייך געבן דרשה-געשאַנק.

די זקנה איז אַריין אין קאָרידאָר, גענומען זוכן אין זאָק און אַרויסגענומען אַ פּעקל מיט איינציקע דאָלאַרן.

— נאַ, אסתּרל, — האָט זי איר אַריינגעשטעקט דאָס פּעקל און האָט זיך עטלעכע מאָל צעקושט מיט דעם אייניקל. — עס זאָל זיין מיט מזל, מיט גליק! דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעקליבן!

אַז די באָבע איז פאַרשווונדן אין קאָרידאָר, האָט אסתּר צע-עפנט די האַנט. בערל האָט זיך גענומען פאָרען אַרום דעם געלט,

אָפּגעציילט צוואָנציק איינציקע דאָלער. מער איז נישט געווען. ביידע האָבן געעפנט די אויגן, געגלאָצט פאַרחידושט, ווי אָפּגע־נאַרטע, געקוקט אין דעם ליידיקן קאָרידאָר, ווו די באָבע איז נאָר־וואָס געשטאַנען און דאָס יונגע פּאָר־פאָלק האָט זיך נאַריש צעלאַכט.

1929

---

# אין קעמפּ

דער קעמפּ איז געווען אַ רייכֿער, אַן אַריסטאָקראַטישער. ער האָט געהאַט אַ קלֿיינעם עולם, אַ געקלֿיבענעם, אינגאַנצן פּופּציק מענטשן. ווינטער זענען שוין די צימערן, באָנגעלאָס, מיניאַטור-ווילֿיעס, געווען רעזערווירט. אַנדערע ווילֿיעס זענען פֿאַרן לֿעצטן פּערטל יאָרהונדערט געהאַט איבערגעגאַנגען פֿון זיידעס צו טאַטעס, פֿון טאַטעס צו זין. די געסט האָבן געצויגן זייער יחוס פֿון אַלטע יידישע משפּחות אין האָלֿאַנד, אין ענגלֿאַנד, אין דייטשלֿאַנד. און ווי רייך אַ פּוילישער, צי אַ רוסישער ייד איז נישט געווען, האָט מען אים אין דעם קעמפּ קיין צימער נישט פֿאַרדונגען. עס איז נישט גענוג געווען צו זיין אַ קאַרפּנקאָפּ אין וואָל-סטריט, מען האָט אויך געדאַרפט ציען דעם יחוס פֿון די אַמאָליקע אַריבערגעקומענע משפּחות, בלויז אַרויסצוקומען אין קעמפּ אַריין אויף אַ סוף וואָך.

דער קעמפּ איז געלעגן אויף אַ באַרג ביים האָדסאָן, וווּ מירמל-שטיינערנע טרעפּן האָבן געפֿירט צום וואַסער. די הייזער און באָנגעלאָס, געבויט אין געמישטע סטילן, זענען געשטאַנען צווישןביימער, ווי אין אַ וואַלד. לֿעבן אַן אַלטן דייטשן שלאָס אין מיניאַטור איז געווען צעשטעלט אַן איטאַליענישע ווילֿיע, אַ פֿראַנצויזישע שאַטאָ, אַ האָלענדישע ביר-שטוב.

יוני איז דער קעמפּ שוין געווען אינגאַנצן גרין, האָט זיך צעבלֿיט. קלֿיינע נאָדל-ביימלעך, ווי קאַרלֿיקעס, באַיערטע סיפּרעס און קאַשטאַנביימער. וויינטרויבן און קריכפּלאַנצן האָבן געקלעטערט איבער אַלטאַנעס, איבער באָנגעלאָס, איבער ווענט. קורץ-געשוירענע לאָנקעס פֿאַר גאָלף. אויבס-ביימער, געשניטן אין אַלעען, האָבן פֿאַרנומען אַ צען אַקער. אַ גאָרטן מיט אָפּגעדעקטע אָראַנזשערייען. פֿון אַלעם האָט געשלאָגן מיט

אזאַ גרינקייט, אַז אַפילו די לופט אין עסצימער, אין די זאַלן, אין די באַנגעלאָס איז געווען גרינלעך, האָט געשמעקט מיט פלאַנץ, מיט צעגראָבן פעלד, מיט וואַסער.

נאָכן אָנבייסן, אין אַ טאָג, ווען די ביימער, ס׳גראָז, די פלאַנצן, אַלץ איז פול געווען מיט זון, אַפילו דער האָדסאָן, וואָס האָט זיך גע־שפּיגלט צווישן די צווייגן, נישט געקענט איינזאַפּן די מענגעס שטראַלן און פאַרפירעריש געטראָגן אויף זיך אַזוי פיל גאָלד און זילבער, אין אַזאַ טאָג זענען אַ טייל געסט אַוועק איבערן האָדסאָן אין אַן אייגע־נער יאַכט, אַ טייל האָבן געשפּילט גאָלף און אַ טייל האָבן זיך געבאָדן.

פון סאָד איז אָנגעקומען היפּאָליט ביזשור, אַ ברייט־פּלייציקער, אין רייט־הויזן מיט אַ שפּיצרוט אין דער האַנט. ער איז געגאַנגען פון איין אַלעע אין דער צווייטער, האָט געשאַרט מיט די פיס די ווייסע שטיינדלעך, וואָס האָבן זיך געשוימט אונטער דער זון, און באַטראַכט יעדן בוים, יעדן צווייג.

ער איז אַריין אין גאָרטן, געגאַנגען צווישן די אָפּגעדעקטע אָראַנזשערייען. דער גערטנער האָט איבערגעזעצט יונגע ביימער און זיין ווייב האָט זיך איבערגעבויגן איבער די בייטן, געריסן שאַלאָטן, ראש־חודש־רעטעכלעך, געיעט ווילדע פלאַנצן. דער גערטנער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך צו באַגריסן:

— ס׳האָבן זיך אַוועקגעשטעלט שיינע טעג, גאָר שיינע.

ביזשור האָט אַ הייב געטאָן די שפּיצרוט, געווען איינשטימיק מיטן גערטנער און אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס ערד־אַרבעט רופט ביי אים שטענדיק אַרויס אַ שטילע פרייד, האָט אַ שייכות מיט אים, מיט זיינע געשעפטן.

אָט דער גערטנער, זיין ווייב, ווייסן אַוודאי נישט, צי ס׳איז דאָ אַ וואָל־סטריט, ווייסן נישט, אַז ער, ביזשור, איז דער באַלעבאָס פון די גרעסטע „טשיין"־רעסטאָראַנען איבערן גאַנצן לאַנד. אַז ער, דער מיליאָנער, אַרבעט שווער, האָט יעדן רעסטאָראַן אויפן אויג, פאַרלאָזט זיך אויף קיינעם נישט... צווישן אים און דעם ערד־אַרבעטער איז דאָ די זעלבע ענלעכקייט, ווי צווישן יעראָגליפן און בוכשטאַבן. ער, בי־זשור, אַרבעט מיט יעראָגליפן, מיט באַגריפן און קאָנצעפּציעס, ווען דער גערטנער אַרבעט מיט בוכשטאַבן — מיט קלאַנגען און פאַרבן.

ביידע גראָבן זיך טיף, וואַרפן זאָמען, פילן מיט די אייגענע הענט, ווי די אַרבעט וואַקסט.

דאָס וואָס די גאַנצע ערד איז געווען גרין, געאָטעמט מיט פלאַנצן, געוויקסן, איינגעזאַפּט אין זיך די אַרומיקע בלויקייט, די גאָלד־אוצרות פונעם לאַנגן יונטאָג — אַלץ האָט דערנענטערט דעם מענטש צו דער ערד, צו דער פלאַנץ. און מיט די בלויזע חושים האָט ביזשור דערפילט דעם זין פון לעבן.

דער פופציק־יעריקער מיליאָנער, וואָס האָט אויסגעזען פיל יינ־גער, האָט דאָ אין קעמפ אויסגעלופטערט דעם מוח, אים אויסגע־שאָקלט, אַרויסגעוואָרפן די ציפערן, די שטעט, די רעסטאָראַנען, די הונדערטער אָנגעשטעלטע. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז ער איז שוין אַ טאַטע פון אַ זון, וואָס לערנט מיט סטודענטן ביאָלאָגיע. עס איז אים גוט געווען מיט זיך אַליין, עס איז אים גוט געווען, וואָס ער קען זיך אויסציִען צווישן בושעס, ליגן אויף דער קילער ערד און פילן ווי גרעזעלעך שפּראָצן, וואַקסן. ער האָט פאַרצויגן אַ ציגאַר, געקוקט אויף אַ וועוויאָרקע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צווייג אויף צווייג, און דער זין פון לעבן איז אים געוואָרן קלאָרער, בולטער. דאָס לעבן פאַרזאָרגט אויך די וועוויאָרקע. עס זענען דאָ גרויע, גע־לע און אַפילו שוואַרצע. אין די שטיינערנע בערג האָט ער, ביזשור, אַליין שוין געזען שוואַרצע וועוויאָרקעס, וואָס מען קען זיי נישט אָפּטיילן פונעם שוואַרצן שטיין.

פון די געדיכטע בושעס האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען. ביזשור האָט אויפגעכאַפּט זיין נאָמען און ער האָט זיך איינגעהערט. געהערט האָט אַ האַרט קול, אַ מענעריש, און אַ קלינגענדיקע, ווייכע שטימע, — אַ מיידלשע.

דאָס האַרטע קול:

— ווי לאַנג אַזאַ ביזשור, אַזאַ טעמפּער יינג קען ווערן אָנגע־שטעלט אין קאָלאָמביער אוניווערזיטעט בלויז דערפאַר, וואָס זיין פאָ־טער איז אַ מיליאָנער, בלייב איך אַ „לינקער”, איז מיין גאַנצע סימ־פּאַטיע מיט די קאָמוניסטן... ווייל אין תוך האָב איך דאָך געדאַרפט קריגן די שטעל אין קאָלאָמביע און ער, ביזשור, האָט העכסטנס גע־קענט זיין אַ קעלנער דאָ אין קעמפּ!

די קלינגנדיקע שטים:

— אינטעלעקטועל און גייסטיק פאַרהונגערן זיי אונז, וואָס איז אפשר געפערלעכער ווי קערפּערלעכער הונגער. דערצו שעמען זיך אינגאַנצן נישט די דאַמען, די נאַרישע גענז, פאַר די מענער-אָנגע-שטעלטע, באַגייען זיך מיט זיי, ווי די רוימישע דאַמען מיט די שקלאַפן.

ער:

— כ'האָב זיי אין דר'ערד!

זי:

— איך אויך!

ער:

— מען וועט זיך נאָך מיט זיי אָפּרעכענען. וואָס מיינסטו איז געוואָרן פון די אַלע רוסישע ביזשורס? קעלנעריס אין פּאַריזער קאַ-באַרעטן, אין ניו-יאָרקער.

ביזשור האָט געשמייכלט:

— זיי ווייסן נישט, די היצקעפּ, אַז ער, ביזשור, מיט זיינע „טשיין"-רעסטאָראַנען האָט אויף אַ הונדערט יאָר אַ רוק געטאָן די גע-שיכטע אין אַמעריקע, זי דערנענטערט צום סאָציאַליזם. בויט אויף אַ מלוכה, וואָס זאָל אַרבעטן, וואָס זאָל זיין פּראַקטיש, וועט ער, בי-זשור, דער ערשטער אָוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

הינטער די בושעס האָט זיך עמיצער אַ שטעל געטאָן:

— דו, דאָרע, זיץ נאָך דאָ אַ האַלבע שעה און איך וועל גיין העלפן גרייטן די טישן.

ביזשור האָט געוווּסט, אַז די קעלנער אין קעמפּ זענען סטו-דענטן, קיינמאָל אָבער נישט קיין טראַכט געטאָן, זיי זאָלן זיין שונ-אים! פאַר אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם האָט ביזשור געהאַט איין רפואה — געלט און ווילטאָג. דעם געפערלעכסטן רעוואָלוציאָנער וועט ער איבערמאַכן אין אַ וואָך, העכסטנס אין צוויי.

ביזשור האָט זיך לייכט אַ הייב געטאָן, געפּאָכעט מיטן שפּיצ-רוט און איז אַרויף אויף דער לאָנקע. אין שאָטן איז געזעסן אַ מיידל מיט געשוירענע האָר. זי האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פון ביכל און די אויגן, דאָס מויל, די ליפּן, אַלץ האָט געשמייכלט, אויסגעזען, ווי זי וואָלט נאָר-וואָס אַראָפּ פון אַ ווייבערשן זשורנאַל.

— אַליין? — האָט ביזשור גוטמוטיק, ווי אַ פּאָטער, אַ זאָג געטאָן.

זי האָט געוויזן אויפן ביכל און אירע אומשולדיקע אויגן האָבן זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ביזשור האָט גענומען צווייפלען, צי זי האָט אַ ווײַל צוריק געשיט פּעך און שוועבל אויף די רײַכע.

— קען מען זיך צוזעצן?

— געוויס.

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר שטודירט. — האָט ביזשור איר אונטערגעטראָגן זײַן פּאַפּיראָס.

— יאָ, ביאָלאָגיע.

ביידע האָבן פאַרצויגן, געקוקט, ווי דער רויך האָט זיך געהויבן אין דער קלאָרער לופט, גלײַך ווי אַ ווירע.

— צו אַרבעטן און צו שטודירן דאַרף ניט זײַן קיין לײַכטע זאַך.

— ס'איז גאַנץ שווער.

— פאַרוואָס זעט איר נישט צו קריגן אַ סטיפּענדיום?

— ווער וועט מיר געבן? — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ דרייסטע זיי גלײַך אַ הייב געטון — וואָס דאַרפט איר, מיסטער ביזשור, אַזויפיל געלד, ווען אַרום און אַרום מאַטערן זיך אַזויפיל מענטשן? צעטיילט אייער געלט!

— וועמען? — האָט ביזשור געשמייכלט.

— כאָטש אָרעמע סטודענטן.

— וויפל דאַרפט איר דען אַ יאָר?

— צום ווייניקסטן אַ פינף הונדערט.

— וואָלט איר מיך אויסגעקליבן פאַר אייער מעצענאַט? — האָט ביזשור נאַכלעסיק אַרויסגענומען פון דער קליינער אייבערשטער קע-שענע אַ פּאַפּירל, עס געעפנט, עס דערלאַנגט דעם מיידל.

— ס'ערשטע מאָל וואָס איך זע אַ פינף-הונדערטער.—האָט ס'מיידל אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּירל, עס געהאַלטן אַנטקעגן דער זון און דער מיליאָנער האָט נאָך קיינמאָל ביי קיין מענטשן אין פּנים נישט געזען אַזויפיל פרייד.

— אויב איר האָט צייט אין אָוונט...

— נאָך נאַכטמאָלצייט בין איך פריי.

— קומט אַריבער, איך וווין אין דער איטאַליענישער ווילִיע ביים האָדסאָן. איר ווייסט ווו?

— כ׳ווייס.

— וועט איר קומען?

— יאָ.

אַן אויפגעלייגטער איז ביזשור געגאַנגען צום האָדסאָן, האָט געשניטן די לופט מיט דער שפּיצרוט און איז געווען זיכער, אַז ער האָט אויסגעהיט אַ שיין מיידל פון קאָמוניזם.

ביזשור האָט געוואַרט ביי זיך אין דער ווילִיע ביז אַ שטיק אין אָוונט און אַז דאָס מיידל איז נישט געקומען, איז ער אַוועק צום קעמפּ-פּאַרוואַלטער.

— ווייסט איר נישט אין וואָס פאַר אַן אָפּטיילונג די קליינינקע דאָרע, די קעלנערין, וווינט?

— וואָס, מיסטער ביזשור, זי האָט אייך באַגנבעט?

— ניין, וואָס פאַלט אייך איין?

— כ׳ווייס, אויף די קאָמוניסטן איז אַלץ צו גלויבן, — האָט דער פאַרוואַלטער גערעדט מיט האַרץ, — זי, מיט איר חבר, מיטן סטודענט, ביידע האָבן נאָכן נאַכטמאָל גענומען די זאַכן און זענען אַוועק און איך האָב געמוזט שפּעט אינאָוונט אַוועקשיקן אַ מענטש אין שטאָט אַריין, ער זאָל ברענגען צום אָנבייסן צוויי קעלנער.

ביזשור האָט געשמייכלט — זיין רפואה פאַרן קאָמוניזם האָט נישט געהאָלפן.

ער איז געגאַנגען איינער אַליין איבער די אַלעען פון סאָד, געווען צופרידן, וואָס די לבנה גייט אים נאָך, עס איז היימלעכער. און אַז דער שפּאַציר האָט אים אויסגעמאַטערט, שווער געמאַכט די גלידער, זיי געצויגן צום שלאָף, האָט ער זיך געלאָזט צו דער ווילִיע, מער נישט געזען קיין שייכות צווישן זיך און דעם גערטנער, פאַרקערט, מיט דער גאַנצער מידקייט האָט ער זיך אַלץ דערווייטערט פון דער ערד.

1930

## חברה „האָרעוואַניע"

אין קיעוו אויפן פּאָדאָל איז דער עולם שבת-הגדול נאָכן דאַוו-נען געבליבן אין בית-המדרש. מען האָט זיך געקליבן אַרום דער טיר, ווו ס'איז געהאָנגען אַ מודעה פון דער חברה „האָרעוואַניע", אַז יע-דער געמיינער מאַן קאָן זונטאָג פרי קומען אין דער חברה זיך פאַר-שרייבן, וועט ער קריגן בחינם מצות אויף פּסח. די מודעה איז געווען געחתמעט פונעם רב משה נאָזשיק, פון דער שול „אַנשי האָרעוואַניע".

— אַבי מען זאָגט די „וולאַסט" איז קעגן אונז, פרומע. — האָט שלמה שוסטער געמאַכט פלאַץ אַרום זיך מיט די עלנבויגס, צוגעלאָזט יאַנקל סטאָליער. — אַז דו גלייבסט נישט, נאָ לייען!

— דאָס גיט מען אונז אַ לעקעכל, מען וויל מיט גוטן אַריינ-נאַרן. — האָט עמיצער פון עולם זיך אָנגערופן.

— כ'פאַרשטיי נישט, — האָט דער שוסטער געזופּט מיט די אויגן דעם פאַרשוין, וואָס האָט נישט קיין צוטרוי, — פאַראַן אין קיעוו קבצנים, וואָס האָבן נישט אויף מצות? אַ רב, נישט קיין באָלשעוויק, וועט אויסטיילן די מצות? טאָ וואָס קרימט איר זיך? וואָס שטייט אייך נישט אָן, דלפנים?

— זע נאָר ווי שלמה רייסט זיך די פּאָלע. — האָט אַ צעוואַק-סענער ייד אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין הילצערנער קוליע. — אויב ס'שטייט זיי נישט אָן, די יחסנים, וועלן מיר, אָרעמעלייט, קריגן גרעסערע חלקים!

— שוטים, — האָט דער גבאי אַ צי-געטון די זיידענע וועסט אי-בער זיין איינגעפאַלענעם בויך, — און איר רעדט זיך איין פייגעלעך אין בוזעם, גלייבט טאַקע, אַז די „וולאַסט" וועט אייך געבן מצות אויף פּסח? דאָס גיט מען אייך אונזערע מצות, מיינע...

— וואָס הייסט אונזערע? — האָבן זיך געהערט שטימען פון אַלע זייטן.

— דער „רויטער" רב אייערער, ווי הייסט ער דאָרט? — איז דעם גבאיס פּנים געווען בלויז ביטול.

— רב נאָזשיק!

— דער רב נאָזשיק גייט אַרום איבער אַלע יידישע בעקערייען מיט צוויי שמשים, כ'מיין מיט צוויי רויטע-אַרמייצעס, און דווקא „פּאָני-קעס", און וווּ ער דערשנאַפּט אַ ייד באַקן מצות, נעמט ער אַראָפּ מעשר. די צוגעראַבעוועטע מצות וועט דער „מרא-דאַתרא" מאָרגן דאָס אויסטיילן!

— איך וואָלט זיך איבער אַזוינע מצות נישט געוואָלט וואַשן.— האָט אַ מלמד, אָנגעטאָן אין אַ בגד, וואָס איז געווען אויפגעבנייט פון אַ זאַק, זיך אָנגערופן.

— ס'איז טאַקע אַ שאלה, צי מען מעג זיי עסן? — האָט אַ צווייטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— אַז „פּאָניע" איז דער משגיח, איז עס טאַקע די אמתע „מצה-שמורה". — האָט דער מלמד זיך געשמייכלט אין דער באָרד אַריין.

דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעטיילט. די געמיינע לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מצות אויף פּסח, זענען געווען דער גרעסערער צד. זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, געשוויגן, נישט געווען צופרידן, וואָס שלמה שוסטער רעדט אין זייער נאָמען. יעדע ווײַלע האָט זיך אַ צווייטער אַ שאַר געטאָן צו ר' דודל לוריע, אַ געוועזענעם וואַלד-סוחר, איצט אַ יורד, ער זאָל זאָגן אַ וואָרט.

— וואָס איז אייער מיינונג, ר' דודל?

— וואָס זאָגט איר, ר' דודל?

— דער משגיח איבער די מצות איז דאָך פאָרט אַ רב. — האָט לוריע געוואָלט צו-נישט מאַכן די תרעומות פונעם צווייטן צד.

— און איך האַלט מיך ביי ס'מייניקע, — איז דער שוסטער אַריין לוריען אין די רייד, — אַז אַ רב זאָגט ס'איז כשר, איז כשר.

— איך בין אַ געבירטיקער אַ קיעווער, — האָט דער גבאי זיך צעשריען און פאַרענדיקט מיט אַזאַ פּאַטש אין שטענדער, אַז דער

עולם איז געבליבן שטיל, — און האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אַ רב נאָזשיק!

— איך אויך נישט!

— אַ „סאָוויעטסקער" רב!

— מען דאַרף טאַקע חוקר־ודורש זיין. — האָט דער מלמד זיך געדרייט צווישן די געמיינע לייט. — היינטיקע צייטן... ווער קען ערב זיין... קאַרג משומדים דרייען זיך אַרום אין קיעוו?

— אַ מלמד בלייבט אַ מלמד. — האָט עמיצער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

דאָס, וואָס דער מלמד האָט געוואָרפן אַ חשד אויפן רב, האָט געווירקט. ר' דודל לוריע איז דער ערשטער אַריבער צום צווייטן צד. נאָך אים האָבן זיך אַ שאַר געטאָן געמיינע לייט, שטילע, וואָס עפּע־נען קיינמאָל ס'מויל נישט אויף. געבליבן זענען דער שוסטער, דער סטאָליער, דער מיט דער קוליע און אַ צענטליק אָרעמעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער.

— מיר וועלן זיך מער נישט לאָזן פירן פאַר דער נאָז, — האָט אַ קליין יידל אַפּירגעוואָרפן די מאָגערע הענט, ווי ער וואָלט אַרויס־געטריבן דעם עולם, וואָס האָט גענומען זיך פונאַנדערגיין, — אויס יחסנים, אויס.

— אין דר'ערד אַריין מיט די גבאים, מיט די צרכי־ציבורניקעס! — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— וואָס, וואָס, אָבער אַזאַ שיינער ייד, ווי אונזער גבאי, איז דאָך הרב נאָזשיק אַוודאי!

— איר האָט געזען, ווי דער טרעלבוך איז אים איינגעפאַלן, דעם גבאי אונזערן?

— ס'הייבט זיך איצט אָן

— איך טענה מיינס, — האָט דער הינקעדיקער אַ הייב געטאָן די קוליע, — די שמייליקע יידן ווילן נישט קיין מצות, נישט געננוג כשר? גוט! וועלן מיר האָבן גרעסערע חלקים! כאַ, כאַ, כאַ.

---

צומאָרגנס, אַרום ניין אינדערפרי, זענען די שול און דער הויף פון „אַנשי האָרעוואַניע" שוין געווען געפּאַקט.

— ביסט אַ מבין, וואָס אַן עולם? — האָט שלום שוסטער אַ זאָג געטאָן צו יאַנקל סטאָליער און זיך געשטופּט צו דער קאַנצעלאַריע. — פון וואַן האָבן זיך גענומען אַזוי פיל קאַליקעס?

— אָנגעטריבן פון ווו נאָר אַ הקדש! — האָט דער סטאָליער געפירט מיט די אויגן איבערן עולם. — און די חברה-לייט מיט די דאַשקעס? אַ וואַזשנע באָסע קאָמאַנדע!

ווו מען האָט זיך אַ קער געטאָן, זענען געשטאַנען מענטשן אָן הענט, אָן פיס, בלינדע, שלאַקרי־יקע, מענטשן מיט לעדערנע פאַרטעכלעך, ווו ס'איז אַמאָל געווען אַ נאָז, מענטשן מיט אַ שיקל אין די אויגן און מיט דער טויטער בלאַסקייט פון קראַנקע, וואָס האָבן די פאַליקע.

— שטופּט אייך נישט, בירגער, — האָבן צוויי רויטע-אַרמייצעס אָפּגעהאַלטן דעם עולם, — מען וועט יעדן איינעם פאַרשרייבן, פריער אָבער די קאַליקעס, די אָרעמערע... יעדער וועט קריגן דעם סאָוועטישן פּאַיאָק, כ'מיין „מאַצו סאָוויעטסקויו”... מען רעדט דאָך צו אייך, שטופּט זיך נישט, בירגער!

דער שוסטער מיטן סטאָליער האָבן זיך קוים אַריינגעשטופּט אין דער קאַנצעלאַריע, ווו דער מלמד, אין די לויזע בגדים אויפגעבייט פון אַ זאַק, איז זיי אַנטקעגנגעקומען. דער מלמד האָט זיי געוואָלט אויסמיידן און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַריין צווישן המון. דער שוסטער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן זאַק, אויסגעדרייט דעם פאַרשוין מיט דעם צעשראָקענעם פנים צו זיך:

— געקומען נאָך מצות, האַ?

— נויט, שלמה, ברעכט אייזן, — האָט דער מלמד געפינטלט מיט די אויגן, — דערציילן אין בית-המדרש, אַז איר האָט מיך דאָ געטראָפן, דאַרפט איר נישט... מיין מלומדות באַשטייט פון פינף יינגלעך, וועל איך דאָס אויך פאַרלירן...

ביי אַ לאַנגן דעמבאָוון טיש זענען געזעסן שמשים, פאַרשריבן יעדן ביים נאָמען, ווו ער וווינט, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך און ווו ער דאַוונט. און אַז מען האָט געענדיקט פאַרשרייבן, איז פון אַ זייטיקן צימער אַריינגעקומען דער רב נאָזשיק. אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ פייערדיקער באָרד, אויגן בלויע, האָר ווייכע, בלאָנדע, ליפּן

רויטע, פליישיקע און די ציין שאַרפע, הונגעריקע, קוקן אַרויס פון די יאַסלעס. מיט ווייכע, ווייסע הענט האָט ער אַ פיר געטאָן איבער די פאַרשריבענע בויגנס מיט נעמען, אַרומגענומען מיט אַ פאָטערלעכן בליק דעם המון און אָנגעהויבן:

— רבותי, יידן בירגער, עס איז אַ שקר, עס איז אַ בילבול, אַז די סאָוויעטישע מאַכט איז קעגן רעליגיע! דאָס האָט אויסגעטראַכט דער גרויסהענדלער, דער „קולאַק", וואָס אויף אים שרייט ישעיה הנביא אין קאַפיטל צען: „ולגזול משפט עניי עמי" — אַז זיי, די גרויסהענדלער, וועלן בדלות שטעלן דעם געמיינעם מאַן, זיי וועלן באַגזלנען דעם אָרימאַן, דעם יתום, די אלמנה...

— אמתע ווערטער! — האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן.

— גאָלדענע רייד! — האָט דער מלמד זיך אַרויסגערוקט.

— נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אונזערע נביאים!

— יידן בירגער! — האָט דער רב העכער גערעדט, — איר וועט זיך באַלד איבערצייגן, אַז די רעגירונג שטיצט די רעליגיע פונעם געמיינעם מאַן, אַנדערש וואָלט זי היינט קיין מצות אויף פסח אייך נישט געטיילט! די „וולאַסט" איז קעגן דער רעליגיע פונעם גרויסהענדלער, פונעם „קולאַק"! און נישט נאָר די „וולאַסט", אונזער גרויסער ישעיה הנביא איז אויך אַנטקעגן דער רעליגיע פונעם יידישן „קולאַק". דער נביא שרייט: „ידיכם דמים מלאו" — אייערע הענט, גרויסהענדלער, זענען אויסגעשמירט מיט בלוט!

— גאָלדענע רייד!

— איצט, רבותי, — האָט דער רב זיך אַ רוק געטאָן צום אַרויסגאַנג, — אַז איר האָט זיך איבערגעצייגט אין דער גערעכטיקייט פון אונזער סאָוויעטנמאַכט, וועלן מיר זיך אויסשטעלן צו פּאָר אין אַ שורה...

— און מאַרשירן נאָך די מצות! — האָט איינער אַרויסגעהאָלפן דעם רב.

— מיר וועלן דעמאָנסטרירן אונזער יידישקייט און געטריישאַפט דער סאָוויעטנמאַכט! — האָט דער רב פאַרענדיקט.

— הוראַ!

— הוראַ פאַר אונזער סאָוויעטנמאַכט!

פאַר דער שול זענען שוין געשטאַנען אייניקע יידן מיט פייק-לעך, מיט טראָמפייטן, אַנדערע האָבן פונאַנדערגעוויקלט רויטע פענער.

— צו פיר, צו פיר! — האָט שלמה שוסטער קאָמאַנדעוועט, אויסגעשטעלט אַ שורה הינטער אַ שורה, אָנגעכאַפּט דעם מלמד, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן עולם — דו וועסט ביי מיר היינט מאַרשירן!

— שלמה, דו קוילערסט דאָך מיך אָן אַ מעסער, — האָט דער מלמד זיך געבעטן, — עס זאָל מיר עמיצער זען, איז אויס מלומדות...

— דו וועסט ביי אונז אַ סאָוויעטישער מלמד. שטעל דיך, האָב נישט מורא. — האָט דער שוסטער אים אַריינגעשטופּט צווישן צוויי קאַליקעס, אַז דער מלמד האָט מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט.

די רויטע-אַרמייצעס זענען געלאָפן הין און צוריק, געזען דער המון זאָל זיך אויסשטעלן. און אַז די פייקלעך האָבן גענומען אויס-קלאַפּן אַ מאַרש, האָט דער רב, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ צע-וויקלטן פאָן, אַ מאַך געטאָן מיטן רבנישן שטעקן. דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, די רויטע-אַרמייצעס האָבן סאַלוטירט און איבער פינף הונדערט העלזער האָבן זיך צעזונגען:

„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט“...

1919

# אין דער יוניאָן

דער נאָכמיטאָג סוף יולי האָט געסאָפּעט מיט פייער. די אייזערנע שטאַכעטן אַרום דעם קליינעם פּאַרק אויף יוניאָן-סקווער האָבן זיך פון היץ אויסגעבויגן. די קאָנקריט-ווענט האָבן נישט אויסגעהאַלטן און פון גרויס חמימה זיך געשפּאָלטן. בלויז דער מענטש, אַ קליינער, אַ גרויער, האָט זיך געדרייט אַרום די הייבמאַשינען מיט די גאָרנדיקע זשיראַף-העלזער, וואָס האָבן געפּרעוועט, געהעשעט מיט פונקען, געהויבן מיט שטאָלענע שנאָבלען שטיקער אַספאַלט, הויפנס שטיינער, פריזמעס ערד. דאָס האָט דער מענטש אָפּגעריניקט די אויפגעריסענע גאַסן און סקווערן, זיי אויסגעבעט מיט צעמענט, זיי געפּלאַסטערט מיט פּירעקיקע שטיינער.

דער מענטש, וואָס איז שטאַרקער פון שטאָל, דויערעוודיקער פון קאָנקריט, דער מענטש, וואָס קאָן צוהונגערן אַ גאַנץ לעבן, וועט גיין אין שפּאַן און קיין האַנט נישט אויפהייבן, — דער זעלבער מענטש קאָן אויך מיטאַמאָל אַלץ צערייסן, צעברעכן, ווייל עס איז לייכטער צו פאַרגיסן בלוט, ווי צו פאַרטראָגן בלוט-באַליידיקונג.

---

אין „לייבאָר-ביוראָ" האָט דער שטח אַרום די אָפענע פענצטער, אַרום די צעפּראַלטע טירן געשווירבלט מיט צעווייקטע פּנימער, מיט הונגעריקע און אויסגעלאָשענע אויגן, מיט צעפּאַרעט מענטשן-פלייש. די היץ, אַן איבערגעברענטע, האָט זיך געקנוילט דורך די פענצטער, געהויכט מיט צעגאַנגענעם אַספאַלט, מיט געזאָלין, מיט געקלאַפּערייען פון יוניאָן-סקווער.

הונדערטער שניידער האָבן זיך געדרייט שטאָק-אויס, שטאָק-איין, געקייעט ווער אַ באַנאַנע, ווער אַ בייגל, געררויכערט ווער אַ סיגאַרעט, ווער אַ פּייקע. טייל זענען געזעסן — די עלנבויגנס אויף די קני, די פּנימער אין די דלאָניעס, און די אויגן, כמעט אַלע טונקעלע, האָבן געקוקט, געבליקט אין דער טראָפּישער היץ, וואָס איז געשטאַנען פּאַר די פענצטער, געבלענדט ווי הייסע, פאַרלאָזטע קוואַלן. די אויגן האָבן קיין פינטל נישט געטאָן, בלויז די שוואַרצלען האָבן זיך אויס-טערליש געשאָטנט, געקוקט מיטן צער, וואָס קאָן וועלטן איבערקערן. אַנדערע זענען געשטאַנען אין קרענצלעך — געררעדט מיט הענט, מיט אויגן, איבערגעשריען איינער דעם צווייטן, זיך געדעקט, און אַלץ מיט האַרץ, מיט לעבער, מיט גאַל. מען האָט באַרעדט — פון פּרעזי-דענט ביז דעם קלענסטן יוניאָן-אָנגעשטעלטן, געשאָלטן אין טאַטן, אין זיידן, אין עלטערזיידן, ביז עס איז לייכטער געוואָרן די אייגענע פּיין, גרינגער דער עול, וואָס איינער אַרבעט שוין קיין דריי חדשים נישט, קיין פיר, קיין פינף, קיין זעקס.

פון מאָל צו מאָל האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעשלייכט אַ פאַרשוין אין געפּרעסטע הויזן, אין אַ קאָלירט העמד מיט פּאַרקאַ-שערטע אַרבל. די פּיס — בויגיקע, ש אַרקע, די הענט — שטאַבעס; און אין די אויגן, אין דעם טראָט — פלינקייט און רציחה פון אַ פּאַנ-טערע. דאָס האָבן זיך געדרייט „שטאַרקע”. און אַז אַן אַרבעטער, וואָס האָט שוין וואָכן נישט געגעסן צו דער זאַט, נישט ער, נישט דאָס ווייב מיט די קינדער, אַז אַזאַ פאַרשוין איז אַרויס פון די האָלאָבליעס, האָט גענומען שרייען, טומלען, אַז מען האָט איבערגעהיפּט זיין ריי און אויף זיין אָרט געשיקט אַ צווייטן אין אַ שאַפּ אַריין אַרבעטן, איז אויסגעוואַקסן אַ „שטאַרקער” און האָט איינגעשטילט דעם טומלער.

גאַנצע טעג האָבן די שניידער זיך געוואַלגערט אין דער „ליי-באָר-ביוראָ”, געוואַרט און געהאָפט, אַז די יוניאָן וועט זיי שיקן אַר-בעטן כאָטש אויף אַ וואָך, כאָטש אויף אַ טאָג, געוואַרט אויף די קליינע „באָסעס”, וואָס פלעגן אַליין קומען אין דער ביוראָ אַריין נאָך „הענט”.

הינטער די ביוראָ-שטאַכעטן האָבן שרייבמאַשינען געקלאַפּט, טע-לעפאָנען געקלונגען, געווען פאַרבונדן מיט די שעפער, וווהין דער

המון האָט זיך געריסן. אָנגעשמירטע מיידלעך זענען געזעסן איבער די שרייבמאַשינקעס, געפּירט די פינגער איבער די ביינדלעך און גע-פלירטעוועט מיט די יוניאָן-אָנגעשטעלטע.

דאָס קול ביי ראָזען האָט זיך געציקלט, געווען זיכער, אַז אַזוי איז אַריסטאָקראַטישער. די ליפּן, ווערמל-רויטע, האָבן אַ שנירל געטאָן:

— בען, עליזאַבעט פּאָרט היינט קיין בריטען?

— זיי אַ גוט מיידל, ראָוז, וועל איך דיך אויך מיטנעמען.

זי האָט ממזריש אַ זשמורע געטאָן מיט אַן אויג, צוגעזאָגט בענען, אַז זי וועט זיין אַ גוטע, און די פינגער זענען זיך האַסטיקער צעפּאָרן איבער די ביינדלעך.

אונטער דעבס' בילד, וואָס איז געהאָנגען אין אַ שווערער ראַם, האָבן זיך געקליבן אַרבעטער. אַ דאַר מענטשל, מיט אויסגעבויגענע פיס און מיט אַ פלאַך געזעס, האָט זיך געקאָכט:

— מיר, שניידער, האָבן שוין לאַנג קיין יוניאָן נישט, און אויב די אַמאַלגאַמייטעד איז אַ יוניאָן, איז עס אַ באַלעבאַטים-יוניאָן!

— מיר, שניידער, ליידן אי פון קריזיס, אי פון דער יוניאָן. — איז אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ פולע לאַץ נאָדלען און שפּילקעס אריין אין דער מיט. — אויף מיין לעצטן דזשאַב, ביי דעם געשוואָ-לענעם, ביי הורוויצן, האָט מען געוואָלט איך זאָל אַרבעטן אָנשטאָט פיר-און-פערציק שעה אַ וואָך, גאַנצע פופציק, האָב איך דאָך געמאַכט אַ געוואַלד, בין געלאָפן אין דער יוניאָן... און וואָס מיינט איר' האָט דער דעלעגאַט געטאָן? ער רופט מיך אַריין אין אָפיס צום „באָס", לאָזט מיך דאָס מויל נישט עפענען און נעמט מיך דעקן: „העי, דו, הער אויף דיינע פוילע שטיק, אַז נישט, וועט דיך די יוניאָן אַראָפּ-נעמען פון דאַנען". שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער היינטישער זון, דער דעלעגאַט, האָט געקראָגן פון „באָס" פינף דאָלער און די נעמען פון די דריי „לינקע", וואָס האָבן געאַרבעט אין שאַפּ.

— מיר האָבן שוין אויסגעווירטשאַפט!

— מיר ליגן גוט אין דער אַדמה!

— אַ ווינט זיי אין די אויגן, די קילע-גראַבלערס!

— זיי וועלן זיך נאָך אַ וויסט יאָר אויסרייכטן!

— וואָס דאַרפט איר מער,—האָט דער הויכער יינג אַרויסגעוואָרפן

אַ פּאָר הענט, — לייענט די „דעילי טרייד ניוס״, דאָס בלעטל פון מאַנופעקטשורערס און זעט ווי מען לויבט דאָרט אונזער פּרעזידענט!

— טאַקע, פאַר וועלכע מעשים־טובים לויבט מען אים דאָרטן?

— און ווי קומט דער פאַבריקאַנט נעע צו אַדרעסירן אונזער קאָנווענשאָן? ער זאָל פאַרגלייכן אונזער פּרעזידענט צו משה רבינון, צו יעזוסן?...

— די אונטערשטע שורה, — האָט דאָס דאַרע מענטשל איבערגעשריען דעם הויכן ייִנג, — מיר ליגן ניין קלאַפּטער אין דר׳ערד!

— אוי, ליגן מיר!

— וואָס שניידער, ווען שניידער, — האָט דאָס קליין מענטשל זיך געקאָכט, — מיר זענען דאָך געוואָרן באַנקירן, מיר בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער, ווו מען קאָן קיין אַרבעטער נישט געפינען אויף אַ רפואה... און אין דער באַנק אַריין קאָן מען העכסטנס אַוועקטראָגן די פּרעמדע צייַן, ווייל עס איז סיי־ווי־סיי נישטאָ וואָס צו קייען.

— די הינטישע לעבערס האָבן באַגראָבן דעם פאַך!

— אַזוי באַגראָבן, אַז עס וועט שוין קיין תחית־המתים נישט העלפן!

— דער עולם צעלויפט זיך.

— דער געלער הערשל פעדלט, משהקע פירט קוילן און יאָסל טרייבט שנאַפּס.

— און דער לאַנגער וואָלף האָט זיך אויפגעהאָנגען.

— איז אים טאַקע ווילער פון אונז!

— איר מיינט, אַז די לינקע זענען נישט גערעכט?

די עטלעכע אַרבעטער האָבן זיך אַזוי געהיצט, אַז זיי האָבן נישט געהערט, ווי אַ יוניאָן־אָנגעשטעלטער האָט געשפּרייזט איבערן זאַל און גערופן:

— קאָפּל וויטמאַן! קאָפּל וויטמאַן!

— קאָפּל, — האָט דאָס קליינע מענטשל אַ כאַפּ געטאָן דעם הויכן פאַר די הענט, — דאַכט זיך, אַז מען רופט דיך.

— מיך? — האָט קאָפּל זיך אַ דריי־אויס געטאָן און זיך גענומען טראָגן צום אויסרופער — אָט בין איך!

— כ׳רוף, כ׳רוף... כ׳האָב שוין געוואָלט שיקן אַ צווייטן... ווו

איז אייער יוניאָן-ביכל ? אָפּגעצאָלט אַלע חובות ?

— כ׳בין שולדיק פאַרן לעצטן חודש. — האָט קאָפּל אַרויסגענומען דאָס ביכל און געוויזן.

— איידער מען גייט אויף אַ נייעם „דזשאַב״ דאַרף מען אָפּצאָלן.

— און אַז איר וועט מיך שעלטן פאַר אַ סענט, האָב איך ?

— געדענקט-זשע, דאָ האָט איר דעם „פּעס״, גייט גלייך אַריבער, אַ שנעלע „האַנט״ קאָן ביי די ברידער פּערל האָבן אַרבעט אַ גאַנץ יאָר...

קאָפּל האָט געהויבן די הענט, געשטעלט די לאַנגע פּיס, געשפּרייזט גאַס-אויס, גאַס-איין, איז געווען אויפגעלייגט. ער וועט צו זיך קומען, ס׳ווייב וועט זיך אויסגלייכן, וועט אַביסל אָפּשאָקלען דעם דלות, וועט געבן די קינדער עסן צו דער זעט.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, פאַרריסן דעם קאָפּ צו די זשיראַף - העלזער פון די הייבמאַשינען, וואָס האָבן געשלעפּט גליבעס אַספאַלט, מיט אַזאַ רעווען און סאָפּען, אַז קאָפּל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די אויערן.

אַ האַלב-נאַקעטער איטאַליענער, אַן אויסגעשמירטער, אַ דורכגעווייקטער, האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון דער הייבמאַשין.

קאָפּל האָט אָפּגעמאָסטן זיין אייגענע גרייס, פאַרגליכן די באַדל מיט דער הייבמאַשין, און אַ פאַרשעמטער זיך געלאָזט ווייטער.

ער האָט גיך געשפּרייזט, ווי ווען מען וואָלט אים געיאָגט, נישט געפילט, אַז די חמימה איז אַזוי גרויס, אַז דער שווייס רינט פון די שלייפן, פון קאַרק, אַז ס׳העמד איז דורכגעווייקט.

אין קאָרידאָר, ווו עס האָט געשמעקט מיט פייכטן קעלער, האָט קאָפּל זיך אַרומגעווישט. ער האָט זיך געהויבן אויפן דריטן שטאָק, געשפּרייזט צוויי טרעפּ מיטאַמאָל, און אין דער אָפענער טיר האָט אים באַגעגנט דער באַקאַנטער אָרקעסטער — די שטעפּעריי פון איבער הונדערט מאַשינען.

דער פאָרמאַן איז אונטערגעקומען, איבערגעלייענט דעם „פּעס״, אָפּגעמאָסטן דעם יינג, וואָס לויט זיין גרייס האָט ער געקאָנט אַרבעטן ביי צוויי מאַשינען מיטאַמאָל, און אַ צופרידענער אַ זאַג געטאָן :

— די יוניאָן האָט מיר אַרויפגעשיקט אַן אַלטן שניידער, אַ קריכער, וואָס דאַרף ניאַנטשען אַן אייניקל, האָב איך אָנגעקלונגען מען זאָל מיר שיקן אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ, קומט!

קאַפּל האָט זיך איצט נאָכגעשאַרט דעם פאָרמאַן, זיך געערגערט וואָס ער נעמט צו דעם פּלאַץ ביי אַן עלטערן שניידער און אויסגעמיטן צו קוקן אַהין. מיטאַמאָל איז זיין אויג געפאַלן אויף געבויגענע פּלייצעס, באַקאַנטע. ס'גאַנצע בלוט האָט אים אין אַ רגע אַ שלאָג געטאָן אין מוח אַריין און גלייכצייטיק גענומען אָפּרינען, אים איבערגעלאָזט אַן מראה און ער האָט אַ רוף געטאָן:

— טאַטע!

קאַפּלס פאָטער, אַן עלטערער, אַ געבויגענער, האָט אַ נעם געטאָן דאָס רעקל פון דער וואַנט, געקוקט אויפן זון מיט שולדיקע אויגן:

— גוט, קאַפּל, וואָס זיי האָבן דיך געשיקט.

— ניין, טאַטע, איך וועל נישט פאַרנעמען דיין פּלאַץ, — האָט קאַפּל זיך געטרייסלט, — און זיי, אין דער יוניאָן, אַ בראַנד זיי אין די געדערים, זיי האָבן יאָ געוווּסט, אַז דאָ אַרבעט אַ וויטמאַן...

— אַז דו וועסט זיך נישט שטעלן אַרבעטן, וועט מען דאָך שיקן אַ צווייטן.

— זאָלן זיי שיקן!

— נו? — האָט דער פאָרמאַן אַ צי געטאָן קאַפּלען פאַר אַן אַרבל, געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער קווענקלט זיך.

— איר ווילט כ'זאָל פאַרנעמען מיין פאָטערס פּלאַץ?

— ווער זאָגט, אַז איך וויל? — האָט דער פאָרמאַן זיך געוויצלט — איר דאַרפט וועלן! און אויב איר ווילט נישט, איז דאָ אַ צווייטער!

— אַ צווייטער, אַ צווייטער, — האָט קאַפּל אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן העמד, און איידער דער פאָרמאַן האָט צייט געהאַט זיך צו ווערן, האָט דאָס העמד זיך צעריסן מיטן געשריי פון אַ געוואַלדריס, — אַ צווייטער, זאָגסטו, וועט פאַרנעמען...

קאַפּל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן גערדיק, אַז די אויגן זענען אים אַרויס פון אונטערן שטערן. ער האָט זיך צעוויגט ווי אַ

זשיראַף־האַלז ביי אַ שלעפ־מאַשין, אַ הייב געטאָן דעם פאָרמאַן פאַרן קאָפּ, אים געשלאָגן אָן וואַנט, געהאַמערט. און אַז דער עולם האָט זיי צענומען, האָט ער נאָך אַלץ געשריען מיט באַנומענע קולות:

— מיין טאַטע, מיין אַלטן טאַטע?... אַ בראַנד דיר אין די קיש־קעס! אַ ווינט דיר אין די אויגן!

1930

# אַ קריזיס

דאָס ווייב איז אַוועק אין שאַפּ אַריין, די קינדער — אין שול־ער, הערשל מוליער, וואָס האָט שוין אַ יאָר נישט געאַרבעט, האָט זיך געדרייט איבער די קליינע צוויי צוגערוימטע צימערלעך, וואָס אויפן פערטן שטאָק. ער האָט געשפּרייזט און זיך געפילט אומבאַק־וועם פון די בליקן, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן זיינע טריט.

אויף דער וואַנט, אין אַ שווערער ראַם, איז געהאָנגען דאָס בילד פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. פּלעכאַנאָוו, לענין, טראָצקי האָבן הערשלען נאָכגעקוקט. ער האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס אַ מעקלער דאַרף באַלד קומען צו אים אין שטוב אַריין, וואָס אַ געוועלבניק ערגעץ אויף וואַשינגטאָן־עוועניו איז מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן, מוז אַוועקגעבן אַ שפּייז־געוועלבל בחצי חינם.

דער מוליער האָט האַסטיקער געצומען שפּאַנען. ער האָט גע־טריבן פון זיך דעם מעקלער, דעם קראַנקן געוועלבניק מיט אַזאַ רציחה, אַז עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם. פון כעס האָט ער אַן עפן געטאָן אַ פענצטער און זיך אַרויסגעבויגן.

די לופט, אַ בלויע, אַ קילבלעכע, האָט אים דורכגענומען, געקרעפּ־טיקט, ווי אַ ווייניקער עפּל. דאָס פּנים איז פול געוואָרן מיט פּריי־מאָרגן־זון, וואָס האָט געשיינט, אָבער נישט געוואַרעמט.

רעכטס — קלערמאָנט־פּאַרק.ביימער, שוין נאַקעטע, האָבן גע־וואָרפן פון זיך די לעצטע פאַרזשאַווערטע בלעטער, וואָס האָבן זיך געפּלעמלט האַרט ביי די שטאַמען, ווי „גרינשפּאָן". לינקס — דזשע־ראָם־עוועניו. געביידעס האָבן זיך געריסן אין דער בלויקייט, זיך גע־טורעמט אַ וואַנט איבער אַ וואַנט. דער ליכטיקער באַגינען האָט אַרויס־געבלישטשעט פון די שויבן, פון די קאַרניזן, פון די דעכער, טייל.

פאַרשפּיצטע, מעטאַלענע, אַנדערע געוועלבטע, אַ קאַפּעל איבער אַ קאַפּעל.

מיט אַכצן יאָר צוריק איז די גאַנצע געגנט נאָך געווען ווילד, נישט באַוווינט. און אַז מען האָט גענומען האַקן דעם דזשעראָם־וואַלד, רייסן מיט דינאַמיט די שטיינערנע בערג, האָט ער, הערשל, זיך דאָ געשטעלט אַרבעטן, זיך געהויבן איבער דער געגנט מיט דעם ערשטן מויער.

דער מוליער האָט געוואָלט אַ וואָרף טאָן דעם בליק אויף צו־ריק, געוואָלט אַרומנעמען די אַכצן יאָר. ער האָט נישט געקענט. דאָס שטיקל לעבן איז נישט געלעגן הינטער אים, עס איז איינגע־לאָפן, עס איז געהאָנגען אויף די שפּיצפינגער. מען אַרעסטירט אים אין וואַרשע, ער אַנטלויפט קיין אויסלאַנד, הערט רעדן אויפן סאָציאַ־ליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן פּלעכאַנאָוון, לענינען, טראָצקין. דאָס אַלץ. שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זיך געשטעלט אַרבעטן. און אַז די מויערן — זעקס־, זיבן־, אַכט־שטאָקיקע — האָבן גענומען וואַקסן אין דער ווילדער דזשעראָם־געגנט, האָט מען מוליע־רעס אָפּגעגילדט. דעמאָלט האָט הערשל זיך פאַרליבט אין רחלען, מיט איר חתונה געהאַט. אַ מענטשלעך לייב וויל געבוירן נאָך אַ לייב. זענען געקומען אויף דער וועלט פריער דוד, דערנאָך לייזער, דער־נאָך וועלוול. און אַז דוד האָט געענדיקט די פאָלקס־שול, האָט הערשל אים געשיקט אין אַ טעכנישער שול. ער האָט געוואָלט פונעם ייִנגל מאַכן אַ מעכאַניקער, זיך געגרייסט, וואָס דער זון זיינער וועט פאַר־בלייבן אַן אַרבעטער.

דער מוליער האָט געקוקט אויף די פּאַלאַצן, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער בלויקייט פון דער דזשעראָם־געגנט, געקוקט אויף די אייגענע האַנט־פלאַכן, ווו די הויט איז געווען האַרט ווי פּאָדעש־ווע, און עס האָט זיך אים נישט געגלייבט, אַז די הענט האָבן אַ חלק אין דער שטאָט, וואָס בלענדט זיך פאַר די אויגן, ווי אין כישוף.

און איצט ?

שוין איבער אַ יאָר ווי ער אַרבעט נישט. דער קריזיס פאַר־שפּרייט זיך, כאַפּט אַרום וואָס מער פּאַכן. נישט בלויז וואָס הערשל האָט פאַר די זעכצן יאָר אָפּגעשפּאָרט — געלט, צירונג, זאַכן — האָט

ייר אויפגעגעסן. ער האָט זיך אויך פאַרשולדיקט ביי חברים, ביי קרובים, איז נישט דרייסט געווען אַריינצושמעקן אין שפייז-געוועלב. און אַז עס איז געבליבן אַ שטיקל אָנלען, איז וואָס? וואָס קען ער אָנהייבן טאָן מיט די צוויי הונדערט און פופציק דאָלער, וואָס ער האָט אויף אַ פאַרזיכערונג-פּאָליס? דערצו האָט מען וועגן דעם ביסל געלט אין שטוב נישט גערעדט, נישט ער, נישט דאָס ווייב. און אַז עס איז געוואָרן גאָר שלעכט, האָט אים אַ חבר מיטגענומען צו זיך אין שאַפּ אַריין, ווו מען האָט געניייט הויזן. הערשלס הענט, וואָס האָבן אַ לעבן געהאַקט שטיינער, געמויערט ווענט, האָבן זיך קיין עצה נישט געקאָנט טאָן מיט דער נאָדל, נישט געקענט איינפעדעמען קיין פאָדעם. ער האָט געוואָרפן די אַרבעט.

רחל האָט זיך געביטן מיט הערשלען. ער איז געבליבן אין שטוב, האָט געקאָכט, געוואַשן, אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, און זי, אַן אָפּגעאַרבעטע, אין די פערציקער, איז אַוועק אין אַ קליידער-שאַפּ. רחל האָט אַהיימגעבראַכט צען, צוועלף דאָלער אַ וואָך, אַחוץ האַרצ-קלעמעניש, מאָרדעוואַניע און ווייטיק אין רוקן.

הערשל איז קיין נעכט נישט געשלאָפן. און כאָטש ער האָט שטענדיק געטענהט, אַז ווייבער דאַרפן אַרבעטן, דאַרפן העלפן שלעפן דעם עול פון דער משפחה, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געקענט שלום מאַכן, וואָס רחל אַרבעט און ער, מיט די ברייטע פּלייצעס און צעוויגטע הענט, דרייט זיך אַרום ליידיק. ער האָט גענומען אויפ-שטיין מיטן שפּראָך-אויף-טאָג, האָט צוגעגרייט איבערבייס פאַר רחלען, פאַר די קינדער.

אין די פרימאָרגנס, ווען די קינדער זענען נאָך געלעגן אין די בעטן, איז דער קאָפּ ביי הערשלען פול געווען מיט פינצטערע מח-שבות. הערשל דער אַרבעטער האָט אַריינגערעדט אין הערשלען דעם פּאָטער:

— דאַרף דאָס טאַקע אַן אַרבעטער קינדלען, צוגרייטן „הענט" זיי זאָלן אויסבויען פּאַר רייכע פּאַלאַצן און די „הענט", די אמתע בויערס, זאָלן דאָס גאַנצע לעבן זיין אָן אַ דאַך? — דאָס לעבן האָט איב, הערשלען, אויך אַריינגענאַרט, ווי עס נאַרט אַריין אַ מויז אין אַ שטייגל. אַט איז דוד, אַט לייזער און אַט וועלוול. ער מיט

רחלען דערעסן נישט, דערשלאָפן נישט און אַלץ פאַר די קינדער. ניין, נישט פאַר די קינדער, פאַר אַן אומבאַקאַנטן... פאַר אַן אַנאָנים... פאַרן רייכן... דאָס האָרעוועט ער, הערשל, „הענט"... דער רייכער זאָל מיט די „הענט" קענען פאַרוואַנדלען אַ וויסטעניש אין אַ דזשעראָם-געגנט...

און הינטער די אַלע טענות האָט זיך געבלעזלט אַ זינדיקער געדאַנק, וואָס דער מוליער האָט אים געטריבן פון זיך, אים נישט געוואָלט ברענגען איבער די ליפּן. דער געדאַנק האָט זיך נישט בלויז פאַרמאָסטן אויף הערשלס פופציק יאָר, נאָר אויך אויף רחלס, אויף די קינדערס יאָרן. דאָס איצטיקע לעבן האָט מען געדאַרפט אָפּווישן, פאַרגעסן און מיט וואַקלדיקע טריט אַריבערגיין אין אַן אַנדער לעבן, וואָס איז אים פון ייִנגלווייז אָן געווען פרעמד און פאַרהאַסט.

איז זיין אַרעסט אין וואַרשע, די לאַנגע סטרייקס, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן — די אַלע געוווּנענע שלאַכטן, וואָס הערשל האָט זיך מיט זיי איבערגענומען — דאָס אַלץ זאָל האָבן געווען אַ שפּיל?

וואָס האָט אַ מעקלער זיך מיטאַמאָל אָנגעזעצט אויף אים, וויל אים באַגליקן, וויל דווקא הערשל זאָל קויפן אַ שפּייז-געוועלבל? ווען רחל וואָלט נישט געהאַלטן מיטן מעקלער, וואָלט ער אים שוין לאַנג אַראָפּגעשיקט פון אַלע טרעפּ. נישט דערלאָזט אַפילו דעם געדאַנק, אַז ער, הערשל, זאָל פאַרשטאַרקן דעם קלאַס פון שונא, דעם הענדלער. רחל באַוויינט אים דעם קאָפּ — זי קען אַ גאַנצן טאָג נישט זיצן אין שאָפּ, קען זיך נישט בייגן איבער דער ניימאַשין. ווען דער רוקן ברעכט און דער קאָפּ שווינדלט. און דאָ וואַקסט דער קריזיס. נאָך אַ וואָך און רחל וועט שוין אויך קיין אַרבעט נישט האָבן. ער, הערשל, וועט נישט גיין בעטן ביי די שטאָט-טאַטעס זיי זאָלן פאַר אים צאָלן דירה-געלט. נישט דערלעבן וועלן זיי עס!

די לעצטע ווערטער האָבן זיך געלייגט איבער אים ווי אַ בייטש, אים אַוועקגעריסן פונעם אָפענעם פענצטער. ער האָט געשפּרייזט איבער די דריי צימערלעך מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט געדאַרפט ערגעץ אָנקומען אין אַ באַשטימטער צייט. דאָס אייגענע לעבן, אַ צעשויבערטס, האָט זיך געטראָגן פאַר אים, אַוועקגעשאַרט

אַלץ, וואָס עס האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג. אַרויסגעריסענע ווערטער פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ.

„... מיטן געווער, וואָס די בורזשואַזיע האָט באַזיגט דעם פעאָדאַליזם, מיטן זעלבן געווער טראָגט זיך דער פּראָלעטאַריאַט אויף דער בורזשואַזיע".

דער מוליער איז העכער און ברייטער געוואָרן. ער האָט זיך געטראָגן פון צימער אין צימער, געשליידערט בענקלעך. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן אָפענעם פענצטער, אַ הייב געטאָן צוויי פויסטן און זיך צעשריען אָן ווערטער:

„פון היינט אָן, וועט איר, געוועזענע רייכע, נעמען קינדלען ווי מייז! נישט מער די אַרבעטער!"

מען האָט אָנגעקלונגען.

דער מוליער האָט זיך נישט געמאַכט הערן. געשלונגען די בלויע קילע לופט און זיך געהאַלטן ביי די שלייפן.

מען האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלונגען. דער קלונג, אַ לאַנגער, האָט זיך געטראָגן איבער די צימערלעך ווי אַ מלחמה-רוף.

דער מוליער האָט געוווסט, אַז דאָס קלינגט דער מעקלער. ער האָט צום לעצטן מאָל זיך פּרובירט אַנטקעגנשטעלן, געהאַט פאַרדרוס אויף זיך אַליין, וואָס ער שטיקט מיט די אייגענע הענט די אינער-לעכע געשרייען, גייט ער טאַקע פאַרשטאַרקן דעם שונא, דעם הענ-דלער? ער, הערשל מוליער?

דער מעקלער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, אויפגעטרעסלט די צימערלעך מיט אַן אָפּגעהאַקט קלינגעריי, מיט אַ קלאַפּעריי.

די הענט ביים מוליער האָבן זיך מער נישט געהויבן. אַ שול-דיקער, אַן אומבאַהאָלפענער האָט ער נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן בילד, זיך פאַרענטפערט, אַז עס איז נאָר צייטווייליק, לאָז דער קרי-זיס פאַרביי. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר און געליטן וואָס פון דער וואַנט קוקן אים נאָך בליקן, דערציילן פון געוווּנענע שלאַכטן.

1930

# דער פּרייזקוראַנט

די באַן, וואָס האָט געסאָפּעט, זיך געוועקסלט פון איין פּאָר שינעס אויף די צווייטע, איז אַריינגעפאָרן קיין העקענסעק. פּאַסאַזשירן האָבן אַראָפּגענומען פון די אייבערשטע פּאָליצעס רענצלעך, האַנט־וואַליזקעס, זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אַ בלאָנדער יונגערמאַן אָן באַגאַזש האָט זיך אַ שטעל געטאָן, זיך צעוואַקלט און זיך צוריקגעזעצט. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ וועסטל־קעשענע אַ שפּיגעלע און באַקוקט זיין פּנים, אַ לענגלעכס, אַן אויסגעצערטס. עס האָט בלויז געפעלט אַ שטיקל בערדל, עס זאָל אויסזען ווי יעזוסעס פּנים. קיינעם אין וואַגאָן וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס יעזוס־פּנים טראָגט אין אַ הינטערשטער הויזן־קעשענע אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. דער יונגערמאַן האָט נישט געקענט שיסן, זיך געשראָקן פאַרן שטיקל געווער, און ווען נישט די פּאָליציי־דערלויבעניש, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך, וואָלט ער דעם רעוואָלווער איבערגעלאָזט אין וואַגאָן.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער יונגערמאַן איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, און האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַ ייטיק געסל, נישט קיין געברוקירטס, ווו עס איז געווען גענוג אַ וואָגן, צי אַן אויטאָמאָביל זאָל דורכפאָרן, און דער שטויב זאָל זיך אַ הייב טאָן ווי אַ נעפּל. פון ביידע זייטן געסל האָבן זיך געצויגן ליידיקע שטיקער לאַנד, פאַרלאָזטע, באַוואַקסענע, וואָס האָבן איינגעזאַפּט דאָס סאָפּען פונעם לאָקאָמאָטיוו. דער נאָכמיטאָג, אַ זוניקער, האָט זיך געטאָרקלט צווישן די פּלאַנצן, געלעגן אַ צייטיקער איבער הויז און דאַך און עס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אין אַזאַ טאָג זאָל איין מענטש קענען שלעכטס טאָן אַ צווייטן.

דער יונגערמאַן, משה ריקלין, דער סעקרעטער פון דער „רעבּ-טער" שניידער-יוניאָן, איז געפאָרן אַראָפּנעמען די „סקעבס" ביי פעלדן אין שאַפּ. אין דער צייט פון סטרייק האָט פעלד, קיינער זאָל נישט וויסן, איבערגעטראָגן זיין שאַפּ קיין העקענסעק, ווו ער האָט געשניטן די הוצאות אויף אַ העלפט, און אַרויסגעקראָגן מער אַרבעט. און אַז די יוניאָן האָט זיך דערוווּסט, גענומען איינטענהן מיט פעלדן, האָט ער מער נישט געוואָלט הערן פון קיין יוניאָן-שאַפּ. מען האָט איבערגעגעבן דעם שאַפּ דעם געשטופּלטן לואין, דעם אָנפירער פון די „שטאַרקע", וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער יוניאָן.

— אין העקענסעק? — האָט לואי זיך אַ גלעט געטאָן די שוואַר-צע האָר אויפן קאָפּ, וואָס האָבן געבלישטשעט און זענען געלעגן, ווי צוגעקלעפּט מיט פּאָמאַדע — אַהין קענען מיר נישט פאָרן, דאָרט איז אַן אַנדער „גענג", אַן איטאַליעניש...

— קענען מיר גאָרנישט טאָן?—האָט ריקלין זיך איבערגעפרעגט.

— נישט אונזער „גענג".

— און אַז מיר זאָלן זיך דורכרעדן מיט יענעם „גענג" פון העקענסעק?

— דאַרף עס אויך געטאָן ווערן דורך מיר. — איז דאָס גע-שטופּלטע פּנים ביי לואין פול געוואָרן מיט שמייכל. — מיט דיר, ריק-לין, וועלן זיי נישט רעדן. נאַ, נעם מיין וויזיט-קאַרט, וועסט עס איבערגעבן סמיטן, דעם באַלעבאָס פונעם „ספּיק-איזי", ווו מיר זענען לעצטע וואָך געווען, און ער, סמיט, וועט שוין אַרויסשיקן אַ פּאַר-שוין, וואָס וועט פאַרהאַנדלען מיט דיר.

פון דער באַן צו סמיטן האָט גענומען אַ פופצן מינוט גאַנג. ריקלין, וואָס האָט בדעה געהאַט צוצופאָרן, האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז עס איז גלייכער קיינעם זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן, און ער האָט זיך געלאָזט צופוס. ריקלין, וואָס איז בטבע געווען אַ ווייך-האַרציקער, האָט נישט געקענט קוקן, ווי קינדער צעקוועטשן פליגן, ווי מען שעכט אַן עוף, דווקא אים איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט „שטאַרקע", ווו אונטערהאַקן אַ זייט, אַן אויג, אַפילו שפּאַלטן אַ קאָפּ איז געווען אַ צייט-פאַרטרייב.

מיטן גיין צווישן די ווילדע פלאַנצן האָט ער אָפּגעשאָקלט פון

זיך די טעגלעכע דאגות און פּרובירט פּאַרענטפערן די „שטאַרקע״. דאָס איז דאָך נישט סתּם שלאָגן. — האָט ריקלין מיט זיך איינגעטענהט. — זיי, די שטאַרקע, העלפן דאָך דערנענטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווו קלאַסן וועלן פאַרשווינדן, מענטשן וועלן זיך מער נישט טיילן אויף „שוואַכע״ און „שטאַרקע״.

איבער די ליידיקע שטיקער לאַנד פון העקענסעק האָט מער נישט געשפּרייזט דער סעקרעטער פון דער ניו־יאָרקער שניידער־יוניאָן, נאָר משה בונדיסט, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען איבער ליטווישע שטעטלעך, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דאָס ביסל שניידער־יינגען.

עס איז אָנגעלאָפן אַ הונט, גרויס ווי אַ קאַלב. דער עק צווישן די הינטערשטע פיס, די לענגלעכע מאָרדע האַרט צו דער ערד. די גאַנצע פרייד, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אַ וועק געטאָן אין ריקלינען, איז מיטאַמאָל ערגעץ־ווו אויסגערונען און ער איז געבליבן שטיין אַן אויסגעליידיקטער, אַן איבערגעשראָקענער. ער האָט געזוכט מיט די אויגן אַ שטיק האָלץ, געוואָלט האָבן מיט וואָס זיך אָפּצושלאָגן, אויב דער הונט וועט אים באַפאַלן. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער פּלאַנצן, איבער געוויקסן, און אַז דער הונט איז שוין געווען נאָענט, האָט ריקלין אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, איז געווען גרייט אויסצושיסן. די האַנט איז ביי אים געגאַנגען ווי אַ זעג — אַרויף, אַראָפּ. דער הונט איז פאַרבייגעלאָפן, האָט צומאָל דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. ריקלין האָט אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן, זיך געשעמט פאַר דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, פאַרן רעוואָלווער, פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט זי צונויפגעפּאָרט מיטן געשטופּלטן לואי, מיט דער העקענסעק־„גענג״.

ביי סמיטן איז געווען אַן איינפאָרהויז, אַ שטיקל רעסטאָראַן און דער עיקר — אַ געהיים שענקל, ווו מען האָט אָפּגעשטעקט אַ גנבה, געדונגען אַ „שטאַרקן״.

ריקלין האָט זיך באַגריסט מיט סמיטן, וואָס איז געזעסן ביים אַריינגאַנג אין אַ געפלאָכטענער שטול און האָט געקייט אַ שטיקל ציגאַר:

— וועל, יונגערמאַן?

ריקלין האָט אים איבערגעגעבן לואיס וויזיט־קאַרט. סמיט האָט

אַ קוק געטאָן אויף דער קאַרט. דערנאָך אויף ריקלינען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגעזעצט ריקלינען אין דער שטול:

— וואַרט דאָ צו אַ ווייל.

אַרום איז געווען שטיל. אַ קאַץ האָט זיך געבאָקן אויף דער זון, נאָכגעקוקט דער קוואָקע, וואָס האָט געפירט אַ זעצל הינדעלעך. סמיט האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ, אַ ווונק געטאָן צו ריקלינען:

— קומט.

אין אַ זייטיק צימער האָט געוואַרט דער פירער פון דער העקענסעקער איטאַליענישער „גענג". נישט קיין הויכער, פלייצעס ברייטע, הענט ברוינע, טאַטואירטע. דאָס פּנים און דער עיקר די אויגן, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשניטן פון אַ דעטעקטיוו-מעשה.

דאָס האַרץ ביי ריקלינען האָט זיך אַ הייב געטאָן און עס האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריין אין פּלאַץ, ווי לאַנג ער איז געשטאַנען מיטן איטאַליענער.

— דאָס האָט אייך לואי אַהער געשיקט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ מוזיקאַלישער שטים, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום גאַנצן געשטעל.

— יאָ.

— וואָס, איר זענט אַ „באָס"?

— ניין, כ'פאַרטרעט אַ יוניאָן.

— די ניו-יאָרקער שניידער-יוניאָן?

— יאָ.

— ווייסט איר, אַז פעלד האָט אַהער איבערגעטראָגן זיין „שאַפּ"?

— ווען דעם טאַקע בין איך געקומען.

— ער האָט אונז אָנגעבאָטן דעם „דזשאַב", — איז דאָס שווערע וואָגיקע פּנים ביים איטאַליענער ווייכער געוואָרן, — כ'האָב אָבער נישט קיין האַרץ צו די הינטישע זין, צו די אַלע פעלדס, וואָס אַנטלויפן פון ניו-יאָרק, ווייל דער עולם דאָ אין די שטעטלעך איז נאַרישער, יאָלדעוואַטער, אַרבעט פאַר העלפט — און וואָס דאַרף דער עולם אין העקענסעק? פרעסן, שלאָפן און איינמאָל אין וואָך אַ „מוווי"! דאָס אַלץ! איז ביי אַזאַ פאַרשוין פּופּצן, זעכצן דאָלאַר אַ וואָך אַ גרויסע מטבע! הייסט עס, איר ווילט כ'זאָל די סקעבס אַראָפּנעמען?

— יאָ, דאָס וויל איך.
— ווייסט איר וואָס אַזאַ „דזשאַב״ דאַרף אייך קאָסטן?
— כ׳ווייס נישט.
— העקענסעק איז נישט ניו־יאָרק. דאָ איז איין פּרייז. מ׳דינגט זיך נישט.

דער פירער האָט אַרויסגענומען אַן אויסגעשריבענעם פּרייזקוראַנט. ער האָט געעפנט דאָס פּאַפּיר און געטייטלט מיטן צייג־פינגער, ווו ס׳איז געזעסן אַן אייזערנער סיגנעט פון אַ האַלב פונט. דער איטאַליענער האָט זיך בענטער אַ רוק געטאָן צום יוניאָן־סעקרעטער, געשמעקט מיט בראָנפן און מיט גרויס כוונה אויסגערעכנט די פּרייזן:

— אונטערהאַקן אויף טרוקן אַ זייט צי אַן אויג — צען און פופצן דאָלער, צעברעכן אַ פינגער — פופציק דאָלער, די לינקע האַנט — הונדערט, די רעכטע — צוויי הונדערט דאָלער, אויסהאַקן אַן אויג — הונדערט און פופציק דאָלער.

— נישט טייער, גאָרנישט טייער. — האָט די צונג, ווי פון זיך אַליין, זיך געבאָמבלט ביי ריקלינען אין מויל און די אויגן זיינע, איבערגעשראָקענע, האָבן אויסגעמיטן דעם איטאַליענער. — די יוניאָן אָבער וועט זיך באַנוגנען מיט טרוקענע קלעפּ.

— אונז איז אַלץ איינס, — האָט דער איטאַליענער צוגעפגעלייגט דעם פּרייזקוראַנט און אים אַריינגעשטעקט אין אַ קעשענע, — מיר דאַרפן עס אָבער נאָך היינט וויסן, די „באָס״ זאָלן מאָרגן פרי זיין אויפן „דזשאַב״.

— כ׳וועל אייך נאָך היינט אָנקלינגען... סמיט האָט דאָך אַ טעלעפאָן...

— וויפל אַ זייגער?
— אַרום ניין איז גוט?
— גוט.

ביידע „פירערס״ האָבן זיך געגעבן די הענט, זיך געזעגנט. ריקלין האָט אָפּגעאָטעמט, זיך געטראָגן צום וואָקזאַל און מער נישט געקענט שלום מאַכן, אַז דאָס זענען די וועגן, וואָס פירן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווו אַלע קלאַסן וועלן פאַרשווינדן.

1930

# איטשעלע

דער נאָמען איטשעלע האָט נישט געפּאַסט צו זיין גאַנץ געשטעל. אַ הויכער, אַ ברייטער, די אויגן שוואַרץ, די באָרד נאָך שוואַרצער און די פּליישיקע, רויטע ליפּן האָבן אַרויסגעשריען פון באָרד און וואָנצעס, ווי אַ שניט וואָס בלוטיקט.

דעם פאַרצויגענעם נאָמען האָט ער מיטגעבראַכט פון גערער הויף, ווו איטשעלעס פאָטער, דעם רבינס אַ קרוב און אַליין אַ שטיק רבי, האָט געזאָגט דעות. דער פאָטער איז באַשטאַנען, אַז איטשעלע זאָל אַרויספאָרן קיין ניו-יאָרק מיטן ערשטן טראַנספּאָרט ספרים, וואָס דער „הויף" האָט בדעה געהאַט אַרויסצושיקן, גלייך ווי די וועלט-מלחמה האָט זיך געענדיקט.

איטשעלע איז אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק כמעט אָן ספרים. פון די זעכציק קאַסטנס זענען פערציק פאַרפאַלן געוואָרן אויפן וועג. און די איבעריקע צוואָנציק, וואָס מען האָט אָפּגעלייגט אין גערער שטיבל אויף לואיס-סטריט, האָט מען צעשלעפּט איידער מען האָט צייט געהאַט צו דינגען אַ געוועלב.

דער „הויף" האָט איטשעלען באַזייטיקט, אַהערגעשיקט אַ סוחר אויף זיין אָרט, און ווען נישט גערער חסידים וואָלט איטשעלע אומגעקומען אין ניו-יאָרק.

גוטע-ברידער האָבן אים מיטגענומען אין שעפּער, אים געלערנט וואָס אַ שטיקל זיידנס איז, וואָס אַ שטיקל שעוויאָט, אים געוואָלט איינברעכן, איטשעלע זאָל אָנהייבן האַנדלען מיט צודאַטן פאַר שניידערס.

דערצו האָט זיך געבענקט נאָך אַ מקורב פון גערער הויף, ווו מען זאָל קאָנען אַריינקומען אַ פרייטאָג-צו-נאַכטס, אַ שבת און נאָך אַ

וואָך יאָגעניש-פּלאָגעניש הערן אַ שטיקל „תּורה״, נעמען אין חברותא אַביסל משקה.

דאָס שטיבל אויף לואיס-סטריט האָט אַראָפּגעבראַכט איטשעלעס ווייב מיט די דריי קינדער, אים איינגעקויפט פּאָר אַ פּאָר הונדערט דאָלער סחורה און שניידער-צודאַטן, ער זאָל אַליין אויספּרובירן ס'אייגענע מזל.

און ס'מזל איז געלאָפן פון איטשעלען.

באַגינען האָט איטשעלע זיך שוין געטראָגן איבער ניו-יאָרקער גאַסן, געשפּאַנט מיטן זעקל אונטערן אָרעם פון איין שאַפּ אין צווייטן, געוואָלט טאָן מסחר. ער האָט זיך שנעל געהויבן איבער די טונקעלע גאַנגס, געשפּרייזט צוויי, דריי טרעפּ מיטאַמאָל, ווי דאָס מאַשין-געגודער וואָלט אים געטריבן. ער איז אַריין אין אַ שאַפּ אַזאַ גרייס און אָן אָטעם. דער רבנישער קאַפּעלוש האָט זיך גערוקט פונעם ברייטן שטערן, די אויגן, די רויטע ליפּן האָבן אַרויסגעשרפּעט פון דער באָרד, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי סמאָלע. זיין קול, אַ טיפער, איז געקומען פון בויך מיט אַ בייזער:

— אפשר דאַרפט איר אַ שטיקל שעוויאָט, אַ שטיקל קרעפּ-דע-שין, טאַשמעס... איר דאַרפט טאַקע גאַרנישט?... גאַרנישט?...

מענטשן האָבן זיך פּאַר אים געשראָקן, געווען זיכער, אַז דער צעוואַקסענער ייִד איז נישט ביים זינען און מיט אים קיין מגע-משא נישט געהאַט. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין אַ שאַפּ, האָט אים דער אויפפּאַסער משלח געווען. און אַז ס'האָט אַמאָל געטראָפן, אַ פאַבריקאַנט איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער פאַרפירט מיט איטשעלען אַזאַ שמועס:

— איר זענט דען אַ טרימינג-פּעדלער?

— וואָס דען בין איך?

— איך האָב געמיינט אַ רבי!

— און אַז אַ רב? און אַז אַ רב וויל לעבן פון מסחר, וויל נישט מאַכן פון רבנות אַ „קרדום לחפור...״, איז וואָס?

איטשעלעס שוואַרצע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה, אַז דער פאַבריקאַנט האָט אויפן אָרט חרטה געהאַט, וואָס עס איז אים גאָר איינגעפאַלן צו מאַכן אַזאַ הלצה מיט אַזאַ

פאַרשוין. ער האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק, זיך פאַרענטפערט:

— ס׳איז טאַקע שיין, ס׳איז טאַקע שיין פון אַ רב... נאָר איך דאַרף נישט היינט... איך דאַרף נישט קיין קרעפּ-דע-שין, איך דאַרף נישט קיין שעוויאָט, איך דאַרף גאָרנישט!

אַזוי איז איטשעלע געלאָפן אָן אָטעם גאַנצע טעג. דאָ האָט ער זיך צעווערטלט, דאָרט צעקריגט, זיך אָנגענומען דעם כבוד פון באָרד און פאות, און מסחר האָבן געפירט אַנדערע, נישט ער, נישט איטשעלע. ביסלעכווייז האָט מען פאַרצערט די פּאָר הונדערט דאָלער, און אַז ס׳גערער שטיבל נישט האָט אַריינגעשיקט, איז נישט געווען אויף שבת, און אַז גוטע-ברידער האָבן נישט מיטגעבראַכט ווער ווייז, ווער געבעקס, ווער אויבס, איז נישט געווען פרייטאָג-צונאַכטס מיט וואָס מכבד צו זיין.

איטשעלע האָט ס׳זעקל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. ער איז געגאַנגען פון איין שאַפּ אין צווייטן, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז מען וועט מיט אים נישט רעדן וועגן מסחר. ער האָט געוואָלט זיין גערעכט פאַר זיך — ער פוילט זיך נישט, ער אַקערט די ערד מיט דער נאָז, אַבי צו פאַרדינען פאַרן ווייב מיט די דריי קינדער. און צוריקגערעדט טאַקע — וואָס הייסט, אַ מענטש אַקערט מיט דער נאָז די ערד? ס׳איז דאָ אַ סתירה, אַ געוואַלדיקע סתירה! דער מענטש וואָס יאָגט פון זיך אַרויס דעם דעך, דעם אָטעם, אַבי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט און נישט אַזוי פאַר זיך ווי פאַר אַ שוואַך ווייב, פאַר דריי שוואַכע קינדער, דער מענטש זאָגט נאָך אַ ליגן אויך, רעדט שקר! דען אויב שוין יאָ אַקערן, וויפל קאָן מען דאָס מיט דער נאָז צעאַקערן ערד? האַ, וויפל?

אַזוי האָט איטשעלע זיך געמוטשט טעג, וואָכן, חדשים און די משפחה האָט צוגעהונגערט.

גוטע-ברידער, און דער עיקר ס׳גערער שטיבל, האָבן אים נישט געלאָזט פאַלן. מען האָט ביי אים אָפּגעלייגט אַ צען זעקלעך פלוימען, געבראַכט אין דער שטיל מכשירים און אַ בראָנזווילער חסיד איז געשטאַנען מיט איטשעלען אַ וואָך צייט, האָט אים אויסגעלערנט די מלאכה ווי נאָך צו טרייבן בראָנפן פון פלוימען.

דאָס ברייזל איז נישט געווען אין קיך, נאָר אין שלאָפצימער,

ווו ס׳פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען צום איסט-ריווער. צווישן די פאַר-דומפּעצטע ריחות פון געזאַלין, אָנגעלעגן אויבס און געטרוקנטע פיש האָט זיך דער ריח פון שנאַפּס נישט געהערט. האָט זיך אויס-געוועפּט מיטן איסט-ריווער, וואָס איז פול געווען מיט אייל-פלעקן און אָפּפאַל.

דעם שנאַפּס האָבן אייגענע מענטשן צוגענומען. ווער אַ קוואָרט, ווער אַ האַלבן גאַלאָן, ווער אַ גאַלאָן — און ביי איטשעלען אין שטוב האָט זיך גענומען דרייען אַ דאָלער, ס׳איז ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן.

איטשעלען איז אויף אַ רגע נישט איינגעפאַלן, אַז ער טוט אַ קרומע זאַך. פאַרקערט, ווען ער טרייבט דעם בראָנפן גייט ער נישט אַרויס פון שלאָפצימער, שטייט שעהן איבערן קעסל, אַרבעט שווער, און דער שווייס גיסט זיך פון אים. און פאַרחושט טאָר מען בשעת-מעשה אויך נישט זיין — מען דאַרף האָבן אַ צונג, אַ נאָז און מען דאַרף וויסן ווען צו פאַרדרייען דעם פלאַם, אַנישט ווערט קאַליע די גאַנ-צע ברייע. און איצט וויפל נחת-רוח פאַרשאַפט ער מענטשן! פון אַן עוקץ בראָנפן ווערט דאָך אַ ייד אויפגעהייטערט! אַז ער, איטשעלע, גייט אַנטקייגן מלכות, איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן. מלכות איז ביי אים געווען רוסישע פאָליציי, וואָס מען דאַרף איר אָפּטרעטן דעם טראָטואַר, אַ פאַספּאָרט, וואָס מען דאַרף מיט זיך טראָגן אין קעשענע, אָבער ניו-יאָרק האָט זיך ביי אים נישט געפּאָרט מיט מלכות. און אַז ער האָט געלייענט אין „בלאַט" וועגן „בוטלעגערס", וואָס שטעלן זיך קעגן פאָליציי, וואָס שמוגלען ביינאַכט בראָנפן אין שיפלעך, האָט דאָס מיט אי-טשעלען קיין שייכות נישט געהאַט. ס׳האָט פאַר אים געקלונגען ווי אַ מעשה, ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווערס אַ מעשה וועגן גזלנים און בעטלערס.

איטשעלעס מסחר איז זיך צעוואַקסן, זיין טיר האָט נישט גע-רוט. חסידים זענען געגאַנגען, געקומען, צעטראָגן אין פלעשער דעם שנאַפּס און זיך קוים דערוואַרט אויף פרייטאָג-צו-נאַכטס, ווען מען האָט זיך צונויפגעקליבן צום צימעס איבער צוויי מנינים.

איטשעלע, אין שטריימל, איז געזעסן אויבן-אָן, אין אַ געבעטן פאָטערשטול, און חסידים, יונגע, עלטערע, אַלטע, זענען געווען צע-זעצט אַרום דעם לאַנגן פירעקיקן טיש, געשטאַנען איבער אים. מען

האָט טועם געווען — ווער שנאַפּס, ווער ווײַן, געקוקט ווי פון דער באָרד, שוואַרץ ווי סמאָלע, האָבן אַרויסגעבלישטשעט נאָך שוהאַרצע־רע אויגן, רויטע ליפּן און ווײַסע ציין. אַלע — פעדלער מיט שנײַדער־צודאַטן, פעדלער מיט ווײַן און שנאַפּס, פעדלער מיט שמאַטעס—האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, זיך אײַנגעהערט, וואָס איטשעלע דערציילט:

„... דער פעטער, ר' שלמהלע, האָט פײַנט געהאַט געלט, זיך געהיט פון געלט־שידוכים. אַ וואַרשעווער גביר, פון די פּריוועסעס, איז צוגעשטאַנען צום פעטער, שטאַרק געוואָלט וואָלפן פאַר אַן איידעם. דער פעטער האָט אים אָנגעשריבן, דעם גביר, ער זאָל אַריבערקומען ל"ג־בעומר קיין גער, וועט מען שרײַבן תּנאים. דער גביר האָט גע־ענטפערט, אַז ער קאָן נישט, דאַרף דורכפירן אַ מסחר, און געבעטן אָפּצולייגן די תּנאים ביז נאָך שבועות.

ווי'הייסט ער קאָן נישט? — האָט דער פעטער זיך אַ בייזער געטון — מסחר איז בילכער? און פונוואַן איז ער זיכער, אַז נאָך שבועות וועט ער יאָ קאָנען? שיקט אַריבער אין דאָרף אַריין נאָך בערל שמיד, כ'וויל זיך מיט אים משדך זײַן, דער גערער רבי וועט זיך מיט אים משדך זײַן, נישט מיטן גביר!

צומאָרגנס אינדערפרי, „כּלחוך־השור", בערל שמיד איז דאָ, וואַרט אין בית־המדרש נישט טויט, נישט לעבעדיק, פרעגט זיך נאָך ביי די שמשים וואָס דער רבי וויל פון אים. נאָכן דאַווענען רופט דער רבי אַריין צו זיך דעם שמיד, גיט אים שלום:

— זאָג מיר, בערל, אַז דו הייבסט זיך אויף אינדערפרי, וואָס טוסטו?

— כ'טו, וואָס אַלע ייִדן טוען, הייליקער רבי: כ'גיס זיך אָפּ די נעגל און כ'זאָג „מודה אַני".

— און דערנאָך?

— דערנאָך דאַוון איך, כ'זאָג אַמאָל אַ שטיקל תּהילים, און אַז ס'מאַכט זיך אַן אָרעמאַן, גיב איך אים אָפּצועסן, גיב אים אַ פּאָר גראָשן.

— ביסטו דאָך אַן אָפּגעהיטער ייִד, בערל. — האָט דער רבי אים אַרומגענומען, — ביסט אַ ירא־שמים און כ'וויל זיך מיט דיר

משדך זיין. כ׳וויל זאָלסט נעמען מיין וואָלפן פאַר אַן איידעם... נו, נו, בערל, ס׳שטייט מיר אָן, ס׳שטייט מיר אָן, ביסט אַ שענערער ייד פונעם וואַרשעווער גביר!״

עולם גאַפט, נעמט צוביסלעך משקה, רוקט זיך נענטער, און איטשעלע, וואָס גלויבט, אַז אין ניו-יאָרק אין קיין „מלכות״ נישטאָ, פאַרגייט זיך, דערציילט איין מעשה נאָך דער צווייטער.

1929

---

# נעגערס

אין פענצטער, ווו אַ העלפט שויבן זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, איז געשטאַנען אַ פאַרחלשטע לבנה. אַ טויט ליכט איז געפאַלן פרעדן, דעם אַכט-יעריקן נעגערל, אין די אויגן, אים איינגע־רוימט, אַז ס׳הויז ברענט, אַז מען פירט טאַטע-מאַמע הענגען.

ס׳יינגל האָט זיך אַ ריס-געטאָן פון שלאָף, זיך אויפגעזעצט. ער האָט זיך אַ ווייל איינגעהערט און זיין צעפינטלטער בליק האָט גענו־מען נישטערן אין דער פינצטער. די שטוב איז פול געווען מיט גרילצן, מיט שנאָרכן, גלייך מען וואָלט ברעטער געזעגט. פרעד האָט אָפּגעזיפצט, שווער און קלאָגעדיק, ווי אַ זקן, און איז געבליבן זיצן אויפן געלעגער.

קעגנאיבער אין טאָפּלטן בעט איז געשלאָפן דער פאָטער אויף די פלייצעס. די הענט צעשפרייט, איין פוס אונטערגעהויבן, און דער גרויסער קאָפּ איז נאַכלעסיק געליגן אויף דער ברוסט. דער פאָטער האָט כמעט פאַרנומען ס׳גאַנצע בעט, פאַרשטעלט די מוטער און די צוויי קליינע שוועסטערלעך, דייזין און קיטין, וואָס זענען געלעגן ביי דער וואַנט.

אין דער פינצטער האָט דער פאָטער אויסגעזען ווי אַ טויטער, ווי דער שכן דזשים, וואָס די „ווייסע" האָבן דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ. פּונקט אַזוי איז דזשים געלעגן אין מיטן גאַס. דער רעכטער פוס, אַ שטייפער, איז געווען פאַרריסן, גלייך דזשים וואָלט זיך אויף עמיצן פאַרמאָסטן.

זינט מען האָט געפונען דעם פאַרמער סמיט אַ דערשאָסענעם, האָבן די ווייסע שוין דערהרגעט צוויי נעגערס. זיי, די ווייסע, בוג־טעווען זיך נאָך אַלץ, סטראַשען אַוועקצולאָזן דעם גאַנצן נעגערישן

ישוב מיט פייער, אויב מען וועט זיי נישט אַרויסגעבן דעם מערדער.

און פרעד האָט פיינט געהאַט „ווייסע". ער האָט זיי געווונשן דעם טויט, געחלומט צו ווערן אַ „ספוק", וואָס קאָן אַריין אין יעדער שטוב דורך אַ שפּעלטל, דורך אַ שפּאַרע, קאָן זיך אַוועקזעצן אויף אַ וואַנט און קיינער זעט אים נישט. און אַז פרעד וועט ווערן אַ „ספוק", וועט ער מיטן פּאָטערס גאָלמעסער, אַ ברייט, שאַרף מעסער, איבער־שניידן אַלע ווייסע די העלדזער.

פרעד האָט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, אָנגערירט מיט די קני די גאָמבע, און געהערט ווי אונטערן בעט שאַרט אַ מייזל מיט אַ לאַפּקע, געהערט ווי איבער דער קאָלדרע ציט זיך די קאַץ, קראַצט מיט די נעגל. אין שטוב איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן. אויס בעט, אויס פּאָטער. ס'האָט זיך געטראָגן אַ הייזעריק כראָפּען. דער פּאָטער האָט געפּלאָכטן און געדרייט מיט דער נאָז און מיטן האַלדז דיקע שטריק, די מוטער — דינערע און די צוויי שוועסטערלעך האָט פרעד אינגאַנצן נישט געהערט.

ס'יינגל האָט נישט געקאָנט איינליגן. ער האָט זיך קריק אויפגע־זעצט. פון הויף האָט זיך געטראָגן דאָס סאָפּען פון חזיר, וואָס האָט זיך געריבן אין די ווענטלעך פון שטאַל. פרינץ האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קייט, פאַרריסן זיין הונגעריקע מאָרדע און שטיל געהיילט, מיט אַ צעצויגן בילעריי, אויף דער לבנה, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן.

דאָס בילעריי איז געוואָרן שטאַרקער, בייזער. אַן אויטאָמאָביל איז פאַרפאָרן און די צוויי שיין־וואַרפערס האָבן פרעדן פאַרבלענדט די אויגן.

ס'יינגל איז אַראָפּ פון בעט, גענומען וועקן דעם פּאָטער:

— טאַטע, טאַ־טע!

— וואָס איז? — האָט דער פּאָטער געפרעגט און איז ווייטער געשלאָפן.

— אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אונזער הויז, — האָט פרעד געטאָרקעט דעם פּאָטער, — „ווייסע" זענען אָנגעפאַלן.

ביי דעם וואָרט „ווייסע" האָט דאָס געלעגער אונטערן נעגער זיך אַזש צעשריען, ווי ער וואָלט עפּעס מיטגעריסן פון בעט. ער האָט

עזוכט אין דער פינצטער די הויזן, ס׳העמד, שטיל גערעדט צום ווייב, צו פרעדן:

— איר הערט? קיין איבעריק וואָרט, קיין פּיפּס. כ׳בין אין שטאָט און פּאַרטיק. און אַז זיי וועלן אַוועק, פרעד, זאָלסטו מיך אַ זוך טאָן צווישן די בושעסביים טאַבאַק-פעלד.

דער נעגער האָט לייכט געעפנט ס׳פענצטער, וואָס איז אַרויס אין הויף אַריין, זיך געצויגן מיט באָרוועסע פיס ווי אַ קאָטער, און אַז ער נישט געוואָרן צווישן די שטאַלן און דעם באַרג מיסט, האָט ס׳הערצל ביי פרעדן זיך געהויבן פון פרייד. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרמאַכן דאָס פענצטער ווי מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר:

— עפנט! עפנט די טיר!

די נעגערטע איז אַראָפּ אין העמד, זיך געטרייסלט אינגאַנצן, געגאַנגען עפענען די טיר. פרעד האָט אָנגעכאַפּט די מוטער פאַר אַ האַנט:

— גיי נישט, מאַמע! זיי וועלן אונז דערשיסן! די ווייסע בעס-טיעס וועלן אונז דערשיסן!

— האָב נישט מורא, פרעד, — האָט די מוטער אין איילעניש אַריבערגעוואָרפן אויף זיך אַ קלייד אויף דער לינקער זייט, — מען וועט אונז נישט שיסן.

— פאַרוואָס האָבן זיי דערשאָסן דזשימין? — האָט ס׳יינגל זיך איינגעקלעפּט אין דער מוטער, — כ׳בעט דיך, מאַמע, עפן נישט!

— אַז כ׳וועל נישט עפענען, קינד מיינס, — האָט די מוטער זיך געבעטן ביים יינגל, — וועלן זיי אויפרייסן די טיר, צי גאָר אונ-טערצינדן. קינדער און מאַמעס טשעפּען זיי נישט.

דאָס קלאַפּן האָט זיך געטראָגן פון דער טיר, פון פענצטער:

— עפנט! איר עפנט?

— אָט עפן איך! — האָט די נעגערטע מיט ציטערנדיקע הענט אויפגערוקט דעם ריגל.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן די רער פון איין ביקס, פון אַ צווייטער, דערנאָך זענען אויסגעוואַקסן דריי פּאַרשוין. איינער איז

געבליבן שטיין ביי דער טיר. צוויי, אַ נידעריקער און אַ העכערער, זענען אַריין אינעווייניק.

ווו איז דיין נעגער? — האָט דער נידעריקער געפרעגט.

— אין שטאָט, סער. — האָבן פון שרעק ביי דער נעגערטע גע־נומען קלאַפּן די ציין.

— ס'איז אַ ליגן, נעגערטע, — האָט דער העכערער געשיקט די ביקס אויף אַפּריער, געזוכט דעם נעגער אין בעט, אונטערן בעט, אין דעם פּיערעקיקן קאַסטן, ווו האָלץ איז געלעגן, — זאָג, ווו האָסטו אים באַהאַלטן, דעם נעגער?

— אַז איר גלויבט נישט קיין נעגערטע, אַ נעגערטע איז נישט באַגלייבט. — איז ס'קול ביי פּרעדס מאַמע געוואָרן דין, זיך פאַרגאַנ־גען אין אַ געוויין. — אומזיסט אייער זוכן. מיין מאַן איז נעכטן אַוועק אין שטאָט אַריין און איז נאָך נישט קריק געקומען.

— וואָס טוט ער אַזוי לאַנג אין שטאָט, דער מאַן דיינער? ער באַהאַלט זיך אוים? מיר ווייסן, ס'איז מער קיין סוד נישט, אַז דיין מאַן האָט דערהרגעט דעם פאַרמער סמיט.

— נישט מיין מאַן. גאָט איז אַן עדות, אַז נישט מיין מאַן!

— ווער דען?

— כ'ווייס נישט, סער.

— וואָס רעדסטו אַזוי לאַנג מיט דער פאַרשאָלטענער? — האָט דער נידעריקער פאַרשוין אַ זאָג געטאָן צום העכערן — פאַרוואַרף איר אַ שטריק אויפן האַלז, וועט זי שוין אַלץ אויסזאָגן! מיט גוטן ווערסטו פון אַ נעגערטע גאָרנישט אַרויסקריגן!

פון די קולות האָט זיך די דריי־יאָריקע קיטי אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך געריבן די אויגן און אירע צוויי צעפּלעך האָבן זיך אַוועק־געשטעלט אין מיטן קאָפּ, ווי הערנערלעך. די צוויי־יאָריקע דייזי האָט זיך אויך איבערגעוואָרפן און ביידע קינדער האָבן זיך געריסן צו דער מוטער, געוויינט:

— מאַ—אַ!

— מען דאַרף אַ זוך טאָן אויפן הויף. — האָט דער העכערער אַ זאָג געטאָן.

— נעם זי מיט, די צויג.

— נו, נעגערטע, געגאַנגען! — האָט דער נידעריקער געוויזן אויף דער אָפענער טיר.

די נעגערטע האָט אַ כאַפּ געטאָן די צוויי־יאָריקע דייזי, וואָס איז געזעסן אין בעט און האָט געוויינט. קיטי האָט איינגעגראָבן ס׳קעפּל צווישן דער מוטערס פיס, געכליפּעט:

— גיי גישט, מאַמע, גיי נישט!

פרעד, מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, מיט פאַרקוועטשטע ליפּן, האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן, וואָס זענען אים געשטאַנען אין האַלז. ווען גאָט הערט זיך צו אים איצט צו, מאַכט אים פּאַר אַ „ספּוק״, וואָלט ער מיטן טאַטנס גאָלמעסער איבערגעשניטן די דריי ווייסע בעסטיעס די העלזער.

— ס׳קליינוואַרג לאָז איבער אין שטוב, — האָט דער העכערער אַ נעם געטאָן די נעגערטע פאַר אַ האַנט, — קום, וועסט אונז ווייזן ווו דיין מאַן באַהאַלט זיך!

— כ׳ווייס נישט, כ׳שווער ביי גאָט, אַז כ׳ווייס נישט. — און איידער די נעגערטע האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן די ווייסע צו די פיס, איז זי שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, און אירע ווערטער זענען געקומען פון הויף:

— שטיל איין די קינדער, פרעד!

פרעד איז צוגעוואַקסן צו אַ שטיקל שויב, נישט געהערט ווי די קינדער וויינען. ער האָט געזען ווי די פרעמדע שרייען אויף דער מוטער, שיקן זי אויף אַפריער, זוכן אין די שטאַלן, אינעם באַרג מיסט. דער הונט רייסט זיך פון דער קייט מיט אַ בילעריי, שרייט־איבער דעם אויטאָמאָביל־מאָטאָר, וואָס סאָפּעט די גאַנצע צייט. פרעד האָט פעסט געהאַלטן דעם פאָטערס גאָלמעסער, שטיל געמורמלט:

— פרינץ, פרינץ, צערייס די ווייסע בעסטיעס! צערייס זיי!

דער נידעריקער פאַרשווין האָט אַן עפן געטאָן דעם חזיר־שטאַל, אַריינגעשטופּט די נעגערטע און אַרויפגעלייגט אויף דער טיר אַ שלאָס. אַלע דריי זענען אַריין אין דעם אויטאָמאָביל און פאַרשוווּנדן.

פרעד איז אַרויס פון שטוב, אָפּגעלאָזט דעם הונט פון דער קייט און ביידע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום שטאַל:

— מאַ! מאַ—מע!

— וואָס, זונדעלע?

— זיי האָבן דיר עפּעס געטאָן?

— ניין, קינד מיינס.

— וואַרט, מאַמע, כ'וועל נאָר אָפּרייסן אַ ברעט, וועסטו אַרויס.

פערד האָט זיך לאַנג געפּאָרעט. ער האָט געקלאַפּט מיט אַ האַמער, געריסן מיט אַ צוואַנג, און אַז ס'ברעט האָט נאָכגעלאָזט, איז פריער אַרויס אַן אויסגעשמירטער חזיר, דערנאָך די מוטער. אַ פאַר־וויינטע האָט די מוטער אַ כאַפּ געטאָן פערדן, אים שטיל אַ זאָג געטאָן: „גיי זאָג דעם טאַטן, אַז זיי זענען שוין אַוועק" — און אַליין האָט זי מיטן הונט זיך גענומען יאָגן נאָכן חזיר, וואָס איז אַרויס פון הויף.

1928

# אָנשטענדיקע מענטשן

ביי דעמביצן אין זומער-האָטעל זענען סוף שבת געווען זיבן געסט. צוויי מיידלעך פון איין הייך, די פּאות צוגעשוירן, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט פּעקלעך סיגאַרעטס, ווי איבערגעוואַקסענע בחורימלעך. אַ ווייבל מיט קוועקזילבער אין די פיס האָט דעם ערשטן טאָג, ווי זי איז נאָר אַריבערגעקומען, זיך געביטן מיט די פינגערלעך. זי האָט אָנגעטאָן אַ מענערישן סיגנעט, וואָס דערמאָנט אָן כּישוף. און איר פינגערל, מיט אַ ליכטיקן אָפּאַל, האָט אָנגעטאָן דער אַגענט פון אויטאָמאָבילן — אַ פּאַרשוין מיט מאַניקירטע נעגל און מיט שטיקלעך וואָנסן אויף דער אייבערשטער ליפּ. געווען איז אויך אַן אינשורענס-אַגענט (אַזוי האָט ער זיך יעדן איינעם פאָרגעשטעלט), אַ מאַן מיט אַן אָפּן, ליכטיק פּנים, אַ צוגעלאָזענער, וואָס איז שעהן געזעסן אויף איין אָרט. און אַז ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, האָבן זיך אַלע געחידושט, וואָס זיין לינקער פוס איז קורצער פונעם רעכטן. און כאָטש ער האָט געוווסט, אַז מען גלייבט אים נישט, האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן זיין ברייטער ניו-יאָרקער באַקאַנטשאַפט, דערציילט וואָסערע טובות ער האָט מענטשן געטאָן ביי דעם ריכטער, ביי יענעם ריכטער, אַפילו ביים פּאָליס-קאָמישאָנער אַליין. אַרום אים האָבן זיך געדרייט צוויי יינגען, — נישט קיין הויכע, שווייגנדיקע מיט ווילדע אויגן, וואָס ס'איז גענוג זייערס אַ בליק, מילך זאָל גערונען ווערן.ביידע זענען געווען אָנגעטאָן אין געפּאַסטע רעקלעך, פאַרשפּיליעט אויפן איינציקן קנעפּל. ביידע האָבן געטראָגן האַרטע קאַפּעלושן, ווי קעסעלעך, און געקוקט מיט ביטול אויף פרויען, וואָס רויכערן, וואָס פּוצן זיך צו מענער.

ביז מיטאָג איז דער אינשורענס-אַגענט געזעסן איבער זעקס

ניו־יאָרקער מאַרגנצייטונגען, וואָס די צוויי יינגען האָבן געבראַכט אין זייער אייגענעם אויטאָמאָביל פון נאָענטסטן שטעטל. מיט גרויס הנאה האָט ער געלייענט און איבערגעלייענט אויפן קול, ווי די ניו־יאָרקער פּאָליציי יאָגט זיך נאָך „פּינקי־לואי״, דעם אָנפירער פון יידישן „גענג״ אויף דער איסט־סייד.

— איז וואָס, דזשעק, — האָט דער אינשורענס־אַגענט אַ שמייכל געטאָן צו אַ יינג, — ביסט אַ בעלן צו פאַרדינען אַ טויזנט דאָלער?

— שפּיל מיר נאָר צו. — איז דאָס קליינע פּנים ביי דזשעקן ווייסער געוואָרן.

— שטעל צו „פּינקי־לואין״ אַ לעבעדיקן, קריגסטו פון דער פּאָליציי טויזנט דאָלער.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָבן אַלע פאַרריסן צו דער סטעליע די מיילער, געלאַכט מיט אַ קנאַל, גלייך מען וואָלט איפגעפּראָפּקעוועט פלעשער.

אין יינג נאָכן צווייטן האָבן אַריינגעשטעקט די קעפּ אין דער צייטונג, געוואָלט וויסן, צי דאָס שטיקל נייעס איז אמת, און זיך אויף דאָס ניי צעלאַכט. דערנאָך האָבן זיי זיך לאַנג צוזאַמענגערעדט דורכן טעלעפאָן מיט ניו־יאָרק. געשטאַנען זענען זיי איינער הינטערן אַנדערן. די „קעסעלעך״ פאַררוקט אויף אַן אויער, די רעכטע הענט אין די הויזנקעשענעס און די רעקלעך פאַרשפּילעט. אַזוי איז דורך דער ערשטער האַלבער טאָג.

נאָכמיטאָג איז דער עולם אַריין אין זאַל, זיך אַריינגעזעצט אין ווייכע געבעטע שטולן, אין נאָך ווייכערע קאַנאַפּקעס. אַ חזן האָט זיך געציקלט אויף דער ראַדיאָ און אין די שויבן פון די פאַרמאַכטע פענצטער האָט אַ רעגן שוין באַלד אַ מעת־לעת געשאָטן אַרבעס.

דער אויטאָמאָביל־אַגענט האָט גענומען דרייען די ראַדיאָ, אָנגעטראָפן אויף דזשעז און אַן אויפגעלייגטער זיך אַ לאָז געטאָן צום ווייבל:

— קומט, מיסעס קרעל!

ביידע האָבן זיך לייכט געטראָגן איבערן האָריקן טעפּיך. מיטאַמאָל האָט מיסעס קרעל זיך גענומען טראָגן אויף צוריק. די שפּיצן פון איר קלייד האָבן זיך געווינטלט, אויסגעשניטן פיגורן, געדופן דעם

אַגענט, וואָס האָט געשטעלט זיינע פּיס פּאַרשייט, געגאַנגען מיט לייב און לעבן אויפן ווייבל.

די צוויי מיידלעך, מיט סיגאַרעטלעך אין מויל, זענען נישט איינגעזעסן, זיך געהויבן אויף די שטולן, געשאַרט צום טאַקט מיט די דינע פּיס.

— ווער וויל טאַנצן? — האָט איינע סתם אַ זאָג געטאָן און גע־קוקט אויף די יינגען אין די שטייפע „קעסעלעך".

— חברה, — האָט דער אינשורענס־אַגענט אַ ווונק געטאָן צו די יינגען, — וואָס טאַנצט איר נישט?

— נישט מיט קיין „מילך־קאַן". — האָט דזשעק צונויפגעדריקט די דינע ליפּן, און פון די מויל־ווינקלען איז אַרויס אַ שמייכל, זיך צעלייגט פון אויער צו אויער.

— כ'האָב אויך נישט ליב קיין מיידלעך, וואָס רויכערן. — האָט פיליפ אַ צי געטאָן דאָס געפּאַסטע רעקל, אַ הייב געטאָן דעם שטערן, אַז דאָס „קעסעלע" האָט דריי מאָל אונטערגעטאַנצט אויפן שאַרבן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן רעכטן אויער. — אָרנטלעכע מיידלעך רוי־כערן נישט.

— אויב אַזוי, זענען היינט קיין אָרנטלעכע מיידלעך נישטאָ. — האָבן ביידע מיידלעך אַ זאָג געטאָן.

— אונזערע ליידיס רויכערן נישט. — האָט דזשעק געענטפערט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט עמיצן אַ טובה געטאָן.

— מיר זענען דאָך אָבער קיין ליידיס נישט. — האָבן די מייד־לעך זיך איבערגעקוקט און אַ שפּריץ געטאָן מיט געלעכטער.

— זאָגט עס נאָכאַמאָל! — האָט ביי דזשעקן צווישן די אויגן זיך אַוועקגעשטעלט דער נישט־גוטער און די נאָז־פליגל האָבן אָנגע־הויבן סאָפּען.

אָן אַ זייט, די הענט פּאַרלייגט, איז געשטאַנען דער קעלנער און האָט זיך צוגעהערט, וואָס קלוגע מענטשן רעדן. דזשעק האָט גע־וואָלט אויסלאָזן צום קעלנער דעם כּעס און אים אַ פרעג געטאָן:

— הערי, פאַראַן עפּעס צו טרינקען?

— ביר, לימאָנאַד, אינגבער־וואַסער. — האָט הערי פון אויסנווי־ניק אָפּגעזאָגט דעם פּיזמון.

— צו טרינקען, מיין איך, צ ו ט ר י נ ק ע ן, נישט קיין פּאָמאָיעס!

— פּאָמאָיעס גיבן מיר אַפילו די בהמות אויך נישט. — האָט הערי זיך געשמאָלצן, וואָס ער קען אַריינזאָגן.

— ביסטו דאָך, הערי, אַ קלוגער יינג?

— „שור” בין איך!

— טאָ גיי און פרעג צי מען קען קריגן אַ פלעשל ווייַן, נאָר גוטן.

— איר זענט גאָרנישט קיין דזשענטלמאַן, דזשעק. — איז מיסעס קרעל געשטאַנען איבערן יינג מיט אירע ליכטיקע אויגן, מיט די פּער-פומען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון איר, מיט די שפּיצן, וואָס האָבן זיך געצינגלט, געווינטלט, אָפּגעדעקט אירע פיס. — אַזוי רעדט מען צו אַ ליידי?

— גערעכט, מיסעס קרעל איז גערעכט. — האָט דער אויטאָמאָ-ביל-אַגענט געדרייט דאָס פינגערל מיטן אָפּאַל.

דער שווייגנדיקער דזשעק איז געבליבן אָן לשון. ער האָט זיך נישט גערעכט, אַז מיסעס קרעל זאָל אויף אים אָנלויפן אַזוי מיטאַמאָל, פאַרגיסן אים דעם מוח מיט פאַרפומען, רייסן פון אים שטיקער מיט די אויגן, אַז דאָס געפּאַסטע רעקל איז אויף אים ענג געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן חבר, אויף פילען, געוווסט, אַז פיליפ איז פּונקט אַזאַ שטומע חיה ווי ער, שטייט און די אויגן ווערן ביי אים פינצ-טערער. און דאָ הייבט זיך איבער אים דער לאָקש מיטן פינגערל, האָט אויך טענות, אַ דזשענטלמאַן, אַ קלאָג אויף אים!

דזשעק האָט אָפּגעאָטעמט. אָט רעדט מען שוין פאַר אים, גע-לאַסן, מיט אַ שמייכל, וואָס איז מבטל. אַזוי רעדט ער שטענדיק, פאַרלירט זיך נישט פאַר קיין ריכטער, אַפילו נישט פאַרן פּאָליס-קאָ-מישאָנער. ער, דזשעק, וואָלט פאַר אים געגאַנגען אין פייער אַריין!

— ווען מיין ווייב בייט זיך מיטן ערשטן בעסטן קאַוואַליער מיט די פינגערלעך, אַפילו אויף אַ שפּאַס, — האָט דער אינשורענס-אַגענט אַ זאָג געטאָן צו מיסעס קרעל, — וואָלט זי מער מיין ווייב נישט געווען און דער קאַוואַליער וואָלט שוין פאַרשפּאָרט אויפצוקלויבן זיינע אייגענע בעבעכעס.

— נאָך גוט וואָס כ'בין נישט אייער ווייב. — האָט מיסעס קרעל

געוואָלט אַ לאַך טאָן. דערזען ווי איר קאַוואַליער מיט אַן אויסגעלאָפן פּנים, אָן מראה, רוקט זיך צוריק, איז איר געלעכטער געבליבן שטעקן אין האַלז.

— איר מעגט עס זאָגן נאָכאַמאָל, — האָט דער אינשורענס-אַגענט גערעדט רויק, — אַזוינע ווייבלעך ווי איר, מיסעס קרעל, און אַזעלכע „מילך-קאַנען", — האָט ער געוויזן אויף די מיידלעך, — צע-שטערן ס'פאַמיליע-לעבן. וואָס, וואָס, וואָס, נאָר ס'פאַמיליע-לעבן דאַרף זיין הייליק! האָב איך צוויי דערוואַקסענע טעכטער, וועלן זיי נישט אַנטקעגן רעדן טאַטע-מאַמע, וועלן זיך נישט אומשלעפן אַליין איבער האָטעלן, נאָר גיין יעדן שבת מיט דער מוטער אין טעמפּל אַריין לערנען זיך יידישקייט ביים ראַבינער.

אין דער טיר איז געשטאַנען דער באַלעבאָס אין אַ רעגנמאַנטל, אין גומענע שטיוול. די שוואַרצע אַרומגעשוירענע וואָנסן זענען גע-ווען שיטער. די אויגן, פייכטע פון רעגן, האָבן געהאַט אַ בשורה:

— ווייסט איר כאָטש, אַז „פּינקי-לואי" געפינט זיך אין אונזער געגנט?

— ווער האָט עס אייך געזאָגט? — האָט דער אינשורענס-אַגענט געפרעגט מיטן זעלבן שמייכל.

— אַ דעטעקטיוו. זיי גייען פון האָטעל צו האָטעל. אָט קומען דאָ אויך אַריין צוויי.

קיינער האָט נישט באַמערקט ווי פיליפּ האָט זיך אַרויסגע-שאַרט פון שטוב, גענומען אַנדרייען מיט אַ „קאָלבע" דעם אויטאָמאָ-ביל, ביז דער מאָטאָר האָט גענומען סאָפּען.

— זיי קומען מיט די טויזנט דאָלער? — האָט דער אינשורענס-אַגענט זיך אויפגעשטעלט.

— אַז זיי כאַפּן אים, דעם גענגסטער, קריגן זיי ס'געלט. — האָט דער באַלעבאָס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל.

— זיי וועלן שוין מער מזל האָבן אויף „פערדלעך"! זאָגט זיי, דעמביצער, זיי זאָלן בעסער שפּילן אויף פערדלעך. — האָט דער אינ-שורענס-אַגענט זיך אויפגעשטעלט.

— אָט קומען זיי!

צוויי דעטעקטיווס האָבן צעקנעפּלט די נאַסע רעגנמאַנטלען

געווישט די אויגן. דזשעק און פיליפ מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן זענען אויסגעוואַקסן איבער די דעטעקטיווס, און איידער דער עולם האָט זיך געכאַפּט, זיך אויסגעשטעלט ביי אַ וואַנט, ווי דער אינשורענס-אַגענט האָט געהייסן, האָבן פיליפ און דזשעק אָנגעטאָן אויף די דעטעקטיווס אויפגעהויבענע הענט-קייטעלעך.

— שאַ, שטיל, קיין פּיפּס נישט, נישט אייך מיינט מען. — האָט דער אינשורענס-אַגענט צוגעהינקט, באַרויקט מיטן רעוואָלווער מיסעס קרעל, די מיידלעך, און אַ זאָג געטאָן צום באַלעבאָס פון האָטעל: — אַ לעבעדיקע „מוווי”, האַ? אַ לעבעדיקע מוווי!

דאָס סאָפּען פונעם מאָטאָר איז געוואָרן שטאַרקער, אַריבערגעשריען דאָס פּאַטשן פונעם רעגן אין די שויבן.

1928

# אַ שטרייק

די בריטע, פאַרשמירטע פענצטער האָבן זיך געעפנט, זיך גע־הויבן מיט אַ סקריפּ אויף די קייטן און דער פרימאָרגן, אַ קילער, אַ שטייפער, האָט זיך געריסן פון בראָדווײ, אויסגעלופטערט די ויערע ריחות פון שייד־וואַסער, פון פאַרזשאַווערטן מעטאַל, וואָס האָבן געקרעלט אין האַלז, אין די אויגן, זיך געדרויכערט איבער די קליינע וואַרשטאַטן, וואָס זענען געווען צוגעדעקט מיט ווייסע כאַלאַטן, ווי די הרוגים.

לייבל באַטשי, אַן אונגאַרישער ייד, וואָס האָט שוין צען יאָר צוגעקערט מאַדאַם באָליוועס זייגער־פאַבריק, געגאַנגען אַ שליחות, האָט זיך נישט געקענט צוגעוויינען צו די פאַרדימפּעצטע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער אָפּטיילונג, ווו מען האָט געזילבערט און געגילדט קאָפּערטס. ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, געסאָפּעט מיט דער נאָז, מיטן קורצן האַלז, גלייך ווי ער וואָלט געליטן פון אַסטמע. ער האָט זיך געטראָגן פון איין פענצטער צום צווייטן, זיי אויפגעפּראַלט און זיך שטענדיק געחידושט, ווי אַמעריקאַנער יונגעלייט און מיידלעך, מיט אַ שפּראַך אין מויל, מיט אַ פּעדער אין האַנט, שטייען גאַנצע טעג ביי די קעסלען, ווי אין אַ שוויץ־באָד, פאַר פופצן דאָלער אַ וואָך.

ער האָט געשטויבט די וואַרשטאַטן, די בענקלעך, זיך געטראָגן מיטן בעזים איבער דער פאַבריק מיט אַזאַ רחבות, ווי ער, לייבל, וואָלט דאָ געווען באַלעבאָס. ער האָט נישט בלויז געקענט די הונדערט און דריי זייגערמאַכערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק. ער האָט זיך אויך געחברט מיט זיי, זיך דורכגערעדט מיט די שווייצאַרישע פראַנצויזן, מיט די דייטשן, מיט די סלאַוון, מיט די

פוילישע יידן, מיט יעדן אויף זיין לשון. ער האָט כמעט מיט יעדן פון די אַרבעטער געגעסן אַן אונגאַריש מעל-שפּייז, געטרונקען אַ „שפּריצע" (סאָדע-וואַסער מיט וויין) און בשעת-מעשה געשנאַפּט און נאָכגעשפּירט צי מען קומט זיך נישט צונויף, צי מען פּלאַנט נישט אַמאָל אַ זייגערמאַכער-יוניאָן. יעדעס וואָרט, יעדן הויך האָט ער אונ-טערגעטראָגן דער מאַדאַם באָליווע, געעצהט, אַז וואָס מער פעלקער עס וועלן זיין אין דער פאַבריק, אַלץ ווייניקער וועלן זיי זיך בונטעווען. און די מאַדאַם האָט אים געפאָלגט, געזען, אַז אין „סיזען" זאָלן ביי איר אַרבעטן אַ צען פעלקער.

אַרום די וואַרשטאַטן זענען אויסגעוואַקסן אַרבעטער. איינצלנע, צו דריי, צו פינף. אויף גיך האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די מאַנטלען, די רעק, זענען אַריינגעקראָכן אין די ווייסע כאַלאַטן, ווי דאָקטוירים. די אַרבעטער זענען געזעסן און האָבן זיך גרופּירט לויט די פעלקער, — פראַנצויזן, דייטשן, יידן, — און אין דער לאַנגער פאַבריק מיט אַזוי פיל פענצטער האָבן אָפּגעהילכט פאַרשידענע לשונות.

— וויפל זייגערלעך האָסטו נעכטן מיטגענומען אַהיים?

— און דו?

איין אַרבעטער האָט זיך געהיט פאַרן צווייטן, געהאַט חשבונות מיטן פאָרמאַן, וואָס האָט זיי מיטגעגעבן זייגערלעך אַהיים צונויפצו-שטעלן. מען האָט צעלייגט די סחורה אויף טאַצן און טעצלעך, נאָכ-געזען צי די זייגערלעך גייען.

לייבל, מעשה באַלעבאָס, איז אונטערגעקומען, זיך אָנגעשפּאַרט אָן בעזים און אַ זאָג געטאָן אין דריי לשונות מיטאַמאָל:

— היינט ביינאַכט, חברה, וועט זיין וואָס צו „שיסן"!

דער עולם, וואָס איז געזעסן אַרום די וואַרשטאַטן, האָט אַ הייב-געטאָן די קעפּ, זיך געהאַלטן אין איין איבערפרעגן:

— וואָס, אָנגעקומען פרישע סחורה?

— איבער צען-טויזנט געווערקלעך איז אָנגעקומען פון דער שווייץ. — האָבן די שטייפע אונטערגעשוירענע וואָנצן זיך גענאָדלט ביי לייבלען און דאָס פנים האָט געלויכטן.

— היינט מוז איך אַהיימנעמען אַ הונדערט און פופציק שטיק.

— האָט זיך איינער אָנגערופן.

— און איך צוויי הונדערט! — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.
— אַז דער פּאַרמאַן וועט געבן!
— וואָס דען וועט ער טאָן מיט די זייגערלעך? זיי איינמאַרינירן?
— און דו מיינסט ס׳איז אַ דוחק אין „הענט" אין אַמעריקע?
— דער פּאַרמאַן איז אַ הונט!
— ער האָט פּיינט יידן!
— די דייטשן, די פראַנצויזן שלעפּן דאָך יעדן טאָג אַהיים צו צוויי הונדערט זייגערלעך און מיר טוט ער אַ טובה, ווען ער גיט מיר הונדערט!
— איך קלאָג זיך נישט, — האָט אַן אונגאַרישער ייד, לייבלס אַ חבר פון איין שטאָט, זיך אָנגערופן, — עס זאָל אַזוי אָנהאַלטן וועלן מיר מיט גאָטס הילף אָפּשוימען אַ מטבע! בין איך גערעכט, לייאָש באַטשי? — און ער האָט גענומען רעדן צו לייבלען אונגאַריש.
— דו אונגאַרישער גולאַש, וויפל האָסטו דאָס געמאַכט לעצטע וואָך, וואָס דו ביסט אַזוי פריילעך?
— איך? מיין נאָמען איז נישט וואָלף, אויב כ׳האָב נישט געמאַכט איבער פופציק דאָלער!
— ביסטו דאָך אַ פּושער, וואָלף, — האָט דער עולם זיך צעלאַכט, — איך האָב געמאַכט איבער הונדערט פינף-און-צוואַנציק.
— און דער געשטופלטער פראַנצויז האָט אַהיימגעשלעפּט איבער צוויי הונדערט דאָלער!
— אויך מיר אַרבעטער! אַ קלאָג אויף אייך! — האָט אַ ברייט-ביייניקער יינג זיך אַ שטעל געטאָן, — אַז איר אַרבעט הונדערט שעה אַ וואָך, אַז איר אַרבעט צוויי וואָכן פאַר איינער, ווען אין גאַס דרייען זיך אַרום „הענט"...
— קוק אים נאָר אָן דעם „רויטן", — האָט עמיצער אַריינגעוואָרפן, — קוק אים נאָר אָן, דעם „לינקן", אַז ס׳האַרץ טוט דיר ווי פאַר די „הענט", וואָס דרייען זיך אַרום ליידיק, פאַרוואָס טיילסטו זיך נישט מיט זיי, גיסט זיי נישט אַוועק אַ האַלבע „פיידי", צי אַ האַלבע וואָך אַרבעט?
— און ווי לאַנג מיינסטו, סאָציאַליסט מיינער, וועט נאָך אָנהאַלטן די „ביזי"? — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן, — הלוואַי דריי וואָכן!

— איר זענט אַליין שולדיק, — האָט דער ברייט-ביניקער ייִנג מיט ביטול צוריקגעוואָרפן אַלע טענות, — מען אָרגאַניזירט אַ יוניאָן.

— וועט איר איצט קייען די ערד, ווי די שניידערס און שוס-טערס קייען. — האָט לײבל אָוועקגעשטעלט דעם בעזים, ווי אַ ביקס.

— ביסט נישט געדעכט, לייאָש באַטשי. — האָט אַ צעוואַקסענער שווייצאַר זיך אָנגערופן און גערעדט האָט ער אַ דייטש, ווי אַ דאָרפס-מאַן יידיש. — אַן אַרבעטער אָן אַ יוניאָן איז ווי אַ פיש אָן וואַסער!

— ער איז גערעכט!

— אַ יאָר אויף מיר, ווי גערעכט ער איז!

— און ווייסטו, לייאָש, — האָט דער שווייצאַר ווייטער גערעדט, — פאַרוואָס מיר האָבן אַזאַ קורצן „סיזאָן"? ווייל ווען אַ שניידער-„באָס" שטעלט זיך צען פּראָצענט פאַרדינסט, פאַרדינט מען ביי זיי-גערלעך פינף-און-צוואָנציק פּראָצענט און נאָך מער!

— וואָס וועט דאָ העלפן אַ יוניאָן, זע איך נישט. — האָט לײבל זיך געקליבן אָוועקצולייגן אַ דרשה.

— ס'וועט העלפן!

—ס'וועט העלפן! — האָט מען לײבלען איבערגעהאַקט די רייד.

— ביי אַ גוטער יוניאָן וואָלטן די שעהן געוואָרן קירצער, די פּרייזן וואָלטן זיך געהויבן און מען וואָלט זיך נישט געוואָרפן מיטן אַרבעטער, ווי מען וואַרפט זיך היינט. — האָט דער ברייט-ביניקער ייִנג זיך אַרויסגערוקט.

בשעת דער עולם האָט זיך צוגעהערט ווי מען רעדט וועגן אַ יוניאָן, און אין תּוך האָט יעדער איינער איינגעשטימט, האָט אַ שמאָ-לער חברהמאַן זיך אונטערגעגנבעט צום וואַרשטאַט, וווּ די פּראַנצויזן זענען געזעסן, און ער האָט איבערגעציילט אויף אַ טאַץ צוויי הונדערט זייגערלעך.

— נו, דאַרף מען אַ יוניאָן? — האָט דער שמאָלער אַרבעטער געוויזן אויף דער טאַץ, — מיר האָט מען קוים געגעבן פינף-און-זיבעציק זייגערלעך, דעם אונגאַר, וואָלפן, קיין איין זייגערל נישט און דעם פּראַנצויז, וואָס חברט זיך מיטן פאָרמאַן, גאַנצע צוויי הונדערט שטיק! ווו איז דער יושר?

— נישט דיין זאָרג! — האָט דער פראַנצויז זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש.

— ס'איז יאָ מיין זאָרג!

— און הער, מיסטער „רוס", אַז דו וועסט נאָכאַמאָל קריכן צו מיין וואַרשטאַט, וועסטו שלעכט אָפּשניידן! — זענען די טונקעלע אויגן ביי דעם פראַנצויז פינצטער געוואָרן.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען! — האָט דער שמאָלער חברהמאַן, אַ בלאַסער, זיך גערוקט צו די יידן.

— וואָסערע געוואַלדן? — איז אָנגעקומען דער פּאָרמאַן, אַ הויכער שווייצאַר מיט גרויע לאַכעדיקע אויגן. — לייאָש, די „רוסן" ווילן שוין ווידער אַ יוניאָן?

— וואָס זיי ווילן אַלץ! — האָט לייבל אַוועקגעשטעלט דעם בעזים ביי דער טיר און אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ בעזעמל פון פעדערן.

אָן פּאָרמאַן, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן „ביזי", האָט דער עולם דערקענט, אַז די אייגנטימערין, מאַדאַם באָליווע, איז שוין דאָ.

די אַרבעטער האָבן זיך צעשטעלט ביי די טישן, אָנגעטאָן אויף די שטערנס די שפּרינגפעדערס מיט די אויג־גלעזלעך, וואָס זענען געווען איינגעפּאַסט אין שוואַרצע לופּן. די ווייסע כאַלאַטן, די שוואַרצע לופּן, די לאַנגע ווענט מיט פענצטער, אַלץ האָט אויסגעזען ביים ערשטן אַריינקומען אויסטערליש, ווי נישט קיין זייגערמאַכערס וואָלטן דאָ געזעסן, נאָר שטערנקוקערס.

— אָט גייט זי, די פּרימאַדאָנע. — האָט עמיצער אין דער שטיל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

איבער דער פאַבריק איז דורך אַ ציטער. די הונדערט און דריי אַרבעטער האָבן גענומען רוקן די אויגן־גלעזלעך און עס איז געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט ציילן דעם טיק־טאַק פון די געווערקלעך.

— זי האָט גאָר קיין יידישן אויסזען נישט. — האָט איינער איינגערוימט דעם צווייטן.

— זי איז דען אַ יידישע? זי איז דאָך אַ דייטשקע!

— און דערצו נאָך אַ „קעטאָליק". — האָט אַ שווייצער זיך אַריינגעמישט.

— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס די כּלבטע איז אַזאַ שונא־ישראל!

מאַדאַם באָליווע, אין די פּערציקער, האָט זיך געטראָגן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, געלאָזט נאָך זיך דעם ריח פון איידעלן אויסגע־וועפּטן פּערפום. נאָך איר האָט געשפּרייזט דער פאָרמאַן, נאָך דעם פאָרמאַן — לייבל מיטן פעדער־בעזימל.

די אַרבעטער האָבן פאַרגעסן אָן דער יוניאָן. פאַרגעסן, אַז מען דאַרף צעטיילן די אַרבעט אויף גלייך. יעדער האָט געחלומט צו גע־פינען ביי מאַדאַם באָליווע אין די אויגן לייטזעליקייט, געהאָפט, זי זאָל זיך אָפּשטעלן ביי זיין וואַרשטאַט.

זי האָט זיך ביי קיינעם נישט אָפּגעשטעלט, און אַז זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט זי אַ הייב געטאָן אַ פינגער צו לייבלען, אים מיטגענומען צו זיך אין אָפּיס. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין דרייען אַ געבויגענער און זיין גאַנץ געשטעל האָט אָן ווערטער געפרעגט:

— וואָס, מאַדאַם?

דאָ אין אָפּיס איז די שטרענגקייט אַראָפּ פון מאַדאַם באָליוועס פּנים. זי האָט זיך כּלומרשט אַ בייזער געטאָן און איז איבערגעגאַנגען האַלב דייטש, האַלב אונגאַריש־דייטש:

— לייאָש, האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז כ'האָב היינט יאָרצייט נאָך מיין זעליקער מוטער?

— טאַקע פאַרגעסן. — האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ לוח פון אַ וועסטל־קעשענע. — היינט, פיר טאָג אין שבט, איז די יאָרצייט.

— לויף אַריבער אין אַ שול און זע מען זאָל זאָגן קדיש! — האָט זי אים אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּירל אין האַנט, — נאַ, דאָ האָסטו צען דאָלער!

— ווי נעמט מען אָבער איצט אַ מנין, מאַדאַם? די שולן זע־נען שוין פאַרמאַכט!

— לייאָש, הערסט, כ'וויל פון קיין זאַך נישט וויסן, — איז ביי

מאַדאַם באָליווע ס׳גוייִשע פּנים פול געוואָרן מיט יידישער זאָרג, — דו מוזט קריגן אַ מנין!

— ס׳איז פאַראַן איין וועג.

— וואָס פאַר אַ וועג?

— אַריינגעמען אַהער אין אָפּיס די עלטערע יידישע אַרבעטער און מאַכן אַ מנין,

— לאָז זיין אַזוי!

אין דער פאַבריק האָט די נייעס אַרויסגערופן אַ חידוש. סיי ביי די יידן, סיי ביי די גויים איז מאַדאַם באָליוועס חשיבות געמיינערט געוואָרן.

— גייט נישט, חברה, — האָט דער ברייט-ביינִיקער יינג אַגיטירט,

— זי וועט אייך מאָרגן שיקן תהילים זאָגן אויך! זאָל זי מאַכן אַ מנין מיט אירע פראַנצויזן און דייטשן!

— הערט אייך נישט צו צו דעם סאָציאַליסט!

— אַז אַזאַ מאַדאַם האַלט פון קדיש איז גאַנץ שיין!

לייבל האָט אויסגעקליבן ניין פאַרשוין. און אַז דער מנין איז זיך צונויפגעקומען אין אָפּיס און אַלע האָבן מכבד געווען דעם אונגאַר, וואָלפן, ער זאָל זיך שטעלן צום עמוד, האָט ער זיך איינגעשפאַרט:

— נישט איך!

— פאַרוואָס?

— זאָגט מיר צו, אַז מ׳וועט מיר אַהיים געבן הונדערט זייגערלעך.

— בעט מער, וואָלף!

— היינט וועסטו אַלץ פועלן!

— נו, גיי שוין, גיי צום עמוד, — האָט לייבל אים אַ שלעפּ געטאָן, — עס פּאַסט פאַר אַ „פּאָלאַק”, נישט פאַר קיין „אונגאַר”.

— געדענק! — האָט זיך וואָלף געעדותט מיט די אַרבעטער, און ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין מזרח, אַ פּאַטש געטאָן מיט די ברייטע האַנטפלאַכן אין דער וואַנט, אַז די בילדער האָבן אונטערגעטאַנצט.

1929

# ווע̄לטער

אַ דראָבנער, שטעכיקער שניי, קיילעכדיק ווי פּערל-קאַשע, האָט זיך געזיפּט פון מיטאָג אָן. דער שניי האָט זיך געלייגט אויף ווייסע, גאַקעטע ביימער, אויף ליידיקע שטיקער לאַנד, אויף אַ ריי זעקסשטאָקיקע הייזער, אָן טירן, אָן פענצטער, וואָס מען האָט געהאַלטן אין מויערן.

רעכטס — דער זאָאָלאָגישער גאָרטן, לינקס — דער באָטאַנישער, און אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן — ביימער, שניי און פראָסט. מיטן אָוונט האָט דער באָטאַנישער גאָרטן אויפגעציטערט, — קראָען האָבן גענומען קראַקען, לאַנג און נודנע. דערנאָך איז דער שניי געוואָרן שיטערער, דאַכט זיך אויפגעהערט צו פאַלן, בלויז דער בייסיקער ווינט האָט צעבלאָזן דעם שניי, ווי אַ פעכער, זיך געשפּילט מיט אים — דאָ געלאָזט אַ פּריזמע, דאָרט — אַן אָפּן קברל. שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער קאַלטער הימל, אַ בלויער, איז פול געוואָרן מיט שטערן, האָט דער שניי זיך גענומען גרינען, מיטגעבראַכט דאָס פאַרבענקטע היילן פון פאַרשפּאַרטע וועלף. עס איז געווען סוף דעצעמבער.

לעבן די נישט-פאַרענדיקטע מויערן איז געשטאַנען אַ קליין הילצערן שטיבל. פון דער עטוואָס אָפענער טיר האָבן געפּלייצט וואַרעמע קנוילן ליכט, זיך געקייקלט איבערן שניי, ווי גאָלדיקע מאַראַנצן. דאָס האָבן קוילן געפלאַמט מיט אַ „בלעבלעריי” אין אַן אָפּגעדעקטן אייוועלע, איבערגעטראָגן פון דעם בעטל אויף דער ווייסער וואַנט דעם נאַכט-היטערס צעפּאַטלטן קאָפּ.

די טיר האָט זיך געעפנט. אויף אַפּריער איז אַריין פרינץ — אַ האָריקער, אַ טונקל-רויטער, מיט אַ קלוגער, לענגלעכער מאָרדע. נאָך

אים דער באַלעבאָס, — דער וועכטער פרענק, — אַן איבערגעוואַקסענער דייטש. פרענק האָט אַוועקגעשטעלט צוויי בלעכענע עמערס קוילן און זיך גענומען פאָרעןביים אויוון. דער וועכטער, וואָס איז געלעגן אויפן בעטל, האָט זיך אויפגעזעצט:

— ביסט נאָך נישט געגאַנגען, פרענק? — גיי שוין, גיי, ס'איז דאָך ביי דיר קריסמעס! מערי וואַרט דאָך אויף דיר!

— מיר וועלן פריער אויסטרינקען. — האָט פרענק שוין אַן אויפגערוימטער אַרויסגעשלעפט פון אַ בוזים-קעשענע אַ פלאַטשיק פלעשל שנאַפס און עס דערלאַנגט דעם חבר. — נאַ, מענדל, טרינק!

דאָס פלעשל האָט שפּאַצירט פון מענדלען צו פרענקן, פון פרענקן צו מענדלען. און אַז ביידע האָבן אָרנטלעך אַריינגעזופט, גענומען פאַרבייסן מיט טרוקענעם קעז, האָט פרענק זיך צערעדט אויף אַ גוייִשן יידיש:

— פרום בין איך נישט, קאַמעראַד מענדל, אין קירך גיי איך נישט... כ'האָב שוין אין האַנאָווער נישט געגלויבט אין גאָט... כ'בין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט... מערי, מיין מערי, איז אָבער קאַטוילי̈ש... אייריש-קאַטויליש... און די איירישע זענען פאַנאַטיש... ווען נישט מערי, בלייב איך היינט, קריסמעס, דאָ אין שטעלכל מיט דיר, מענדל, מיט פרינצן... ווי קום איך אין קירך. ווען איך האָב דאָרט ניקס פאַרלוירן? ניכט וואַר, מענדל? ניכט וואַר, פרינץ? — האָט פרענק אַ גלעט געטאָן דעם הונט.

פרינץ, וואָס איז געזעסן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, געקוקט דעם באַלעבאָס אין די אויגן, איז מיטאַמאָל אויפגעשפרונגען. האָט זיך גענומען רייבן אָן פרענקס פיס, דרייען מיטן האָריקן עק און ס'שטיבל איז פול געוואָרן מיט הינטישער פרייד.

מענדל האָט זיי אַרויסבאַגלייט. און אַז ער האָט זיי צוגעפירט צום לעצטן הויז, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט אויף זיך קיין דאַך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווי כ'זע, פרענק, האָסטו מער מורא פאַר מערין, ווי פאַר גאָט.

— זאָג עס נאָכאַמאָל! — האָט פרענק זיך צעלאַכט.

מענדל האָט זיי אַ וויילע נאָכגעקוקט און גענומען צוריקגיין

איינער אַליין. אַ חיה האָט זיך צעשריען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. אַ צווייטע האָט איר געענטפערט. די שטילע נאַכט, אָן אויפגעטרייסלטע, איז פול געוואָרן מיט באַנומענע קולות. די פיס האָבן זיך געהויבן, גענומען שפּרייזן גיכער. ער איז געבליבן שטיין ביים שטיבל, האָט געקוקט צום פּאַרק-צו און זיך איינגעהערט. דערנאָך איז ער אַריין אין שטיבל און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער.

שוין פיר חדשים, ווי זיי זענען דאָ געווען זאַלבעדריט,—מענדל, פרענק און פרינץ, — האָבן ביינאַכט אַכטונג געטאָן אויף די הייזער, געהיט מען זאָל גאָרנישט צעשלעפּן, מען זאָל נישט אונטערצונדן. איז די נאַכט געווען שיין — איז אויך מערי אַרויסגעקומען. פלייצעס שמאָלע, הענט — קליינע, פיס — נאָך קלענערע. און דאָס קינדישע פּנים מיטן שמייכל אַרום די פרישע ליפּן, מיטן שמייכל אַרום די אויגן, וואָס זענען געווען אי בלוי, אי גרינלעך, אַלץ האָט פאַרזיכערט, אַז די דרייסיק-יעריקע מערי דאַרף נאָך צוואַקסן, וועט נאָך אויס-וואַקסן. דערצו האָט נאָך פרענק געהאַט אַ טבע יעדע נאַכט זיך צו פאַרקלייבן מיטן הונט אין שטיבל אַריין, ווו ער האָט געדרימלט אַ שעה, אַנדערהאַלבן. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מערי איז מיט מענדלען, וואָס זיי לאָזן שטענדיק אָפּגיין דאָס פייער, פאַרקלייבן זיך אין די פינצטערע הייזער אָן פענצטער, אָן טירן, און ער, פרענק, דאַרף זיי אַרומזוכן.

דאָס אָפּגעדעקטע פייער אין אויוון האָט געדיכטער געמאַכט דאָס פינצטערניש לעבן טיר, עס דורכגעוואָרפן מיט אַ זילבערנעם בלישטש. דער שניי האָט געסקריפּעט — טריט-טראָט, טריט-טראָט.

— ווער גייט?

מענדל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעטל. ער איז שוין גע-שטאַנען אין דרויסן, געזוכט מיט די אויגן, מיט די אויערן און קיינעם נישט געזען. די שטערן זענען, דאַכט זיך, גרעסער געוואָרן, צווישן די ביימער האָט אַ קאַלטער ווינט געאַרבעט מעשים — געפייפט, גע-וויינט, און מיטאַמאָל אָנגעטראָגן מענטשישע קולות, שטילע, גאָר שטי-לע, אַז די הויט אויף מענדלען איז ענג געוואָרן פון שרעק. ער האָט זיך לאַנג אַרומגעקוקט, זיך איינגעהערט, און פּרובירט זיך באַרויקן:

„דאָס איז דער ווינט!"

מיט אַ שווער האַרץ האָט ער זיך צוריק פאַרקליבן אויפן געלעגער. ער האָט נישט מורא געהאַט און זיך געחידושט, וואָס פינגער, קאַלטע פינגער קריכן ביי אים איבערן לייב, גענזלען די הויט. די זעלבע מורא האָט ער יינגלוויז איבערגעלעבט, ווען טאַטע-מאַמע האָבן אין ניטל פאַרקייטלט טיר און לאָדן. אויפן פעסל וואַסער, אויפן עמער וואַסער האָט מען אַוועקגעלייגט שטיקלעך אייזן, יאָסל פאַנדרעק זאָל נישט אָפּטאָן קיין כּישוף, זאָל נישט ביטער מאַכן דאָס וואַסער. און אויב אין ניטל האָט אַ דורכגייער אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט ער געקענט געפרוירן ווערן, איידער מען האָט אים אַריינגעלאָזט.

מענדל איז אַזוי געלעגן ביז אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. ער האָט געוווּסט, אַז היינט קען מען אַ דרימל טאָן. אין קריסמעס וועט קיינער נישט קומען גנבענען קיין שטיקל געהילץ. ער האָט זיך שוין געהאַט באַקוועמער אויסגעצויגן, ווי פּרינץ איז אָנגעלאָפן מיט אַ בילעריי, האָט אָנגעזאָגט, אַז ער פירט עמיצן.

אין דער טיר איז געשטאַנען מערי, אַ פאַרפּוצטע, אַ צעפלאַמטע פון פראָסט. זי האָט צעקנעפּלט דעם מאַנטל, זיך געריקט וואָס ווייטער פון אויוון. און פון רוגזה זענען ביי איר די אויגן געווען גרינע. זי האָט גערעדט און עס האָט איר פאַרפּעלט אָטעם:

— איך צעגיי זיך מיט פרענקן: קיין קינד, קיין רינד, דאַרף איך נאָך וווינען מיט אַזאַ נישט-גלייביקן דייטש, וואָס לאַכט פון גאָט, גייט אַפילו קריסמעס נישט אין זיין פּראָטעסטאַנטישער קירך? אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט, אָנגעגרייט איבער די כּוחות, ווי עס פירט זיך ביי ערלעכע קריסטן... און דאָ כ'קום אַהיים פון קלויסטער, פרענק איז טויט-שיכּור, ליגט ווי אַ חזיר און כראָפּעט! וואָס, כ'וועל זיך אַליין זעצן עסן? צי אפשר גאָר מיטן הונט, מיט פּרינצן? כ'וועל נאָך היינט אַוועק ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן...

מענדל האָט זי געהאַלטן אין באַרויקן, האָט איר אויסגעטאָן דעם מאַנטל, דעם קאַפּעלוש. ער האָט זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך, זי אַרומגענומען:

— ווּ וועסטו גיין אין אַזאַ פראָסט קער נאַכט? בלייב מיר, מערי...

זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט, געוואָלט זיין בייז און דאָס קינדישע פנים האָט געשמייכלט. פרינץ האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס. דאָס פייער פון אויוון איז געפאַלן אויף אים, רויטער געמאַכט די האָריקע פעל. ער האָט געקוקט מיט די קלוגע אויגן אויף מענדלען, געדרייט מיטן עק, ווי נישט מענדל וואָלט געזעסן מיט מערין, נאָר פרענק. מערי האָט זיך אָפּגערוקט.

— נישט היינט... נישט קריסמעס...

— פאַרוואָס?

— ווייל דו ביסט אַזאַ אומגלייביקער ווי פרענק. — האָבן די אויגן זיך ביי איר צעשפּילט.

— איך? — האָט מענדל זיך צעלאַכט.

— יאָ, דו!

— נישט נאָר אין גאָט גלייב איך, נאָר אַפילו אין נישט-גוטע. — האָט מענדל געוואָלט זי איבערצייגן. — איידער דו ביסט אָנגעקומען האָבן חיות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן זיך אַזוי צעשריען, אַז כ'האָב נישט געוווּסט ווּ זיך אַהינצוטאָן פון שרעק.

— ווייל דו ביסט אַ ייד. — האָט מערי געשמייכלט. — אין דער נאַכט פון קריסמעס שאַרן זיך נישט-גוטע בלויז צו יידן און אומגלייביקע. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ווערן אַ קאַטאָליק, מענדל, בלייב איך מיט דיר אויף שטענדיק.

— כ'בין אַ שלעכטער ייד, וועל איך נאָך זיין אַן ערגערער קאַטאָליק. — האָט מענדל אַ בייג געטאָן צו זיך מעריס קאָפּ און איר אַ קוש געטאָן.

— וועסט שטאַרבן אַן אומגלייביקער, כ'וויים. — האָט מערי זיך אַ ריס געטאָן פון מענדלס הענט.

זי האָט אויף גיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיט דעם קאַפּעליוש און אַ פייף געטאָן:

— קום, פרינץ!

— מערי...

— נישט היינט, מענדל, נישט היינט. — איז זי שוין געשטאַנען

אין דרויסן. — געזעגנט פֿאַר מיר איין אומגלייביקער, איין פרענק... און דאָ האָב איך דיך, אַ ייִד, און דער פּאַרק איז פֿול מיט פֿאַרשאָלטענע נשמות — וועלף, פוקסן, טכוירן. גוד-ביי, מענדל, גוד-ביי!

מענדל איז געבליבן שטיין אין דער טיר. ער האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט, געזען, ווי זיין אייגענער שאָטן ציט זיך איבערן שניי, ווערט שמעלער, לעשט זיך מיט די שטערן.

1929

## סאָציאַלע אומרעכט אָדער ליבע?

דער שרייבער פאַביאַן האָט געשפּרייזט איבער דער צווייטער עוועניו. אַ פּראַקטיקער ווינט האָט זיך פאַרקליבן אונטער די פּאָלעס פון זיין אָפּגעשאָסענעם מאַנטל, געפּאַטשט איבער די אויסגעבויגענע קאַפּעלוש-ראַנדן, געשמיסן ס׳פּנים. פאַביאַן איז געווען טרויעריק. אין דער רעדאַקציע האָט מען זיך געוואָרפן מיט זיינע דערציילונגען, אים געזאָגט:

— אין לאַנד איז אַ קריזיס, מענטשן הונגערן, און איר שרייבט אַלץ וועגן ליבע.

ביי פאַביאַנען איז שטענדיק געווען אַ קריזיס, שוין יאָרן ווי ער האָט צוגעהונגערט, טאָ ווי איז עס טאַקע געקומען וואָס ער האָט נישט געשריבן וועגן סאָציאַלער אומרעכט, נאָר וועגן ליבע?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קליינער פּאַרק, ווו דער שטייפער נאָוועמבער איז קאַלטער געווען, האָט איבערגעריסן די גרויקייט פון די עוועניוס, פון די אָפּגעבליאַקעוועטע מויערן. דער ווינט האָט דאָ געקניפּט, געריסן, געטריבן מיט אַ קלימפּער די אויסגעטריקנטע בלעטער, זיך געפּלאָנטערט און געהיילט צווישן די נאַקעטעביימער.

ס׳איז געווען אַ זומער — ביימער זאַפטיקע האָבן זיך געצונדן אין גרין — און איצט זענען זיי געשטאַנען נאַקעט, האָבן געציטערט. די ביימער, דאָס פאַרוויאַנעטע גראָז האָבן געטראָגן אין זיך, צווישן רוישיקע גאַסן און עוועניוס, דעם שטילן נאָוועמבער-טרויער פון פעלד און וואַלד, געטראָגן דאָס געגודער פון פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן ווינטער אין שטאָט אַריין.

פאַביאַן האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל און זיך צוגעזעצט.

מענער אין אָפּגעשאָסענע פראַקן מיט ווייבערשע שיך, פרויען אין פאַרפּוצטע היטן מיט מענערשע שיך, די נעז פאַרפלאַמט, די באַקן צוגעלעגן, ווי ביי טויטע. די מענער האָבן זיך געשאַ"ט אַרום די פרויען, געוואָלט אויסנעמען, און די פאַרפלאַמטע „דאַמען" זענען איבערגעגאַנגען פון איין „קאַוואַליער" צום צווייטן. די „דאַמען" האָבן נישט איבערגעקליבן ציביים „קאַוואַליער" איז די נאָז אויסגעזעצט מיט ווייַנפּערלעך, צי אויפן פלאַץ פון אַ נאָז הענגט גאָר אַ שוואַרץ פאַרטעכל.

צווישן די פּאָרלעך האָט זיך געשאַרט אַ פאַרזעעניש. דער קאָפּ צווישן די פּיס, דער חוט-השדרה אויפגעטורעמט. דאָס פאַרזעעניש האָט גערעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי עס וואָלט געקומען פון דער ערד אַרויס:

— זינדיקט, זינדיקט, גאָט וועט אייך אַזוי צעדרייען, אַז מען וועט אייך מוזן פירן אויף שטופּ-וועגעלעך.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. דער אָנלויף איז אַפּנים געוווינט געווען צו די קללות. דאָס פאַרזעעניש האָט מיט דער נאָז דערשמעקט אַ פרעמדן. ווי אַ חיה האָט ער אַ הייב-געטון דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט די אויגן אויף פּאַביאַנען און זיין קוק איז געווען בלויז ביטול:

— ווער דאַרף דיך דאָ?

— כ'שטער דען עמיצן? — האָט פּאַביאַן זיך אַ רוק געטון, ווי ער וואָלט געמאַכט פלאַץ לעבן זיך, באַלד חרטה געהאַט און זיך צעשריען אויפן פאַרזעעניש — און ווער דאַרף דיך דאָ?

— זיי, די מערדער, — האָט ער געוויזן מיט אַן אויסגעטריקנט הענטל אויף די פּאָרלעך, — אַפילו דו, פרעמדער, אַלע דאַרפן מיך... כ'בין ס'געוויסן, דעם מענטשס געוויסן בין איך! איך האָב געזינדיקט, טראָג איך די שטראָף אויף מיינע פּלייצעס! ווי אַ שילד שלעפּ איך די שטראָף איבער די גאַסן, ווי קינס צייכן: לייענט, מענטשן, און זינדיקט נישט מער!

— וואָס האָט איר געזינדיקט? — האָט פּאַביאַן זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו טון מיט אַ גערירטן.

— כ'האָב דערהרגעט אַ מענטש. — האָט ס'פאַרזעעניש זיך

צוגעזעצט און זיין קאָפּ איז נאָך טיפער אַריין צווישן די פּיס.

— און איר געפינט זיך אויף דער פריי?

— דאָס איז מיין גרעסטע שטראָף, ווייל קיינער גלייבט מיר נישט, קיינער... נישט די חברים מיינע, נישט פּאָליציי... דער מענטש איז נאַריש, גלייבט נאָר די אויגן זיינע, וויל זען דעם געהרגעטן. און די אויגן, ביים מענטש, זענען קורצזיכטיק, זעען נישט...

— פאַרוואָס האָט איר אים דערהרגעט?

— מייקן?

— יאָ?

— מייק איז מיר געווען נענטער ווי אַ ברודער, נענטער ווי אַ פאָטער. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געשיידט, דרייסיק יאָר זענען מיר געווען צוזאַמען. געגעסן האָבן מיר פון איין שיסל, געטרונקען פון איין גלאָז, געשלאָפן אין זעלבן בעט און געהאַט איין בייטל. מייק האָט פיינט געהאַט ווייבער, נישט געקאָנט אויף זיי קוקן. און מיט־אַמאָל האָט זיך אונטערגערוקט אַ „דאַמע", מיר גענומען פאַרדרייען דעם קאָפּ. מייק איז געלעגן ביי מיינע פיס. ער האָט מיר די הענט געקושט, זיך געבעטן כ'זאָל אַרויסיאָגן די „דאַמע". און זי, די צויג, איז שוין געזעסן אין מיר, אין מיין זינדיק בלוט, האָט מיך געשלעפּט צו אירע חברטעס. ס'צימער, וווּ מיר האָבן געוווינט, איז געוואָרן אַ גיהנום. ער, דער זעקס־פוסיקער מייק, האָט זיך מער נישט געבעטן ביי מיר, ער האָט געפּאָדערט, געסטראַשעט, האָט אַראָפּגעוואָרפן די „דאַמע" פון אַלע טרעפּ. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און ס'צימער איז פול געוואָרן מיט קלעפּ. נאָך יעדן געשלעג פלעג איך פאַרפאַלן ווערן אויף וואָכן, אויף חדשים. מייק איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן — דרייסיק יאָר געגעסן פון איין שיסל, געטרונקען פון איין גלאָז. ער האָט זיך געבעטן ביי מיר:

— מייק, זיי, די ווייבער, וועלן דיך אַרומבייסן ווי אַן עפּל, און ס'האַרץ דיינס וועלן זיי אויסשפּייען אין רינשטאָק אַריין.

און אונטערגעקומען מיט זיינע טענות איז ער פונקט דעמלט, ווען איך בין געזעסן מיט מיין „דאַמע". ער איז נישט אָפּגעשטאַנען, האָט געמאָנט, ווי אַ הונגעריקע קאַץ, וואָס רייבט זיך אַרום דיינע פיס. כ'האָב אים דערהרגעט. נישטאָ מער קיין מייק. דער זעקס־פוסיקער

מייק ליגט ערגעץ אין דר׳ערד און אויף גאַטס זינדיקער וועלט דאָ, לעבן דיר, פּרעמדער, זיצט אַ צונויפגעדרייטער, אַן אַרומגעביסענער מייק, אַ מערדער, וואָס ס׳לעבן האָט אויסגעשפּיגן!

פאַביאַן האָט זיך געחידושט, וואָס דער „טרעמפּ" ווערט נאָך אַלץ מיטגעריסן מיט דער אייגענער מעשה, וואָס ער האָט שוין דער־ציילט און איבערדערציילט הונדערטער מאָל. אין רעדן האָט ס׳פּנים זיך ביי אים געביטן. דאָס מיאוסקייט האָט זיך באַהאַלטן אין די קנייטשן פון די באַקן און די אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרויער.

פאַביאַן האָט אים געפרעגט:

— איז מייק שוין לאַנג טויט?

—יאָרן.

—און ווי הייסט איר?

— אויך מייק.

— און אייער חבר?

— מייק דער זעקס־פוסיקער! ער לעבט נישט מער. איך האָב אים דערהרגעט און קיינער גלייבט מיר נישט, קיינער, אַפילו די פּאָליציי נישט... שלעפּ איך די שווערע זינד, ווי אַ שילד, ווי קינס אַ צייכן...

מיטאַמאָל האָט ס׳פאַרזעעניש געביטן ס׳קול. די מיאוסקייט האָט זיך ווידער ביים „טרעמפּ" צעלייגט אונטער די אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן. פאַביאַן האָט אויפגעציטערט און זיך איבערגעפרעגט:

— וואָס, ס׳הונגערט אייך?

— כ׳האָב נאָך היינט נישט געגעסן.

דאָס פאַרזעעניש האָט אַ כאַפּ געטון די צען סענט, וואָס פאַביאַן האָט אים געגעבן, און האָט זיך גענומען אַוועקשאַרן. זיינע שווערע, צעפּאָרענע שיך, וואָס האָבן זיך דערוויייטערט, האָבן געקלאַפּט אי־בערן קאָנקריט, ווי דאָס אויסגראָבן פון אַ גרוב.

צווישן די שטאַרעביימער האָט זיך צעוויגט אַ קלויסטער־גלאָק. די פאָרלעך האָבן זיך אַ הייב געטון, זיך אַ לאָז־געטון צום „מישאָן"־הויז, וווּ מען האָט זיי יעדן פאַרנאַכט געטיילט צווישן פּסוקים פון נייעם טעסטאַמענט אויך ברויט מיט קאַווע.

פאַביאַן האָט געקוקט אויפן פּלאַץ, ווו עס האָט זיך נאָר־וואָס

געטומלט. ער האָט פאַר זיך געזען אַ פאַרזעעניש מיט אַן אָפענער קעל, וואָס האָט די אַלע מייקס אַרומגעביסן, אַרומגעגריזשעט און אויסגעשפּיגן, ווי מען שפּייט־אויס אָנגעשוואָלענע פּאַפּיראָסן־שטאָפּסלען, וואָס האַלטן ביים אויסגיין. דער פאַרדראָס אין פאַביאַנען איז געוואָקסן: מייק, הונגער, ליבע, מערדער — איז וואָס איז עס? סאָציאַלע אומרעכט, צי ליבע?

1930

# אין געריכט

פאַרטאָג האָט שמואל שוחט זיך איבערגעוואָרפן. ער האָט אָפּגע־טרעסלט פון זיך דעם שלאָף, וואָס איז נאָך פעסט געליגן אויף ד' ווענט, אויף די פענצטער, אויף די שטיקלעך מעבל און דער גאַנצער קאָפּ איז ביי אים געוואָרן וואַך.

פון צווייטן בעט, ווו ס'ווייב איז געשלאָפן, האָבן זיך געטראָגן שטומע שטיקלעך געוויין.

— שרה? וואָס איז, שרה, שלאָפסט?

— ווער שלאָפט? — האָט ס'ווייב זיך אויפגעזעצט, זיך אַ בייג געטאָן צום מאַן און גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט איצט גע־ענדיקט דעם שמועס, וואָס זי האָט נעכטן פאַרן שלאָף אָנגעהויבן, — ער איז טאַקע אַלץ אין דער קאָרט, אָבער אַן אייגן קינד איז ער? און אויב מיר וועלן זיך נישט איינשטעלן פאַר אים, וועלן אים היינט נישט אַהיימנעמען, קאָן מען אים שיקן אויף אַ דריי חדשים „איבערן וואַסער".

שמואל האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע, דאַרע פיס אויפן קאַלטן דיל, זיי צוריק אַ הייב געטאָן, ווי דער דיל וואָלט געבריט, און אַזוי געבליבן זיצן אַ ווײַלע אויפן פאָרענטש פון בעט־אַן עקשנות, וואָס גרענעצט זיך מיט מרה־שחורה, האָט זיך געוועקט אינעם שוחט, דעם פאַרברענטן חבדניק. אין דער פינצטער האָט ער זיך געגומען אָנטאָן. ער האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און אַ הויכער, עטוואָס אַ געבויגענער, זיך צעוויגט מיט אַ קרעכץ, ווי אַ ברונעם־שטאַנג. דעם מוח האָט זיך איינגאַנצן נישט געוואָלט צוהערן צום שטילן פיין, וואָס האָט געטריפט פון אים, ווי פון אַ פרישן שניט.

וואָס שוין ווידער? איבער אַ יאָר ווי ער האָט איבערגעריסן מיטן

זון, ווײַל נישט וויסן פון אים. געשטאָרבן און פּטור! לאָזט מען אים אָבער נישט צורו — מאָנט דער, מאָנט יענער. איצט רופט אים גאָר מלכות אין געריכט אַרײַן. און אַז פישל איז אַרויף אויף אַ קריגס־שיף, האָט געטײלט צווישן מאַטראָסן פּראָקלאַמאַציעס, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט אים, מיטן פאָטער? ער וועט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת: — אַזוי און אַזוי, חשובע ריכטער — — און אַז אַ בוים וואַרפט בלעטער, וואַרפט זאָמען, און אַ ווינט פאַרטראָגט אַ קערנדל ערגעץ צווישן שטיינער און ס׳וואַקסט אַרויס אַ צעהויקערט ביימל, אַ פאַרזעעניש, וואָס איז דער בוים שולדיק? כ׳האָב זיך גע־בעטן בײַ אים, בײַ פישלען — וואָס וויל איך פון דיר? עסט מײַן ברויט — גיי אין מײַנע דרכים. מוחל, מוחל, — האָט ער זיך צע־שריען און מיר געוואָרפן אין פנים אַרײַן, — מחני נאָ מספּרך. כ׳האָב אים געפאָלגט, אויסגעמעקט זײַן נאָמען, טאָ וואָס וויל מען פון מיר ווידער?

מיטן טאָג צוגלייך האָט דער שוחט זיך געשטעלט דאַווענען. ער איז געווען צופרידן, וואָס דער אַלטער רבי, ר׳ שניאור־זלמן, טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין רגע. דער שוחט האָט אַרויסגענומען פונעם ספרים־אַלמער דעם „בד־קודש". די ליפּן האָבן געדאַוונט און די פינגער האָבן געמישט, געבלעטערט. דער שוחט האָט זיך פאַר־טיפט אינעם בריוו, וואָס דער רבי האָט געשריבן אין תּפיסה צום קייסער. ער, שמואל, וועט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת — אַזאַ יונגאַטש, אַזאַ פישל, איז אַ קללה פון גאָט, קיין טאַטע־מאַמע זאָלן נישט געשטראָפט ווערן...

— שמואל, וואָס נעמט עפּעס אַזוי לאַנג בײַ דיר הײַנט ס׳דאַווענען? — האָט ס׳ווײַב געגרייט דעם אָנבײַסן — מיר דאַרפן שוין באַלד גיין.

— אָט בין איך פאַרטיק. — האָט דער שוחט גענומען צונויפ־לייגן טלית־און־תּפילין.

ער האָט געצויגן ס׳לײַבל איבער דער דאַרער, אָפּגעדעקטער האַנט, וואָס איז געווען באַלייגט מיט אָנגעלאָפענע רצועה־רינגען, ווי אַ שטעקן מיט אָפּגעשיילטע קאָרע־רײַפלעך, און ס׳פנים, אַ פינצטערס, איז פול געוואָרן מיט מרה־שחורה. אַ זינדיקער איז דער טאָג געקומען

אויף דער וועלט און אַלץ האָט אים איצט אויסגעזען זינדיק — די ליכטיקע זון, וואָס איז געשטאַנען אין פענצטער, האָט אים איצט נישט געפרייט.

דער ביסן איז נישט געקראָכן אין האַלז אַריין. ס'ווייב האָט נישט דערזופט ס'טעפל קאַווע, גערעדט, גערעדט, און ס'קול אירס איז פול געווען מיט טרערן:

— זיי נישט אײַנגעשפּאַרט, שמואלשי קרוין... אַז פישל וועט זיין ביי אונז, קאָן מען האָפן ער זאָל בעסער ווערן, ער זאָל אַליין חרטה קריגן... „איבערן וואַסער" — איז אַלץ אויס... אַלץ... אַז ס'איז היינט אַן אַנדער וועלט, שמואל... אַמאָליקע יאָרן איז אַ קינד געלעגן אין אַ וויקלשנור, ווי אין אַ קלעם. ווינטער האָט עס די ליכטיקע שיין נישט געזען... היינט, ווי ס'ווערט געבוירן, מעג דער פראָסט ברענען — האַלט מען די קינדער אויף דער גאַס. וואָס האָסטו אויסגעפירט מיט דיין עקשנות, ווען האָסט זיך געשטעלט קעגן אַ וועלט? האָסט זיך אַזוי אָפּגעצוימט פון דער גאַס — לאַכן טאָר מען נישט, זינגען טאָר מען נישט, פייפן אַוודאי נישט — ביז פישל איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און איז אינגאַנצן אַוועק! ס'איז דיין שולד, שמואל!

— אַזוי, — האָט שמואל אַ שאַר געטאָן פון זיך ס'עסן, — לויט דיר האָב איך אים אַליין געפירט צום שמד!

— דערווייל איז ער נאָך נישט געשמדט.

— ערגער! הערסט, שרה — ערגער!

— ניין, שמואל, ניין. און אַז ער איז קעגן די רייכע, איז וואָס? כ'בין אויך קעגן די געלט-זעק — — — אַ יאָר אויף מיר ווי אַן איידל קינד פישל איז!

— שוין אַן איידל קינד אויך. — האָט דער שוחט זיך אַ הויב געטאָן פון טיש.

די טונקעלע אויגן זענען געוואָרן פינצטער, ס'פּנים לענגער און אַ הויכער, אַ דאַרער, ווי דער מלאך-המוות, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר:

— קום שוין בעסער, קום!

אין געריכט איז דער שוחט געזעסן רעכטס, פישל — לינקס. פישל איז געווען ענלעך אויפן פאָטער. די זעלבע אויגן, דאָס זעלביקע

עקשנות אין פנים, נאָר יינגער מיט אַ דרייסיק יאָר. ס'העמד ביים האַלז צעקנעפּלט, די געדיכטע, שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ צעשויבערט. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויפן פּאָטער.

דעם ערשטן האָט מען צוגערופן דעם שוחט. דער ריכטער האָט געוויזן אויף פישלען:

— ס'איז אייער זון?

— ניין, ריכטער.

— איר קענט אים אינגאַנצן נישט?

— כ'קען אים, אַוודאי קען איך אים... ער איז אָבער מער נישט מיין זון, כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אים...

— פאַרוואָס?

— ווייל ער גלויבט נישט אין גאָט, חשובער ריכטער, ער גלויבט נישט אין מלכות, אין טאַטע־מאַמע — — —

— ווי קומט עס, וואָס אַזאַ יונג בחורל גלויבט אין גאָרנישט?

— כ'ווייס נישט, ריכטער.

— און אַז ער וועט צוזאָגן צו ווערן בעסער, וועט איר אים נעמען צו זיך?

— ער וועט נישט צוזאָגן, ריכטער.

בשעת דער פּאָטער האָט גערעדט איז פישל געזעסן און גע־קוקט אויף די נעז פון זיינע צעפּאָרענע שיך. אויב דער פּאָטער איז קיזלשטיין, איז ער, פישל, אייזן, וואָס קאָן אויסשלאָגן פונקען, קאָן מאַכן אַ פייער. נאָכגעבן, שפּאַלטן זיך — דאָס נישט. ס'טוט אים ווי פאַר דער מוטער. ער זעט זי נישט, איז אָבער זיכער, אַז די מאַמע זיצט צווישן עולם, קאָן יעדע רגע זיך אַריינרייסן הינטער דעם טירל מיט גראַטעס, פאַלן אים אויפן האַלז און דעמאָלט... דעמאָלט קאָן ער נישט גוט זאָגן פאַר זיך, ער האָט דעם פּאָטער אויך נישט פיינט. ווען דער פּאָטער וואָלט כאָטש געווען אַ ווירט, אַ רייכער סוחר, צי אַזוי אַ גביר — וואָלט פישל פון אים זיך אינגאַנצן אָפּגעשאָקלט. דער פּאָטער קוילעט קעלבער. ער איז שוין יאָרן אַן אַרויסהעלפער ביי אַ שוחט, וואָס אַרבעט ביי סוויפטן. דער פּאָטער לעבט אין דחקות. אַז די וועלט האָט אים באַעוולהט קאָן מען זען אָן די אויגן — פינצ־טערע אויגן. און אַז מען קוקט מיט אַזוינע אויגן, איז די אַרומיקע

וועלט אויך פינצטער. האָט ער אין תוך צום פּאָטער גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט... פון וואַנען נעמט זיך אָבער צום פּאָטער אַזאַ שנאה צום סאָציאַליזם, צום קאָמוניזם?

— און דו — האָט דער ריכטער געפרעגט פישלען — זאָגסט זיך אויך אָפּ פון טאַטן?

— פאַרוואָס זאָל ער זיך אָפּזאָגן? דאָס קריגט זיך דער פּאָטער מיט אים, נישט ער מיטן פּאָטער. פישל האָט דאָס נישט געזאָגט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די חברים, וואָס זענען געווען אין געריכט, און געוואָלט ביי זיי אויסנעמען, מיט דער גאַנצער חוצפּה פון אַ פּופּצניעריק בחורל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כ'גלויב נישט אין בלוט-קרובהשאַפט! כ'גלויב נישט...

— הער, פּיליפּ, — האָט דער ריכטער אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן, — אויב דו וועסט זיך נישט איבערבעטן מיטן פּאָטער דיינעם, וועסט אים נישט צוזאָגן בעסער צו ווערן, נישט האָבן מער צו טאָן מיט די נאַרישע יינגלעך, די קאָמוניסטלעך, וועל איך דיך שיקן אין אַ בערן וואַסער.

— טוט וואָס איר ווילט, ריכטער!

— הוריי, פּיליפּ! הוריי! — האָבן די חברים אַפּלאָדירט.

— וואַרפט זיי אַרויס! — האָט דער ריכטער אַ געשריי געטאָן.

ס'איז געוואָרן אַ געטומל. פּאָליציאַנטן און אויפפּאַסער האָבן געשלעפּט די טומל-מאַכער. דער שוחט האָט זיך געשאַרט צום טירל, עס אַן עפן געטאָן, און זיך אָנגעשטויסן אָן ווייב, וואָס האָט אים צוריקגעשטופּט:

— גזלן! גזלן! ראַטעווע מיר ס'קינד!

1930

# צען דאָלער

מיטן הייבן זיך איבער די טרעפּ האָט ביי שוואַרצמאַנען ס'האַרץ זיך מיטאַמאָל אַ וואַקל געטאָן, איז אַרויס פון פּלאַץ און נישט געקענט קריק אַריין. אַ הוילקייט, וואָס האָט געצויגן, ווי אַ לייקע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין דינעם, שמאָלן גוף. אויב מען זאָל זאָגן, אַז שוואַרצמאַן האָט זיך געשעמט אַריינצוגיין אין דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע וועלט", ווו זיין ערשטע דערציילונג האָט זיך אָפּגעדרוקט, וואָלט נישט געווען אינגאַנצן אמת. ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר, איז אַריין כמעט מיט חוצפּה און גענומען גיין צו די דריי שרייבטישן, וואָס זענען געשטאַנען ווי אַ חית.

די מיטאַרבעטער, אָן רעק, די אַרבל פאַרקאַשערט, זענען געזעסן ביי די טישן און געשריבן. ס'איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט דאָס סקריפּען פון די פּעדערס, דאָס שאָרכן פון אָפּגעריסענע בייגעלעך פּאַפּיר.

שוואַרצמאַן האָט זיך געחידושט, פאַרוואָס מען באַמערקט אים נישט, פאַרוואָס קיינער הייבט צומאָל די אויגן נישט אויף, איז נישט נייגעריק צו זען, ווער עס איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און עפּעס נישט געגלייבט, אַז דאָ אין דעם אָנגערויכערטן צימער זאָל דאָס קינסטלערישע וואָרט זיך שאַפן.

אַ קורצזיכטיקער יונגערמאַן, וואָס האָט יעדע ווײַלע אונטערגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע אויפן פּאַפּיר אַזוי נאָענט צו דער נאָז, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, ער שמירט זיך אויס מיט טינט, האָט אַוועקגעלייגט די פּעדער, גלייכגילטיק אַ קוק געטאָן אויף שוואַרצמאַנען און קונציק פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— זייט מוחל, — איז דער פרעמדער אים פאַרלאָפן דעם וועג,— איך בין שוואַרצמאַן, האָב די וואָך אָפּגעדרוקט ביי אייך אַ דערציילונג.

דער יונגערמאַן מיטן סיגאַרעט איז נישט נתפּעל געוואָרן. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף שוואַרצמאַנען און זיך געפרעגט:

— וועמען דאַרפט איר?

שוואַרצמאַן האָט זיך פאַרלוירן, געשפּירט אויף זיינע צעדרייטע שיך דעם יונגנמאַנס בליק, וואָס איז געווען בלויז ביטול, און ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— כ'ווייס אַליין נישט... ווער האָט צו טאָן מיט דערציילונגען? חבר צווייג?

— אָט זיצט ער ביים טיש, דער אין די ברילן.

צווייג האָט געקייט אַ וואָנצע און געשריבן. דער גרויסער קאָפּ, די שוואַרצע האָר דורכגענומען מיט גרויע פּאַסמעס, אַלץ איז אַזוי מאַסיוו געלעגן איבערן שרייבטיש, אַז שוואַרצמאַן האָט פאַרגעסן אָן דעם יונגנמאַנס קאַלטער אויפנאַמע. אַ זיכערער איז שוואַרצמאַן אונטערגעגאַנגען צו צווייגן.

צווייג, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויסשטרייכן דאָס אָנגעשריבענע, האָט דערזען, אַז מען שטייט איבער אים און ער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— איר דאַרפט עפּעס?

— איך בין שוואַרצמאַן...

צווייג האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער שטול און שוואַרצמאַן האָט באַמערקט, אַז צווייג, וואָס האָט מיט אַ מינוט צוריק אויסגעזען אַזוי ברייטפּלייציק און מאַסיוו, איז גאָר אַ קליינוווקסיקער, בלויז דער קאָפּ זיצט אויפן קליינעם גוף, ווי אַ קירבעס.

— אָ, זייט איר דאָס שוואַרצמאַן, — האָט צווייג אים געגעבן אַ קליינע וואַרעמע האַנט, — זיצט! אייער דערציילונג איז מיר געפעלן... אַ נייער טאָן אין יידיש... אַזוי, זייט איר דאָך נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, גוט, גוט, — און צווייג האָט זיך אַ דריי געטאָן צו זיין שכן — באַקענט אייך, שוואַרצמאַן, מיר האָבן היינט גערעדט וועגן זיין דערציילונג.

— זייער אַ געלונגענע זאַך, — האָט דער שכן זיך אָנגערופן, — מען דאַרף אים באַקענען מיטן רעדאַקטאָר.

די גאַנצע מרה־שחורה, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום שוואַרצמאַנען, האָט זיך אין אַ רגע אויסגעוועפּט. ס'האָט זיך אים אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט ער, שוואַרצמאַן, מיט צווייגן, וועמען ער האָט פון יינגלווייז אָן ליב געהאַט. און צווייג איז אים מקרב, הערט נישט אויף צו רעדן:

— אַז איר האָט אַ גוטע זאַך, ברענגט אַריין... כ'וועל מיט פאַרגעניגן דרוקן... כ'מיין, פון ליטעראַטור לעבט איר דאָך נישט? איר אַרבעט?

— איצט איז קיין אַרבעט נישטאָ, — האָט שוואַרצמאַן אי זיך איבערגענומען, וואָס ער אַרבעט אין אַ „שאַפּ", אי זיך פאַרלוירן, —און דער האָנאָראַר וואָלט מיר צונוץ געקומען. וויפל צאָלט די „ליטעראַרישע וועלט" פאַר אַ דערציילונג?

— מכוח געלט מוזט איר רעדן מיטן רעדאַקטאָר, — און צווייגס בלאַס פּנים איז בלאַסער געוואָרן, די גרויסע אויגן נערוועזער, ווי מען וואָלט אים אָנגעטראָטן אויף אַ הינעראויג, — אָט קומט ער טאַקע.

פון אַ זייטיקער טיר איז אַרויס אַ צוואַקסענער פּאַרשוין, וואָס איז געווען ברייטער ווי העכער. ער האָט כמעט קיין קאַרק נישט געהאַט, אַ גוידער אין אַ גוידער, אַ גוידער איבער אַ גוידער און פון די גוידערס האָט זיך געריסן אַ קאָפּ, ווי אַ געקנאָטענע מאַסקע. די מאַסקע האָט אויך געהאַט צוויי ברוינע אויגן און אויפן רעכטן שוואַרצאַפּל אַ פּינטעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דריט אויג. די אַרבל זענען ביי אים געווען פאַרקאַשערט איבער די מוסקולן און די גראָבע פינגער פון די דיקע האָריקע הענט האָט ער געהאַלטן אין די וועסטל־קעשענעס.

— באַקענט אייך, — האָט עמיצער געוויזן אויף שוואַרצמאַנען, — דער רעדאַקטאָר פון דער „ליטעראַרישער וועלט" און דאָס איז אונזער נייער מיטאַרבעטער, דער יונגער טאַלאַנט שוואַרצמאַן...

— זייער אָנגענעם, — האָט דער רעדאַקטאָר זיך באַגריסט אין ענגליש און זיך גלייך אויסגעדרייט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט: — מיר האָבן אייך, טאַלאַנטן, שוין אַביסל צופיל...

— צווייג, — האָט דער רעדאַקטאָר אָנגעוויזן אויפן פאַרשריבע־נעם זייטל פּאַפּיר, — איר האַלט דאָך נאָך אַלץ ביים אָנהייב! מען קאָן דעם נומער נישט אויפהאַלטן איבער אייער פעליעטאָן, ווען איר זאָגט מיר נישט צו, וואָלט אַ צווייטער אָנגעשריבן!

צווייג האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגע־לאָזט ביים שרייבטיש, זיך איינגעקאָרטשעט, דאַכט זיך, קלענער גע־וואָרן, בלויז דער קאָפּ האָר, דורכגענומען מיט גרויע פּאַסמעס, איז געלעגן איבער די בייגעלעך פּאַפּיר.

שוואַרצמאַן איז נאָכגעגאַנגען דעם רעדאַקטאָר אין זיין פּריוואַטן צימער. ער איז געווען צעשרויפט, ווי מען וואָלט נישט צווייגן באַ־ליידיקט, נאָר אים.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט דער רעדאַקטאָר אויף אים אָנגעשטעלט אַלע דריי אויגן.

— איר האָט זיך נאָר־וואָס באַקענט מיט מיר... כ׳בין שוואַרצמאַן...

— יאָ, יאָ, זיצט. — האָט דער רעדאַקטאָר פּרובירט זיין פריינט־לעכער. — וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— כ׳האָב דאָ אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג, וויל איך מען זאָל מיר באַצאָלן...

— כ׳האָב נאָך אייער דערציילונג נישט געלייענט.

— וואָס מאַכט עס אויס? — האָט שוואַרצמאַן אי זיך געבייזערט, אי געשמייכלט — אַבי ס׳איז אָפּגעדרוקט.

— ס׳מאַכט שוין גאָר אויס. — האָט דער רעדאַקטאָר געשאַרט פון זיך פּאַפּירן, געגנישטערט און אַ כאַפּ געטאָן אַ נומער.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער אויסגעבעטער שטול, זי אויסגעבויגן, פאַררייסן די פיס און מיט רוגזה גענומען לייענען.

שוואַרצמאַן האָט געקוקט ווי דער רעדאַקטאָר שפּרינגט מיט די אויגן, היפּערט איבער שטיקער און ס׳פּנים קנייטשט זיך ביי אים, איז פול מיט גרימאַסן, ווי ער וואָלט נישט געלייענט קיין דערציי־לונג, נאָר געשלונגען ביטערע פּילן. אין מיטן לייענען האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם נומער אויפן טיש:

— כ׳ווייס נישט וואָסערער אידיאָט האָט געהייסן דאָס דרוקן!

איר הערט, יונגערמאַן, כ׳מיין ערנסט, ס׳איז נישט דרוקבאַר! די צרה

מיט אײַך אַלעמען, וואָס איר פּאַרקוקט זיך צופיל אויף ראַטנלאַנד, ווילט געפעלן די לינקע, האַלט אין איין באַשרײַבן סטרייקס, ווי די וועלט וואָלט באַשטאַנען פון בלויזע סטרייקס! דערצו איז עס דאָך קיין יידיש נישט! איר שניידט צו אײַער יידיש לויט אַ רוסישן מוס־טער, וואַרפט אַרויס דעם באַשטימטן אַרטיקל: דער, די, דאָס. וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ זאַך — „בוים געשטאַנען"? אין אַמעריקע איז דאָס קיין סחורה נישט, דאָ דאַרף מען נישט קיין שטימונגען, דאָ דאַרף מען אַ מעשה... דערציילן אַ מעשה און טאַקע גוט! איר הערט, יונגערמאַן? דערציילן אַ מעשה, אָט וואָס מען דאַרף, — האָט דער רעדאַקטאָר זיך אַלץ מער געהיצט, — און ביי אײַך איז עס נישטאָ!

— גוט, שלעכט, — האָט שוואַרצמאַן געשמייכלט און געטענעט זיינס, — אַז די זאַך איז אָפּגעדרוקט דאַרף מען קריגן באַצאָלט!

— אַז ס'טויג אָבער נישט! — האָט זיך דער רעדאַקטאָר אַ שטעל געטאָן.

— האָט איר עס נישט געדאַרפט דרוקן, וועט איר אַ צווייט מאָל נישט דרוקן! — האָט זיך שוואַרצמאַן אויך אויפגעשטעלט.

— טאָ וואָס ווילט איר? וויפל ווילט איר? האָט דאָס דריטע אויג זיך צעשפּילט ביים רעדאַקטאָר — לאָמיך הערן!

— וויפל איר צאָלט אַלעמען.

— פאַר שיינע ליטעראַטור צאָלן מיר נישט, נאָר אַז איר האָט זיך אָנגעזעצט, — האָט דער רעדאַקטאָר אַן עפן געטאָן זיין טשעק־בוך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און האָט אַוועקגעשטעלט אַ פינף, — וועל איך אײַך דאָס מאָל באַצאָלן און מער מיט אײַך קיין עסקים נישט האָבן.

שוואַרצמאַן האָט אַ נעם געטאָן דעם טשעק אויף פינף דאָלער, זיך דערמאָנט ווי צווייג איז געזעסן אַן אײַנגעקאָרטשעטער, געלאָזט אויף זיך שרייען, האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ און ער האָט צוריק אַ וואָרף געטאָן דעם טשעק אויפן טיש:

— ווינציקער פון צען וועל איך נישט נעמען.

## רבניש בלוט

קיינער אין שטוב האָט נישט געוווּסט, ווו לאה האָט דערטאַפּט דאָס שוואַרצע, אויסגעריבענע קלייד מיט די לויזע, צעקנייטשטע אַרבל. די געדיכטע האָר מיטן סמאָלע־בלישטש האָט זי נישט אויסגע־קעמט. זי האָט זיי פאַרנומען אין אַ קנופּ, וואָס איז נאָכלעסיק גע־פאַלן איבערן רעכטן אויער, פינצטערער געמאַכט דאָס אַזוי אויך לענגלעכע טונקעלע פּנים, די נאָך טונקעלערע אויגן. בלויז די ווייסע זאָקן אויף די דינע, לאַנגע פיס האָבן צעטיילט דעם גוף אויף צווייען — געצויגן איבער דער בליציקער ווייסקייט אַ בויגיק צווייגל חושך.

זי איז געשטאַנען איבערן אָרון, ווו איר חיים איז געלעגן. דער הילצערנער אָרון איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ ליי־לעך. בלויז חיימס פּנים, וואָס האָט זיך כּמעט ווי נישט געענדערט, געהאַט אַפילו מראה, האָט זיך אַרויסגעזען. די ליכט־פלעמלעך, וואָס האָבן געברענט צוקאָפּנס, האָבן זיך געטוקט און געשפּיגלט אין די שוואַרצע ליילעך־קנייטשן, אין די פאַלדן.

די דריי צימערלעך, וואָס זענען יאָרן געווען אָפּגעשלאָסן פאַר די שכנים, זענען איבער נאַכט געוואָרן אַ רשות־הרבים. איינוווינער פון אַלע פיר שטאָק, וואָס לאה האָט מיט זיי קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, זענען געקומען, געגאַנגען, האָבן נישט־צונויפגע־רעדטערהייט אַרויסגענומען די ווירטשאַפט פון לאהס הענט. פאַרטאָג האָבן אויך אָנגעהויבן קומען פאַרטיי־חברים, באַקאַנטע.

לאהס אויגן, אויסגעטרוקנטע, האָבן געבלאָנדזשעט איבערן עולם, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום אָרון, אין די ווינקעלעך, אין קיך. די אויגן האָבן עמיצן געזוכט, זענען געוואָרן אומרויק מיטן שפּראָץ אויף

טאָג. און ווען מען וואָלט צו איר איצט אונטערגעגאַנגען, זי געפרעגט:
— ווער זוכט איר, לאה? — וואָלט זי אַליין נישט געוווסט. וועמען האָט זי איצט געקאָנט זוכן, ווען אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט — די יוגנט, די פופצן יאָר מיט חיימען, די אַרבעט אין דער פּאַרטיי, איר גאַנץ לעבן — אַלץ איז געלעגן אין די עטלעכע שפּאַן חושך, אין דעם אָרון.

חיים איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פערציק יאָר. ער האָט יאָרן געאַרבעט אין שאַפּ, דאָרט אויסגעשפּיגן די לונגען. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אין איין טענהן: אַ וואַרעמערן קלימאַט, באַזעצט אייך אין קאַליפאָרניע, אין אַריזאָנאַ, וואָס מער אויף דער לופט, וואָס מער צווישן סאָסנאָוועביימער. אַנטלויפט פון שאַפּ — פון דעם מלאך-המוות.

וואָס האָט לאה זיך געקאָנט העלפן, ווען זי האָט קוים אויסגעאַרבעט אויף חיונה? פון דער פּאַרטיי האָט חיים נישט געוואָלט נהנה זיין, פונעם ברודער, דעם רב, פון דער שוועסטער, דער רביצין — אַוודאי און אַוודאי נישט. ער האָט געלאַכט פון דעם דאָקטאָר, גע־טענהט:

— און דער פאָטער מיינער, דער לובלינער רב, און די מוטער מיינע, די לובלינער רביצין — זיי האָבן נישט געאַרבעט אין קיין שעפּער, זענען זיי נישט געשטאָרבן פאַר די פופציקער פון שווינדזוכט?

לאה געדענקט איר פאָטערס טויט, געדענקט ווי ער, חיים, אַ יונג בחורל, איז געשטאַנען איבערן פאָטערס מיטה. די מומע, די טעכטער האָבן איינגעריסן. בחורים האָבן געזאָגט תהילים, יידן האָבן געלערנט זוהר, און די גאַס איז געווען פינצטער פון מענטשן, פון קולות. ווען איז עס געווען? דאַכט זיך נעכטן? דאַכט זיך אייער־נעכטן? און דערנאָך? דערנאָך איז זי מיט חיימען אַוועק קיין ניו־יאָרק. מען האָט צוגעהונגערט, מען האָט זיך געמאַטערט, געאַרבעט ביי הויזן, ביי רעק, ביי קליידער, געאַרבעט אין דער פּאַרטיי.

און אַז די לובלינער שול אין ברוקלין האָט אַריבערגעבראַכט חיימס עלטערן ברודער, משהן, אים געמאַכט פאַר אַ רב, און אַז די בענדינער שול אין בראָנקס האָט אַראָפּגעבראַכט חיימס שוואָגער,

דניאלן, אים געמאַכט פאַר רב — חיים האָט פון דעם אַלעם נישט געוואָלט וויסן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געגעבן אָנצוהערן דעם ברודער, דער שוועסטער, אַז ער, חיים, וווינט מיט לאהן אָן חופה־וקידושין. די שוועסטער, שרהלע, וואָס האָט אויף קיין רגע נישט פאַר־געסן, אַז זי איז אַ רבנישע טאָכטער און אַליין אַ רביצין, האָט אַ הויב געטאָן דעם אַזוי אויך פאַרריסענעם קאָפּ:

— נעם דיך איבער, חיים, נעם דיך איבער. דערפאַר איז לאה ביי דיר אַן עקרה, וועט בלייבן ס׳גאַנצע לעבן אַן עקרה.

מער האָבן זיי זיך נישט געזען. חיים האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון די קרובים, פון די נאָענטסטע אין דער משפּחה.

און איצט?

איצט שטייט לאה איבער חיימס אָרון, שטייט איינע אַליין. פאַרוואָס רייסט קיינער נישט איין? פאַרוואָס שרייט מען נישט? זי איז טאַקע ברוגז מיטן שוואָגער, מיט דער שוועגערין, זי, לאה, וועט האַלטן חיימס צוואה — וועט אים לאָזן פאַרברענען — זיי אָבער, דער ברודער, די שוועסטער, האָבן איצט דאָ געדאַרפט זיין. דאָס אייגענע בלוט האָט אין איר געמאָנט, געשריען.

לאהס שוואַרצע אויגן זענען מיטאַמאָל גרעסער געוואָרן, גע־שטאַנען אין קאָפּ ווי טיפע, גאָר טיפע פרילינג־וואַסערן, וואָס גיסן זיך איבער. אין די פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך אַלץ געמישט — דער אָרון, די פאַרטיי־חברים, די שכנים — זיך טאַלירט ווי אין אַ חלום, ווען עס דאַרף עפּעס געשען.

לאה האָט זיך אויסגעגלייכט, איז דינער געוואָרן. זי האָט זיך געגומען רוקן פון אָרון, געמאַכט פלאַץ. די אויגן אירע האָבן אַ בלישטש געטאָן מיט ניצחון — זיי קומען. פריער איז אַריין חיימס ברודער אין דעם רבנישן קאַפּעליוש, נאָך אים — די שוועסטער.

די שוועסטער האָט צעוויקלט אויפן קאָפּ דעם שוואַרצן, זיידע־נעם שאַל, צעקנעפּלט דעם דינעם מאַנטל, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אָרון. זי האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דעם ברודער, באַלד אַ שלעפּ געטאָן דאָס שוואַרצע לײַלעך, איבערגעדעקט דאָס טויטע פּנים. זי האָט באַוויינט דעם ברודער, וואָס איז אַראָפּ פון דרך־הישר, געגאַנ־גען פאַר דער צייט פון דער וועלט, און האָט נישט געלאָזט נאָך זיך

קיין קינד, קיין רינד. זי האָט געוועקט פון די קברים דעם פּאָטער, די גרעסטע פּוילישע רביים, זיי זאָלן לויפן זיך מיען פאַר חיימען. אין איר פּויליש לשון, אין איר ברייטער אויסשפּראַך, אין דעם פאַר־ריסענעם קאָפּ האָט זיך געפילט, אַז זי בעט נישט, זי פאַרלאַנגט, און איז זיכער, אַז איר בקשה וועט אויסגעהערט ווערן, ווייל אין איר רינט דאָס בלוט פון רביים.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, איז געבליבן שטיין אין אַ שוואַרץ קלייד, אַן אַלטס, אַן אויסגעריבנס. זאָקן — ווייסע, שיך — ווייכע מיט שמאָלע נעז, וואָס מען זעט נישט מער. די אויגן זענען געפאַלן אויף לאהן. זי איז אונטערגעגאַנגען. די זעלבע קליידער, די זעלבע זאָקן, דער זעלבער צער אין די מאַט-לענגלעכע פּנימער. ביי־דע האָבן אַ פלאַטער געטאָן מיט די לאַנגע אַרבל, פאַרבראָכן די דינע, פאַרוויינטע הענט:

— שרהלע...

— כ׳האָב שוין קיין ברודער נישט.

קעפּ פאַרהלשטע, איינער פאַרוואָרפן אויף אַ צווייטערס אַקסל. איין הייך, איין אָנבליק, איין הילוך — אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג.

שרהלע האָט די ערשטע זיך אויסגעגלייכט, געקוקט אַ ווייל מיט שטאַרע אויגן אויף לאהן און שטיל אָנגעהויבן:

— די לאַנדסלייט ווילן, אַז מען זאָל חיימען מקבר זיין אויף זייער קרקע.

— מען וועט חיימען נישט מקבר זיין. — האָט לאה אַריבערגע־קוקט שרהלען, גערעדט אין חלל אַריין. — ער האָט פאַרן טויט געבעטן מען זאָל אים פאַרברענען.

— וואָ—אָס? — האָט שרהלע זיך אַ רוק געטאָן אויף לאהן — פאַר־ברע-נען? חיים-מען? דעם לובלינער רבס זון? ביסט פון זינען?

לאה האָט גאָרנישט געענטפערט.

— ניין, לאה, ניין. — זענען די פאַרוויינטע אויגן ביי שרהלען געוואָרן טרוקן ווי פייער. — ער, חיים, איצט מעג מען דאָך זאָגן דעם אמת, ער איז געווען ס׳גאַנצע לעבן צעדרייט, האָט געהאַט אַ ריץ אין קאָפּ... דו אָבער, לאה, — האָט זיך שרהלע צוגעטוליעט צו דער שוועגעריז — [illegible]י-קרוין, כ׳בעט דיך, נישט פאַר מיר, ניין...

טאַטע-מאַמע... דעם לובלינער רב, טו נישט אָן קיין חרפות... אויב פאַרברענען איז דאָך אַלץ אויס, אַלץ... הערסט, אַלץ...

לאה האָט זיך פאַמעלעך אַרויסגעפּלאָנטערט פון שרהלעס הענט, געמאַכט עטלעכע טריט אויף קריק. אירע טיפע מויל-ווינקלען זענען פול געווען מיט עקשנות. דער קנופּ שוואַרצע האָר האָט זיך נידעריקער אַ רוק געטאָן איבערן אויער, אויסגעזען קריגעריש. דאָס שווייגן איז געוואָרן אַלץ פיינלעכער.

שרהלע האָט נישט גערוט. זי איז אונטערגעגאַנגען צום ברודער, וואָס האָט געהאַט אויסגעטאָן דעם רבנישן קאַפּעליוש, איז געשטאַנען אין סאַמעטענעם קאַפּל און האָט געבלעטערט אַ ספר. זי האָט לאַנג אַריינגערעדט אין אים, זיך געחידושט, וואָס ער, דער רב, ליגט נישט איין קיין וועלט, וואָס דאָס אומגליק, דער „פרישער בראָך", גייט אים ווייניקער אָן ווי איר. ביי לייטן אַ ברודער, דערצו נאָך אַ רב, איז אַן אָנגלען, און דאָ — גאָרנישט. משה איז אַ שווייגער, אַ שטיק בטלן, נעמט זיך קיין זאַך נישט צום האַרץ.

דער רב האָט געבלעטערט דאָס ספרל, געקנייטשט דעם שטערן, ס'איז אים קשה געווען — ווי שיקט זיך טאַקע, וואָס יידן האָבן שאולן פאַרברענט? ווי שיקט זיך טאַקע, וואָס יצחק האָט זיך געבעטן ביים פאָטער אויפן באַרג מוריה: „טאַטע-פאָטער, פאַרברען מיך איינגאַנצן, ס'זאָל נאָך מיר קיין ביינדל נישט בלייבן, דאָס אַש זאָלסטו אַהיימברענגען דער מאַמען. אין אַ קרוג וועט די מאַמע אַריינשיטן מיין אַש, עס אַוועקשטעלן אין איר חדר, און יעדעס מאָל, ווען די מאַמע וועט אַריין אין איר חדר, וועט זי מיך דערמאָנען מיט טרערן אין די אויגן".

שרהלע איז ווידער צוגעשטאַנען צו לאהן:

— וואָס שווייגסטו?

— כ'האָב נישט וואָס צו זאָגן.

— דו, לאה, ווילסט מיר זאָגן, אַז דו אַליין וועסט חיימען לאָזן פאַרברענען?

— יאָ.

— משה! — האָט שרהלע נישט גערופן, נאָר געשריען, און אירע טרוקענע אויגן האָבן געשרפעט, געשפריצט משוגעת — ביסט דאָך

דער עלטסטער ברודער, ביסט דאָך אַ רב, רעד דו מיט איר!

דער רב איז אונטערגעגאַנגען, נישט בלויז מיט די פּיס, נאָר מיטן גאַנצן גוף, ווי מען גייט צו אַ דבר־מצווה. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס מען וועט זיך צו אים נישט צוהערן, וואָס פון לאהן רעדט אַרויס חיים. און חיים האָט אים, דעם עלטסטן ברודער, משהן, פיינט געהאַט. ער שטייט שוין לעבן לאהן, זעט, ווי זי פאַררייסט דעם קאָפּ, שאָקלט מיט אים אויף ניין, ניין, ניין. וואָס זאָגט מען? וואָס זאָגט מען לאהן? ער רעדט מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל.

— כ׳מיין טאַקע... ווי שיקט עס זיך... גויים, להבדיל, זענען אויך מקבר זייערע מתים... און דו, לאה, אַ לייבלעך שוועסטערקינד, דו ווייסט דאָך יאָ...

— ניין, ניין, ניין. — האָט לאה געוויגט מיטן קאָפּ.

— אויב ניין, ניין, ניין, טאָ קום, משה, קום! — האָט שרהלע גענומען וויקלען אַרום קאָפּ דעם שוואַרצן זיידענעם שאַל, איז אַריין אינעם לויזן מאַנטל — לאָז אונזער געביין דאָ מער נישט זיין! קום, משה, קום!

לאה איז ווי אַריינגעוואַקסן אין ווינקל — אַ דין, שטום געשריי— און די אויגן, ווי בייטשן, האָבן געטריבן די קרובים:

— גייט! גייט!

## מתנות

מעקאַרמעק, אַ פּאָליציי־סאַרזשענט, איז געזעסן בײַ זיך אויף דער וועראַנדע אָן אַ ראָק און האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ פּונאַנדערגע־נומענעם רעוואָלווער. בײַ זײַנע פֿיס האָט געדרימלט אַ רויטער יאַג־הונט, אַ לאַנג־האָריקער, גלײַך די לויזע פעל וואָלט געווען איבער אים אַריבערגעוואָרפֿן.

דורך דער דראָטענער טיר האָבן זיך געטראָגן שאַרפֿע, באַ־טעמטע ריחות פֿונעם זונטאָגדיקן מיטאָג — געבראָטענע קאַטשקע, אײַנ־געקאָכט קרויט, געבאַקענע קאַרטאָפל, געפּרעגלטע אַספּאַראַגוס, רובאַרב און עפּל־קוכן פֿריש פֿון אויוון. די אַלע גערוכן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די וואַרעמע ווינטעלעך, וואָס זענען אָנגעלאָפֿן פֿון וואַן־קאָרטלענד־פּאַרק, מיטן שטילן געשריי פֿון דעם געשניטענעם גראָז, וואָס האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם.

דאָס, וואָס מעקאַרמעק האָט געהאַט אַ פֿרײַען זונטאָג, וואָס ס׳ווײַב האָט געקאָכט אַזאַ מיטאָג, אַלץ האָט אים צענומען, ברייטער געמאַכט דעם ברוסטקאַסטן. אַן אויפֿגעלייגטער האָט ער צעקנעפּלט ס׳העמד, איבערגעגעבן דאָס האָריקע לײַב די וואַרעמע ווינטלעך און אַליין האָט ער אויפֿגעהערט צו מײַנסטרעווען בײַם רעוואָלווער. ער האָט פֿאַרריסן מויל און נאָז און געווען שטאַרק צופֿרידן, וואָס די ריחות רײַצן זײַן אַפּעטיט.

דער סאַרזשענט, דער הונט — בײדע האָבן אַ הײב געטאָן די קעפּ, געקוקט אויפֿן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם שטילן אונטערגעסל. דער הונט האָט געזוכט דעם באַלעבאָס׳ בליק, געוואָלט וויסן צי ער דאַרף בילן, צי ער קען ווײַטער ליגן און דרעמלען.

מעקאָרמעק האָט אַ גלעט געטאָן דעם הונט איבער דער לענג־לעכער מאָרדע, דערפילט צווישן די פינגער אַ שאַרפע שוימיקע צונג, דערפילט פאַרשפיצטע ציין און זיך געחידושט, ווער קען זיין דער פאַרשוין, וואָס איז אַרויס פון דער „מאַשין" און לאָזט זיך גיין צו דער וועראַנדע. דאַכט זיך, אַ באַקאַנטער.

דער פרעמדער, אין אַ העלן, געפּאַסטן אָנצוג, האָט אַ הייב געטאָן דעם שטרויענעם קאַפּעליוש מיט די שפּיצן און ווילעריש זיך באַגריסט:

— האַלאָ, קעפּטען!

— ווי קומסטו אַהער, גאָלד? — האָט דער סאַרזשענט אים געגעבן אַ האַנט און אַוועקגעזעצט דעם גאַסט קעגנאיבער זיך אויף אַ וויג־שטול, — האָב נישט מורא, דער הונט בייסט נישט.

די ריחות, וואָס זענען געקומען פון קיך, זענען געוואָרן פאַרשייטער, געררייצט די בויגיקע נאָזלעכער און אונטערן האַרץ האָט דער אַפּעטיט זיך געבלעזלט, גענאָגט.

גאָלד האָט נישט געענטפערט אויף דעם סאַרזשענטס פראַגע. ער האָט אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער קעשענע, ווו עס איז געווען אַן אויסשטעלונג פון שרייבפעדערס און בלייפעדערס, צוויי ציגאַרן, פאַרקוועטשט בשעת מעשה אַן אויג, געמיינט, אַז די רייד וועלן אַזוי נאָך אַרויסקומען וואָגיקער:

— מיט אַזאַ ציגאַר פאַרדייעט מען בעסער דעם מיטאָג.

מעקאָרמעק האָט גענומען אַ ציגאַר, זיך געכאַפּט. אַז ער האָט שוין ביידע, און זיך אַ רגע געקווענקלט, צי ער דאַרף נישט איינעם אומקערן. גאָלד האָט זיך געמאַכט נישט זען. זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די ליידיקע פעלדער, איבער דעם פרישגעשניטענעם פאַרק און דער מוח האָט געזוכט אַן אָפן טירל.

— דאָ, קעפּטען, וואָלט איך אויך געוועזן אַ בעלן צו וווינען, — האָט גאָלד בענטער אַ רוק געטאָן זיין וויג־שטול צו מעקאָרמעקן. — ווי איז דירה־געלט דאָ, ביליק?

— פון מיינע „לויזיקע" שכירות וואָלט איך דאָ נישט געקאָנט וווינען. — האָט דער פּאָליציאַנט אויף גיך צונויפגעשטעלט דעם רעוואָלווער.

— דאָס ווייס איך. — האָט גאָלד זיך צוריק אַ רוק געטאָן אָן

אַ זייט, נישט געוואָלט אויסקומען קעגנאיבער דעם רעוואָלווער.

— וואָס ווייסטו? — האָט מעקאָרמעק גענומען רעדן מיט היץ — אַ מענטש אין אַ געשעפט, אַפילו אַ פעדלער פאַרדינט דאָך מער פאַר מיר. דער זון מיינער שטודירט אַגראָנאָמיע, די טאָכטער ווערט היי־יאָר אַ פיאַנע־לערערין. דאָס אַלץ קאָסט געלט! — האָט דער סאַר־זשענט אַ הייב געטאָן די האַנט מיטן רעוואָלווער גלייך אויף גאָלדן, אַז יענער האָט פון שרעק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— האָב נישט מורא, דער רעוואָלווער איז נישט אָנגעלאָדן. — האָט דער פּאָליציאַנט זיך צעלאַכט.

— ווער האָט מורא? — איז גאָלד שוין ווידער געזעסן אויף דעם שטול און אים געוואָלט פאַררעדן, — אַז מען האַלט אין איין העכערן דעם מעיאָרס שכירות, דעם וויצע־מעיאָרס, ווער וועט אין זינען האָבן די פּאָליציי?

— זאָג עס נאָכאַמאָל! — האָט דער סאַרזשענט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף גאָלדס קני.

גאָלד האָט אָפּגעלעבט. צי פון דעם פּאָליציאַנטס האַנט, וואָס איז געלעגן אויף גאָלדס קני, ווי עס זאָל נישט זיין, גאָלדס שמאָלער גוף איז איבערגעלאָפן מיט קוראַזש. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַכטל אַ האַנט־זייגערל און עס געלאָזט ליגן אויפן מירמלשטיינערנעם טישל:

— אייער טאָכטער, זאָגט איר, ענדיקט אויף פּיאַנע־לערערין? וועט דאָס זייגערל איר צונוץ קומען. ס'איז אַ גוטס, אַן עלדזשין.

— אַ דאַנק, גאָלד, אַ דאַנק. — האָט דער סאַרזשענט אים שטאַר־קער אַ דרוק געטאָן די קני. — ווי איז ביזנעס?

— וועגן דעם, קעפּטען, בין איך צו אייך געקומען. — האָבן די אויגן, דאָס מויל, דאָס גאַנצע פּנים האָט גערעדט ביי גאָלדן. — איצט זומער לייזט מען נישט. ווען עולם גייט פון שאָפּ, פון פאַבריק, דאַרפן מיר שליסן די געשעפטן. איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן אַן „אָקשען״ *) אַ וואָך צייט. וויל איך פון אייך אַן ערלויבעניש צו האַלטן מיין „נאָוועלטי־שאָפּ״ פאַר אַ וואָך צייט ביז עלף אין אָוונט. כ'וויל

---

*) = אַ ליציטאַציע.

עס נישט בחינם. איר קריגט, קעפטען, אַ הונדערטער, אַחוץ קליינ־קייטן פֿאַר אייער פרוי, פֿאַר דער טאָכטער... איר קענט גאָלדן...

— גוט, גוט, „אָלד באָי", — האָט דער סאַרזשענט אים מער נישט געלאָזט רעדן, זיך אַ שטעל געטאָן און אַרומגענומען גאָלדן, — מאָרגן וועל איך זיין ביי דיר.

— זאָגט איר מיר צו, קעפטען? — האָט גאָלד געהאַלטן אין איין אויסמיידן דעם האַריקן הונט.

— יאָ, גאָלד, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. — האָט דער סאַר־זשענט געהאַלטן דעם הונט פֿאַר די אויערן און זיין גאַנץ געשטעל האָט געלאַכט. — גיי, גאָלד, ער וועט דיר גאָרנישט טאָן.

*

*

נאָכמיטאָג איז מעקאָרמעק געלעגן אין דער וועראַנדע אויף אַ גע־פֿלאָכטענער סאָפע און האָט געבלאָזן מיט די ליפּן. פֿליגן מיט אַ שטאָלענעם גלאַנץ אין די פֿליגל, אין די בייכער האָבן געשפּונען מיט די פֿיסלעך אַרום דעם סאַרזשענטס מויל, זיך געלאָבט מיטן זיסן שנאַפּס, מיט די קרישקעס „עפּל־פּאַי", וואָס זענען דאָרט געבליבן.

דאָס ווייב, אַ באַלייבטע, איז געזעסן אין דער וויג־שטול און האָט געליינט די זונטאָג־צייטונגען, וואָס זענען געווען צעשאָטן אַרום איר. די צייטונגען האָבן זיך געבלאָזן, געווינטלט, פֿאַרדעקט דעם האַריקן הונט.

אין דער נאָכמיטאָג־שטילקייט. ווו יעדער קלאַנג האָט זיך פֿאַר־שאַרפֿט, האָבן טריט געקלאַפּט איבערן טראָטואַר, זיך געהאַלטן אין איין טאָפּלען, ווי נישט איין מענטש וואָלט געגאַנגען, נאָר אַן עולם.

דאָס איז אָנגעקומען גרין, גאָלדס אַ קאָנקורענט, וואָס האָט אויך געהאַט אין שכנות אַ „נאָוועלטי־שאָפּ". ער האָט נאָך שבת איני־דערפֿרי געוווּסט, אַז גאָלד קלייבט זיך צום סאַרזשענט מיט אַ מתּנה. און ווען נישט גרינס ווייב, וואָס האָט דעם מאַן נישט געלאָזט אַוועק פֿאַר מיטאָג, וואָלטן זיך ביידע קאָנקורענטן באַגעגנט.

גרין איז געבליבן שטיין ביי די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט אין דער וועראַנדע אַריין. ער האָט עלעגאַנט אַ הייב געטאָן דעם

שטרויענעם קאַפּעליוש און שטיל אַ פֿרעג געטאָן בײַ דער דאַמע:

— אַנטשולדיקט, וווּ קען מען דאָ קויפן מעקאָרמעק?

מיסעס מעקאָרמעק האָט געוויזן מיט דער האַנט, אַז דער מאַן שלאָפֿט און אויף שטים-לשון אים געהייסן אַרײַנגיין אין דער הינטער-שטער וועראַנדע, וואָס איז געווען בײַ דער קיך.

איידער וואָס-ווען האָט גרין שוין געהאַט צעלייגט אויפֿן טיש אַ בראַסלעט, אַ בראָש, אוירינגלעך, אַלץ געזעצט מיט קליינע גראַ-נאַטלעך.

— געפֿעלט עס אײַך, מאַדאַם? — איז גרין געוואָרן אויפֿגעהײַ-טערטער לויט דעם, ווי מיסיס מעקאָרמעקס אויגן זענען געוואָרן גייציקער.

— און אַז ט'געפֿעלט מיר? — האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס ביסל צירונג, ווי מען נעמט אַ פֿייגעלע עס זאָל נישט אַוועקפֿליען — פֿאַר מײַן מאַנס שׂכירות קען איך זיך דאָס נישט קויפֿן.

— דאָס איז פֿאַר אײַך, לײדי מעקאָרמעק, — האָבן די ווערטער בײַ גרינען געציטערט, ווי וואַסער, ווען עס טראָגט זיך איבער דעם אַ ווינט, — ס'איז אַ מתּנה... אַ קליינע מתּנה, ווען כ'קריג בײַם קעפּ-טען אַן ערלויבעניש, צו מאַכן אַן „אָקשען" פֿאַר אַ וואָך צײַט אין מײַן „נאָוועלטי-שאָפּ". נישט אומזיסט וויל איך עס, לײדי, נישט אומזיסט...

— איר וועט בײַ אים קריגן אַן ערלויבעניש. — האָט די לײ-ביקע מיסעס מעקאָרמעק זיך גענומען אָנטאָן דאָס ביסל צירונג. — וואַרט-צו, כ'וועל אים אויפֿוועקן.

— איר דאַרפֿט אים נישט וועקן, מיסעס מעקאָרמעק, כ'האָב צײַט, כ'קען צווואַרטן.

— גענוג געשלאָפֿן! — איז זי אַרויס און פֿאַרקלאַפּט נאָך זיך די דראַטענע טיר.

* *
*

אַ גאַנצן טאָג האָט גאָלד זיך געגרייט צום „אָקשען", ער האָט דרײַ מאָל איבערגעשטעלט די וויטרינע. פֿאַרנאַכט האָט מען איבערן געשעפֿט אַרויפֿגעצויגן אַ שילד מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, ווו רויטע

אותיות האָבן אויסגערעכנט מציאות, גערופן פֿאַרבייגייער, צוגעזאָגט מתּנות. גאָלד, זיין ווייב, דער משרת, אַלע זענען געווען פּיקס־און־פֿאַרטיק, בלויז געוואַרט די אַרומיקע געשעפֿטן זאָלן זיך שליסן, ווען זיך דער „אָקשען" אָנהייבן.

פּונקט דעמאָלט האָט גאָלדס קאָנקורענט, מיסטער גרין, אויך אַרויסגעהאָנגען אַ שילד און כּמעט אַן ענלעכע. דער משרת, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר אַן אויסגעפּוצטער, דער קאָפּ אויסגעשמירט מיט שמעקעדיקער פּאָמאַדע, האָט דער ערשטער דערזען די שילד און איז אַריין צום באַלעבאָס אַ געפּלעפּטער:

— מיסטער גאָלד, ביי גרינען איז אויך היינט אַן „אָקשען"!

גאָלד האָט זיך איבערגעקוקט מיטן ווייב. די אויגן זענען ביי אים געוואָרן גרעסער, ס'פּנים לענגער און ער האָט אַ הייב געטאָן דעם צייגפֿינגער צום שטערן:

— אַזוי גאָר?!

— מיינסטו, אַז ער האָט אויך אַן ערלויבעניש? — האָט דאָס ווייב שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו ברענגען די רייד איבער די ליפּן.

— אַז איך האָב, קען ער דאָך נישט האָבן, — האָט גאָלד זיך געבייזערט וואָס דעם ווייב קען אַלץ איינפֿאַלן, — נאָר אַז ער האָט אַריינגעשטעקט דעם געשטופּלטן פּאָליסמאַן אַ „מנה יפה", איז ביי מיר קיין ספק נישט.

— איך וואָלט עס נישט פֿאַרשוויגן. — האָט דאָס ווייב געהעצט דעם מאַן.

— איך אויך נישט. — האָט דער משרת צוגעגעבן.

— איז וואָס? — זענען גאָלדס פֿינגער געקראָכן איבער דער געגאָלטער גאָמבע, געזוכט אַן עצה.

— איך וואָלט אים אַריינגעשיקט אַ פּאָליסמאַן, — האָט דאָס ווייב זיך געקאָכט, — לאָז ער ווייזן אַן ערלויבעניש.

— ביסט גערעכט.

איינציקווייז האָבן די געשעפֿטן זיך גענומען שליסן. געבליבן אָפֿן זענען גאָלדס „נאָוועלטי־שאַפּ" און גרינס. עולם, וואָס איז געגאַנגען פֿון דער אַרבעט, איז געבליבן שטיין ביי די וויטשאַוועס,

זיך געקליבן, נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון די מציאות.

צו גרינען אין „נאָוועלטי־שאַפּ" איז אַריין אַ פּאָליסמאַן:

— וואָס פּאַרמאַכט איר נישט דעם „סטאָר"?

— איך האָב אַן ערלויבעניש צו האַלטן אָפן ביז עלף. — האָט גרין זיך אַרויסגערוקט און יעדעס וואָרט איז ביי אים אַרויס מיט אַ פּייף, ווי ער וואָלט געקנאָטן טייג.

— לאָז ער ווייזן די ערלויבעניש! — איז גאָלד אויסגעוואַקסן הינטערן פּאָליסמאַן.

— ס'זאָל זיך דיר אַזוי פּיל מכות זעצן, מיין שכן, ווי גרויס ערלויבעניש איך האָב. — האָט גרין אונטערגעטראָגן דעם פּאָליסמאַן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט מעקאָרמעקס חתימה, און געקוקט מיט ניצחון אויף גאָלדן.

גאָלד איז אַרויס אַן אָפּגעשמיסענער, האָט געשאָלטן דעם „איי־רישן שיכּור", וואָס האָט אי ביי אים, אי ביי גרינען גענומען כּאַ־באַר. און די אויגן דײַנע, צעפּינטלטע, האָבן נישט געזען דעם וועג אַהיים. בלויז די שילדן, רויטע, צעפלאַמטע, האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי געשפּאָרעטע העגער, זיך געריסן פון די קראָמען, גרייט געווען איינער דעם צווייטן אויסצודראַפּען די אויגן.

1930

# אַ פּאָקער

דער „קאָנקאָרס” איז שטאָלץ געווען מיט דער שול „תּפארת-ישראל”, וואָס איז געשטאַנען מיט אַזאַ רחבות צווישן די רייכע מויערן. דער אַריינגאַנג, די ברייטע מירמלשטיינערנע טרעפּ, די געשמידטע טירן און טויערן, און דער עיקר האָבן געריסן די אויגן די געוועלבטע גלעזערנע דעכער, וואָס האָבן זיך געדעדלט אַ דאַך איבער אַ דאַך, זיך פֿאַרקניפּט אין אַ קאָלירטן קופּאָל מיט אַ טראָלד.

די שול האָט פֿאַראייניקט דעם רייכן ישוב. האָט איינער זיך אַרויפֿגעאַרבעט אויפֿן „קאָנקאָרס”, איז אים געגאַנגען אין לעבן זיך איינצוקויפֿן אין שול. און נישט בלויז לאַנד-אייגנטימער און פֿאַבריקאַנטן, נאָר אויך דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, מוזיק-פּראָפֿעסאָרן און כל-ערליי אַגענטן האָבן זיך געדרייט אַרום דער שול, געזוכט „ביזנעס”.

עס איז געווען שבת-צונאַכטס. דער „דזשעניטאָר” האָט שוין געהאַט פֿאַרמאַכט די אײַזערנע, פֿאַרשפּיצטע טויערן, וואָס זענען געשטאַנען איבער די מירמלשטיינערנע טרעפּ ווי שפּיזן, געהאַט אויסגעלאָשן די מאַסיווע לאָמפּן ביים אַריינגאַנג, איבערגעלאָזט אַ קליינע קאָלירטע לאַמטערנע, וואָס האָט פֿאַרקלענערט די רחבות אַרום דער שול, טיפֿער געמאַכט די באַהעלטענישן צווישן די שטיינערנע פֿליטעס.

איין אויטאָמאָביל נאָכן צווייטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן אַריינגאַנג. דער שול-פּרעזידענט, דער וויצע-פּרעזידענט, די דירעקטאָרן, כמעט אַלע מיט די ווייבער, זענען זיך צונויפֿגעקומען אין דעם גרויסן אָפֿיס פֿון דער שול.

דער סעקרעטער, אַ פֿאַרפּוצט מענטשל, האָט געהאַלטן אין איין אַרויסרוקן שטולן, און אַז ער האָט באַזעצט דעם פּרעזידענטס ווייב, דעם וויצע-פּרעזידענטס ווייב איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט. ביי אים

איז מיסטער וואָרטעל נישט געווען בלויז דער פּרעזידענט פון דער שול „תפארת ישראל". וואָרטעל — דאָס איז דער נייער ישוב, ווו נישט איין „בלאָק" פינף- און זעקס-שטאָקיקע הייזער געהערן צו אים. דאָס זעלבע מיסטער ענדפאָרד — דער וויצע-פּרעזידענט. דאָס זעלבע די דירעק־טאָרן — בוירג און ווייס. דעם דאָקטאָר היבל און דעם אַדוואָקאַט פּיטש האָט דער סעקרעטער איצט כמעט ווי נישט באַמערקט, געוווּסט אַז ווען נישט די קאַרפּן-קעפּ, די אמתע גבירים, וואָלטן דאָך אַזאַ פּיטש, צי אַ היבל קיינמאָל אַהער נישט אַריינגעשמעקט.

— וואָס האָבן מיר אויפן טאַגעס-אָרדענונג? — האָט דער פּרע־זידענט אַ זאָג געטאָן אין זיין ברייטער גאַליציאַנער אויסשפּראַך.

— נייע מיטגלידער און מעות-חטים. — האָט דער סעקרעטער אים אונטערגעטראָגן דעם טאָג-אָרדענונג געשריבן אויף אַ מאַשינקע.

— סעקרעטער, איר האָט אויסגעלאָזט אַ פּונקט, — האָט דער וויצע-פּרעזידענט זיך אָנגערופן, — שטעלט אַרויף „אָפּען פּאָקער".

— גערעכט, מר. ענדפאָרד איז גערעכט. — האָט דר. היבל זיך צעלאַכט.

— אָפּען פּאָקער איז שטענדיק אויפן טאָג-אָרדענונג. — האָט ער צוגעגעבן מיט דער זיכערקייט פון אַ יוריסט.

— ווי טייער?

— פינף דאָלאַר און צען.

דער עולם האָט זיך צעזעצט אַרום אַ פיר-עקיקן טיש געדעקט מיט בלוי טוך און דער אָפיס איז פול געוואָרן מיט ציגאַרן-רויך.

די דאַמען זענען אַריין אין זאַל, ווו קלינאָוו, דער שול-קאַנטאָר, האָט געזונגען אַ ציגיינערישן ראָמאַנס און אַליין זיך אַקאָמפּאַנירט אויף דער פּיאַנע. קלינאָוו איז נישט געווען סתם קיין חזן. אין איי־ראָפּע און אַפילו אין ניו-יאָרק איז ער פון מאָל צו מאָל אויפגע־טראָטן אין דער אָפּערע, אַליין געשריבן מוזיק און זיך אַלץ געקליבן איבערצוראַשן די מוזיקאַלישע וועלט. דערווייל האָט זיך אים אונטער־געגרוקט די רייכע שול און שוין דאָס צווייטע יאָר ווי ער ווייגט די באַלעבאַטים און זייערע ווייבער.

צוויי יונגע דאַמען האָבן זיך לייכט געלאָזט איבערן זאַל, זיך געוויגט צום טאַקט פון ראָמאַנס. די איבעריקע האָבן קוים צוגעקלאַפּט

מיט די הענט. קלינאָוו האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ שוואַרצע האָר, זיך צעזונגען העכער, מיטאַמאָל איבערגעריסן און עלעגאַנט באַגריסט איין דאַמע נאָך דער צווייטער:

— כ'האָב נייע לידער, מיסעס וואָרטעל.

— דריי נייע לידער, מיסעס ענדפאָרד!

— מיר זאָלט איר נאָר זינגען „ס'חסידל". — האָט מיסעס וואָרטעל אַ נעם געטאָן די יונגע מיסעס פיטש פאַר דער טאַליע און איר עפּעס פאַרשייט איינגערוימט.

— זינגט טאַקע ס'חסידל. — האָט מיסעס היבל זיך געפּיעשטשעט.

— ס'חסידל, ס'חסידל!

— אַז איר וועט מיר צוהעלפן. — איז קלינאָוו געשטאַנען צווישן די ווייבער, ווי אַ האָן מיט אַ פאַרריסענעם קאַם, און פון גרויס נחת נישט געוווסט וועמען פריער אויסצוהערן.

איצט ערשט האָבן די דאַמען גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די פעלצן, די קאַפּעליושן, געוואָרן יינגער, רירעוודיקער, זיך צעזעצט אַרום דער פּיאַנע, ווו קלינאָוו איז געשטאַנען. ער האָט געקלאַפּט מיט איין פינגער איבער די קלאַווישן און אויסגעפּרובירט דעם האַלז זיינעם.

— טאָ הערט-זשע, מיינע דאַמען, — האָט קלינאָוו אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ האָר און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעשפּילט נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן זינגען, — יעדעס מאָל ווען כ'וועל ענדיקן, זאָלט איר אַלע אונטערכאַפּן:

— זאָגט דאָס חסידל: בים, באָם!

— זאָגט דאָס חסידל: בי—ים, באַ—אַם!

וואָס פאַרשייטער קלינאָווס קנייטשלעך זענען געווען ביים זינגען, אַלץ מער האָבן די ווייבער אָנגעקוואָלן. זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווי דר. גלאָק, זייער ראַביי, איז אַריינגעקומען מיט דער גאָר יונגער רביצין.

דער זאַל, די עלעקטרישע לאָמפּן, די שאָלן טיי, וואָס זענען געווען צעשטעלט אויף אַ זייטיקן טיש, און די צוויי פאַרוויטלטע שיקסלעך, וואָס האָבן באַדינט, אַלץ האָט מיטגעזונגען:

— זאָגט דאָס חסידל: בים, באָם!

— זאָגט דאָס חסידל: בי—ים, באַ—אַם!

קלינאָוו האָט געענדיקט.

— נאָכאַמאָל!

— מיסטער קלינאָוו, — האָבן פאַרפלאַמטע פנימער זיך ביי אים געבעטן, — נאָכאַמאָל!

— אַ וואונדערבאַר ליד!

— אַ טייער ליד!

— מיסטער קלינאָוו וועט עס נאָכאַמאָל מוזן זינגען!

— וואָס מאַכט איר, דר. גלאָק? — האָט מרס. וואָרטעל באַגריסט דעם רבין און אַ גלעט געטאָן, מעשה מאַמע, דער רביצין איבער די באַקן — און איר, יונגע רביצין, וואָס מאַכט?

באַלד זענען אויסגעוואַקסן מיסעס היבל, מיסעס בוירג און מיסעס ווייס, זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אַ געמאָלטע שפּאַנישע וואַנט, פאַרשטעלט דעם ראַבאַי מיט דער רביצין. מיסעס היבל האָט אָנגעהויבן:

— כ׳האָב נישט געוווסט, אַז מיר יידן האָבן אַזוינע שיינע פאָלקס-לידער.

— איך אויך נישט. — האָט מיסעס ווייס צוגעגעבן.

— און ווי מיסטער קלינאָוו זינגט די לידער!

— פּראַכטפול!

— נעגערס זענען זייער באַרימט מיט זייערע פאָלקס-לידער. — האָט דער ראַבאַי אָפּגעהוסט, געוווען גרייט אָפּצוזאָגן אַ דרשה.

— איר מיינט די „ספּיריטשועליסטס", דאָקטאָר?

— אַזאַ לידל, ווי „ס׳קאָסעטל" האָבן זיי נישט. — האָט מיסעס בוירג אַרויסגערעדט די יידישע ווערטער ווי אַ גוי. — די נעגערשע לידער זענען טרויעריקע און דאָ, אַז קלינאָוו זינגט, ברענט דאָך די ערד אונטער די פיס.

— צום טיש, צום טיש, דער טיי ווערט קאַלט! — האָט מיסעס וואָרטעל גערוקט די שאַלן טיי, דעם אָנגעשניטענעם כיבוד, וואָס איז געלעגן אין אַ געפלאָכטן קאָשיקל — ליידיס, צום טיש!

אַלע האָבן גערעדט אינאיינעם, זיך כמעט נישט צוגעהערט וואָס די צווייטע זאָגן, און דער זאַל איז פול געווען מיט די זיבן ווייבער, מיט זייער געגודעריי.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. מיסעס פּיטש האָט צוגעלייגט דאָס אויער:

— העלאָ!

— ער איז דאָ.

— גלייך רוף איך אים, — האָט מיסעס פּיטש אַוועקגעשטעלט דאָס טרייבל און אַ זאָג געטאָן צום עולם: — מזל־טוב, דר. היבלס אַ פּאַציענטקע גייט צו קינד!

— מזל־טוב! מזל־טוב!

מיסעס היבל האָט אַ כאַפּ געטאָן מיסעס פּיטש און ביידע האָבן זיך געלאָזט אין אָפּיס אַריין, ווו די מענער זענען געזעסן אַרום דעם פּירעקיקן טיש און געשמאַק געשפּילט פּאָקער.

— בען, — האָט מיסעס היבל איינגערוימט דעם מאַן, — מיסעס גאָלד גייט צו קינד, מ׳וויל זאָלסט גלייך קומען.

— ווער? מיסעס גאָלד? — איז דער דאָקטאָר געווען אַזוי פאַר־טאָן אין די קאָרטן, אַז ער האָט גלייך נישט געכאַפּט וואָס מען וויל פון אים, — אַ, מיסעס גאָלד! זאָג, מאַמעלע, אַז כ׳וועל זיין אין אַ האַלבע שעה אַרום.

די שפּילערס זענען געזעסן שטיל, כמעט נישט גערעדט. מען האָט געטיילט קאָרטן, געוואָרפן פּאַפּיר־געלט, און די שווערע הונדער־טער, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, זענען געגאַנגען פון איין האַנט צו דער צווייטער.

— וואָס טומלט איר אַזוי דאָרט, ווייבער? — האָט איינער גע־לאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— מיר טומלען? — האָט מיסעס פּיטש זיך צעלאַכט, — מיר זינ־גען! גענוג געשפּילט, מאַנסבילן, קומט אַריין, וועט זיין פריילעכער! באַלד ווי מען קומט זיך צונויף — אין קאָרטן!

זי האָט זיך אַ בייג געטאָן איבערן טיש, געוואָלט צעשאַרן אַלע געלטער, האָט עמיצער זי פון הינטן אַ כאַפּ געטאָן:

— מיר וועלן לאַנג נישט שפּילן, מיסעס פּיטש...

— געדענקט־זשע. — האָבן ביידע ווייבער געזאָגט מיטאַמאָל און זיך אַרויסגעשאַרט פון אָפּיס.

די מאַנסבילן האָבן אָפּגעאָטעמט, פאַרשלאָסן די טיר, וואָס האָט

געפירט פון אָפּיס אין זאַל אַריין, און זיך טיפער אַריינגעזעצט אין די שטולן. דער דאָקטאָר האָט אויפן פּלאַץ פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ קימפּעטאָרין און קיינער פון דער פאַרוואַלטונג האָט מער נישט גע־טראַכט וועגן „מעות־חטים״ פאַר אָרעמעלייט, נישט געזען ווי דער געשניצטער אָרון־קודש קוקט אויף זיי פון דער אָפענער שול אַרויס. דער „פּאָקער״ אין דער שול „תפארת־ישראל״ איז געוואָרן לעבעדיקער, אַזאַרטישער.

1929

## דער צייגפינגער

אַן אויפגעהייטערטע, די אויגן, די באַקן צעפלאַמט, האָט מערי, האַלב נאָך צוועלף ביינאַכט, זיך געהויבן איבער די טרעפ פון דעם הויז, ווי זי האָט געוווינט. איר קליין, רויט היטעלע איז ווילעריש געזעסן אויף די שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך אַליין צעפלאָכטן, זענען געפאַלן לאָקנווייז איבער דעם שטערן, איבער דעם פנים, איבער דעם האַלז. דאָס ברוינע זיידענע קלייד איז געווען צעקנייטשט, נישט פאַרקנעפּלט ביי דער ברוסט.

זי האָט אַ ווייל געזוכט אין איר בייטל דעם שליסל, קיין חשק נישט געהאַט אַריינצוגיין אין דעם ענגן שלאָפצימער, בלייבן דאָרט איינע אַליין אַ גאַנצע נאַכט, זיך שטיקן מיט דער רחבות, וואָס שפּרייט זיך אין איר, מיט איר. די פיס, דער קאָפּ, אַלץ איז ביי איר איצט געווען אַזוי לופטיק, נישט געצויגן צום בעט, און אויף די באַקן, אַרום די אויגן און אַרום די ליפּן האָט געקילט, ווי פון מיענטע־צוקערלעך. דאָס האָט דאָקטאָר גראָס, איר באַקאַנטער דענטיסט, זי אַזוי געקושט אין פּאַרק, איז צוגעשטאַנען, אַז ער מוז זיך מיט איר מאָרגן ווידער טרעפן. זי האָט אַפילו זיך געפילט שולדיק פאַר בענען, וואָס גייט שוין מיט איר דאָס דריטע יאָר און פאַרדינט נישט מער ווי פינף-און-צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. דער אייגענער פאָרוווּרף איז איצט אָבער געווען אַזוי ווייט, צומאָל נישט איבערגעלאָזט קיין קנייטשל, קיין בלעזל אויף מעריס ליכטיקן פּנים.

זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר. פון לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר האָט די נאַכט, אַ לעבלעכע, אַ פאַרשטיקטע, איר אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אַריין. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם איז מערי האַסטיק אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. זי האָט אַ שלעפּ געטאָן פון קאָפּ דאָס

היטעלע און אַ שיק געטאָן דעם בייטל, דאָס היטל, די הענטשקעס אויף דעם בעט. די זאַכן זענען אָפּגעשפּרונגען און אַ מענטש האָט זיך אַ הויב געטאָן פון געלעגער:

— מערי?

— ווער איז, בען? — האָט מערי, אַן איבערגעשראָקענע, זיך שוין געוואָלט אַ רוק טאָן צו דער טיר, זיך גלייך געכאַפּט, אַז עס איז איר חתן, און זי האָט אים, אַ שולדיקע, גענומען באַוואַרפן מיט פראַגעס: — איך האָב דיר עפּעס געטאָן? ווי קומסטו היינט, דאָנערשטאָג, אַהער? וואַרטסט שוין לאַנג אויף מיר? האָב איך זיך איבערגעשראָקן, בען!

— אַ גאַנצן אָוונט ליג איך דאָ אויף דעם בעט. — איז בען אַראָפּ פון געלעגער.

ער האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע לעמפל, וואָס האָט געהאָנגען אין מיטן צימער, און ביידע האָבן גענומען זשמורען מיט די אויגן. זיין בליק איז פון דער זייט געפאַלן אויף דעם זיידענעם קלייד, וואָס איז געווען אויסגעקנייטשט, אויף די צעפּאַטלטע האָר, אויף דעם, וואָס מערי פאַרלירט זיך, רויטלט זיך, און אירע פינגער פּלאָנטערן זיך צווישן די אָפענע קנעפּלעך. ער האָט עפּעס חושד געווען און זי געפרעגט:

— וווּ ביסטו געווען אַ גאַנצן אָוונט?

— אין וואָדעוויל. — האָט דאָס חן-גריבעלע, וואָס איז געווען אין דער מיט גאָמבע, געשמייכלט ביי מערין.

— אַליין?

זי האָט געשאָקלט מיט דעם קאָפּ אויף ניין און אירע צעשאָטענע לאָקן האָבן זיך געוויגט אַרום דעם צעפּיעשטשעטן פּנים, ווי גלעקלעך.

— מיט וועם? — האָט בען אַן אָנגעכמורעטער געפרעגט.

— אַז ביסט שוין אָנגעבלאָזן? — האָט מערי זיך צעלאַכט.

— ווער איז אָנגעבלאָזן? — האָט בען אַ שטעק געטאָן די הענט אין די הויזן-קעשענעס און די אויגן זענען ביי אים געוואָרן פינצטער.

— דו, בען, נישט איך. — האָט זי אים הינטעווייַלעכס אַ שטופּ געטאָן מיט אַן עלנבויגן.

— זאָג שוין, מיט וועמען ביסטו געווען? — האָט ער זיך אָפּ־גערוקט פון איר.

— מוזט פריער אַ שמייכל טאָן. — האָט מערי זיך געהנדלט.— נאָך אַמאָל!

— נו, מאַך שוין נישט דיינע שטיק. — איז דער שמייכל ביי אים אויסגעקומען אַ צעקרימטער, ווי ביי אַ קינד, וואָס צעלאַכט זיך אין מיטן וויינען.

— מיט אַ יונגנמאַן בין איך געווען. — האָט מערי זיך אים אַ שטעל געטאָן אין פנים אַריין, זיך געהויבן אויף אירע הויכע, בייגי־קע פיס, ווי אויף רעסאָרעס, און די גרויסע, ברוינע אויגן האָבן זיך געפלעמלט...

— וואָס דען, מיט אַ מיידל וועסטו גיין? — האָט בען איר נישט געקענט קוקן גלייך אין פנים אַריין, — ווער איז דאָס געווען דער גליקלעכער?

— דאָקטאָר גראָס.

— דער דענטיסט דיינער?

— יאָ.

— ווי פאַלסטו עפּעס אויס צו גיין מיט אים?

— ער האָט מיך געבעטן.

— אַזוי, ער האָט דיך געבעטן, — איז דער שמייכל נישט געוואָרן אויף בענס פנים, — וואָס דען, דו האָסט אים געדאַרפט בעטן? און יעדער, וואָס וועט דיך בעטן, וועסטו גיין מיט אים?

— דאָקטאָר גראָס איז נישט „יעדער". — איז מעריס ליכטיק פנים אויך געוואָרן אָנגעכמורעט און אירע צעשויבערטע האָר האָבן זיך אַ שטעל געטאָן ווי אַ זאַווערוכע. — און אויב דו מיינסט, אַז מיידלעך יאָגן זיך נישט נאָך אים...

— ביסטו די גליקלעכע, מערי! — האָט בען איבערגעריסן די רייד.

— ווער זאָגט?

— ער האָט דאָך דיך אויסגעקליבן.

— האָט ער!

— טאָ גיי צו אים, גיי!

— כ׳וועל ביי דיר נישט פרעגן!
— אוודאי פרעגסטו נישט — גייסט אליין?
— גיי איך!
— און איך זאָג, אַז וועסט נישט גיין! — איז דאָס פּנים ביי בענען געוואָרן מלא רציחה.
— דערווייל קענסטו מיר נאָך גאָרנישט זאָגן, קענסט מיר קיין זאַך נישט דיקטירן! — האָט מערי אים אַ שליידער געטאָן די ווערטער אין פּנים אַריין.
— כ׳קען יאָ! — האָט בען אָנגענומען מערין פאַר אַ האַנט.
זי האָט מיט כּעס אָפּגעוואָרפן זיין האַנט, איז צוגעגאַנגען צו דעם פענצטער, געקוקט אַ ווייל אין דער פינצטערניש און האָט צוגעלייגט איר הייסן שטערן צו דער קילער שויב. בען האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר, איז נישט דערגאַנגען צו דעם פענצטער און איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט הינטער מערין. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי מעריס פאַרשטיקטער אָטעם כאָרכלט, רייסט זיך דורך די פאַרמאַכטע ליפּן. בען האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל:
— מערי, מערי.
— וואָס מינטערסטו מיך? — האָט דאָס גאַנצע לייב ביי איר אויפגעציטערט.
— ביסט בייז, מערי?
— לאָמיך, — האָט זי זיך אָפּגעטרעסלט פון אים, — לאָמיך אליין. גיי, גיי איצט אַהיים. כ׳בעט דיך, גיי אַהיים.
— כ׳וועל נישט גיין.
— ס׳איז מיר דערעסן, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צו אים מיט פייערלעך אין די אויגן, — ס׳איז מיר אַלץ דערעסן: דיינע שטענדיקע טענות און פּרעטענזיעס, דאָס אַרומשלעפּן זיך שוין יאָרן, אַלץ, אַלץ, אַלץ...
טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן איבער אירע באַקן, פון מויל, פון די נאָזלעכער האָט אַ שלאָג געטאָן אַ היץ און די בייגיקע מערי איז איינגעלאָפן, קלענער געוואָרן.
— מערי, טייערע מיינע, — האָט בען זי אַ נעם געטאָן אין

זיינע הענט, זי אַוועקגעזעצט אויף דעם בעט, — ווען דו וואָלסט געוווסט, וויפל מיך האָט געקרענקט, ווי די נכּפה האָט מיך געגעסן, ווי כ'בין געלעגן אַ גאַנצן אָוונט אין געהאַקטע צרות... און דו רייצסט זיך מיט מיר... און אַז עס איז אַ דענטיסט, איז וואָס? כ'האָב אים אין דר'ערד! און גלייב מיר, — האָט ער זי פעסטער צוגעטוליעט צו זיך, — מיר וועלן זיך שוין לאַנג נישט אַרומשלעפן, כ'וועל נאָך די וואָך קריגן געלט, אַסך געלט... פינף הונדערט דאָלאַר וועט געווג זיין אויסצומעבלירן צוויי צימערן מיט אַ קיך? זאָג, ס'וועט געווג זיין?

— ווו וועסטו נעמען פינף הונדערט דאָלאַר? — האָט מערי מיט אירע פינגער-קישעלעך אים געגלעט די האָריקע הענט און די פאַר-לאָפענע אויגן האָבן זיך אויסגעלייטערט.

— כ'וועל קריגן, מערי, כ'וועל קריגן, — האָט ער זי אַרויפגעזעצט צו זיך אויף די קני, — כ'וועל קריגן מער ווי פינף הונדערט דאָלער!

— זאָג, ווו וועסטו קריגן? — האָבן אירע פייכטע, ווייכע באַקן זיך געריבן אָן זיינע שטעכיקע.

— כ'קען דיר נישט זאָגן.

— כ'בעט דיך.

— אַ ירושה.

— לאַכסט...

— אויף מיין וואָרט

אַזוי זענען זיי געלעגן איינער אין צווייטנס אָרעמס, געפלאַפלט אַ שעה, צוויי, און אַז בען איז אַוועק פון מערין, האָט אין מזרח שוין אָנגעהויבן טאָגן.

בען איז שוין נישט אַהיימגעגאַנגען צו זיך. ער האָט אויסגע-טרונקען צוויי טעפלעך שוואַרצע קאַווע און זיך געדרייט אַ גאַנצן פרי-מאָרגן איבער די ליידיקע גאַסן. דער פּלאַן צו קריגן געלט איז אין אים רייף געוואָרן. פונקט אַכט אַזייגער איז בען געשטאַנען ביי דער פאַבריק, ווו מען האָט צוזאַמענגעשטעלט זייגערלעך. ער האָט שוין דאָס פערטע יאָר דאָרט געאַרבעט, אויסגעקוועטשט מיט אַ מאַשין גראַווירן אויף די זילבערנע קאָפּערטעס.

דער נאַכטוועכטער, אַ פאַרשלאָפענער, האָט געעפנט די טירן און אָנגעשטעלט אַ פאָר אויגן אויף בענען:

— וואָס אַזוי פרי, בען?

— מיין זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אַלע שוסטערס גייען באָרוועס, האַ?

בען איז אַריין אין דער פאַבריק, אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש, אָנגעטאָן זיך אַ פּאָר „אָוועראָלס" און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לייענען די געדרוקטע טאַבעלע, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט. די אותיות, די ציפערן האָבן זיך געדרייט פאַר זיי־נע אויגן, פאַר דעם קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט — צוויי הונדערט דאָלער, פון דער רעכטער האַנט — דריי הונדערט, און אַזוי העכער, העכער. פאַר דעם ציינגפינגער פון דער רעכטער האַנט — גאַנצע טויזנט דאָלער.

בען האָט פאַרמאַכט די האַנט, אויסגעשטעקט דעם צייגפינגער מיט דעם אַרומגעריסענעם נאָגל, אַ גלייכן, אַ שטייפן פינגער, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

„דאָס וועט קאָסטן דער פאַבריק גאַנצע טויזנט דאָלער!".

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף. אַרבעטער זענען געלאָפן הין, צוריק, זיך אַוועקגעשטעלט ביי די וואַרשטאַטן. בען האָט צעשאָטן אַפּאָר טוץ קאָפּערטעס, זיי געלייגט אונטערן שווערן האַמער, וואָס איז געפאַלן מיט אימפעט פון עטלעכע טויזנט פונט, בולט אויסגעקוועטשט אויף די זילבערנע טירלעך די גראַווירן.

דער רויש און דער טומל איז געוואָרן העכער. געהאָנגען אי־בער די וואַרשטאַטן, איבער די אַרבעטער. בען האָט אַ הייב געטאָן דעם האַמער, אונטערגעלייגט אַ קאָפּערטע, אַ צווייטע, אַ דריטע, שנעל צו־געקלאַפּט דעם פינגער, זיך גערייצט מיט דער מאַשין, מיט דער פאַבריק, מיט דער גאַנצער וועלט. פאַר די אויגן האָבן געפלאַטערט די טויזנט דאָלער, זיך צעוואַקסן, געוואָרן גרעסער און גרעסער. מיטאַמאָל האָבן מיליאָנען שטעכיקע פונקען זיך אַ ריס געטאָן צו אים אין מוח אַריין, אַלץ אויסגעלאָשן. און אַז בען האָט צוריק געעפנט די אויגן, איז זיין צייגפינגער געהאָנגען אויף אַ פליישיקן פאָדעם, געבלוטיקט און איבער אים זענען געשטאַנען צעשוומענע פנימער.

---

# אַ באַגעגעניש

פריער האָט דער אָוונט פאַרדעקט דעם אַריינגאַנג פון צימער, דערנאָך די ווענט, דעם דיל, און אַ טונקל־גרויער פאַרנאַכט האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דעם פענצטער, ווו אויף אַ סאָפע איז געלעגן שלמה, אַן אייזן־אַרבעטער. ער האָט געלייענט אַ בוך.

עס איז געווען שבת, ווען שלמה האָט נאָר געאַרבעט דעם ערשטן האַלבן טאָג און דעם צווייטן פלעגט ער אָפּזיצן איבער אַ בוך, איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער. אַחוץ אים איז איצט אין די צוויי חדרימלעך מיט דער קיך קיינער נישט געווען. די באַלעבאַטים מיט די קינדער זענען געהאַט ערגעץ־ווו אַוועקגעגאַנגען. און פונדעסטוועגן זענען די ליידיקע צימערלעך, ווו אַלע פענצטער זענען אַרויס אויף דער דריטער עוועניו, פול געווען מיט טומל. יעדע צוויי־דריי מינוט האָבן די ווענט זיך פונאַנדערגעטרעסלט, אָפּגעהילכט אין די אויערן, ווי אַ ריזיקער קאַמערטאָן. דאָס זענען די עלעוועטער־באַנען געלאָפן מיט אַ גרעגעריי הין און צוריק, שטילער געמאַכט דאָס אייגענע קול און אָנגעיאָגט אַ רויך אין קאָפּ.

ווי אַ קורצזיכטיקער האָט שלמה אַלץ נענטער גערוקט דאָס בוך צו די אויגן. און אַז די צעשוווּמענע אותיות האָבן גענומען אַרויסשפּאַצירן פון די שורות, האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ פלעק, האָט שלמה פאַרמאַכט דאָס בוך. ער האָט זיך געריבן די אויגן, וואָס זענען געהאַט פאַרלאָפן מיט טרערן, און געקוקט אויף דער פאַרשמירטער שויב. אויף דער ראַם פון פענצטער איז געלעגן אַ צעעפנטע צייטונג. אַ קאָפּ איבער דער גאַנצער ברייט פון בלאַט האָט געריסן די אויגן: — „קומט אין מאַסן. אונזער ליבער חבר, דוד אָרלין, וועט אָפּגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון ראַטנלאַנד!“.

שוין אַ וואָך צייט, ווי שלמה האָט יעדן טאָג געלייענט דעם זעלביקן אַנאָנס. אין דער פֿאַבריק ביי דער אַרבייט, אין גאַס, אין הויז,ביים עסן, פֿאַרן שלאָף, — שלמה האָט זיך פֿאַר קיין איין מינוט נישט געקענט באַפֿרייען, וואָס דוד אָרלין איז אין ניו-יאָרק.

שלמה האָט יעדן טאָג געקלונגען אין דעם האָטעל, וווּ אָרלין איז איינגעשטאַנען. היינט ערשט האָט ער אים געכאַפּט אויפֿן טעלע-פֿאָן, זיך קוים מיט אים צונויפֿגערעדט, ווייל אָרלין האָט פֿאַר די פֿופֿצן יאָר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, שלמהן כמעט געהאַט פֿאַרגעסן.

שלמה האָט זיך געחידושט:

— האָט ער אים טאַקע געקענט פֿאַרגעסן?

ביידע זענען אין איין שטאָט, אויף איין הויף געבוירן געוואָרן. שלמהס טאַטע, אַ שטומער, איז געווען אַ טרעגער. ער האָט געאַרבעט ביי דעם רייכן אָרלין אין געשעפֿט, געשלעפּט דאָס גאַנצע לעבן פּע-סער נאַפֿט, טונען הערינג, זעקלעך זאַלץ.

קליינערהייט, ווען אויף אָרלינס בן-יחיד איז ענג געוואָרן אַ רעקל, ווען ער איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר שיך, האָט מען די מלבושימלעך ווי עס איז אַרויפֿגעצויגן אויף שלמהן, וואָס איז העכער און ברייטער געווען פֿון דודן. און אַז אָרלינס בן-יחיד האָט זיך פֿאַרבענקט אין מיטן עסן נאָך שלמהן, האָט מען געשיקט נאָך אים אַ דינסט און ער, שלמה, האָט געמוזט אַלץ איבערלאָזן ביי זיך אין שטוב און גיין צו דודן. און אַז שלמה האָט זיך צעקריגט מיט דודן, געוואָלט אין מיטן שפּילן זיך אַהיימגיין, האָט דוד גענומען שרייען, טופּען מיט די פֿיס:

„מאַמע, כ'וויל שלמהן! כ'וויל שלמה זאָל דאָ בלייבן!"

אַלע, וויפֿל מענטשן עס זענען נאָר געווען אין שטוב, פֿלעגן זיך וואַרפֿן צו שלמהן, אים געבן צוקערלעך, ניס, אַבי ער זאָל בלייבן.

שוין קליינערהייט האָט שלמה פֿיינט געהאַט דודן, געליטן, וואָס ער, שלמה, דער שטאַרקערער, מוז אַלץ נאָכגעבן דעם באַלעבאָס-זונדל.

אַז זיי זענען אונטערגעוואָקסן, האָט מען שלמהן אַוועקגעגעבן צו אַ שלאָסער אויף דער לער און דוד איז אָנגעקומען אין דער

שטאָטישער גימנאַזיע. דאָס האָט די צוויי חברים אַזוי אָפּגעפרעמדט, אַז מען האָט זיך אויפגעהערט צו באַגריסן. מען איז זיך פאַרבייגעגאַנגען ווי פרעמדע. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר. שפּעטער איז שלמה אַריינגעפאַלן אין אַ בונדיסטיש קרייזל, ווו דוד האָט אָנגעפירט די אַרבעט. ביסלעכווייז האָט זיך שלמה צוגעבונדן צו דודן, דעם לערער זיינעם, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע ווערטער. די ווערטער האָבן שלמהן די אויגן געעפנט, אים אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט, אַ ליכטיקער, ווו שלמה דאַרף און וועט זיין אַ בעלעבאָס, נישט דער רייכער אָרלין, דודס פאָטער. עס האָט לאַנג נישט גענומען און דוד האָט געביטן זיינע ווערטער, אָנגעהויבן טענען, אַז יעדעס פאָלק דאַרף האָבן אַ לאַנד. ער האָט אַזוי ווייט דערפירט, אַז שלמה, דער געטרייער תלמיד, וואָס האָט צען-צוועלף שעה אַ טאָג געהאַמערט צעגליטע שטאַבעס, געקאָוועט פערד, האָט זיך פאַמעלעך דערטראַכט, אַז אין דעם שטיק ערד, וואָס אַ פאָלק באַוווינט, שטעקט אַ טיפער זין, וואָס מען קען נישט אָפּטיילן פון דעם פאָלק, ווי מען קען נישט אָפּטיילן דעם פלאַם פון אַ קויל פייער.

דער זיבעצן-יעריקער שלמה, וואָס האָט געוויגט מיט זיינע אייזערנע הענט דעם האַמער, צעשפּריצט אַרום זיך, איבער זיך, טויזנטער פונקען, האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך אַ גאָט, דערהויבן יעדעס פאָלק, וואָס באַאַרבעט זיין לאַנד, צו דער מדרגה פון אַ גאָט.

און דערנאָך?

חדשים, יאָרן זענען פאַרביי. שלמה האָט געליטן, וואָס דוד, זיין רבי, דערווייטערט זיך פון אים, גיט זיך אָפּ מיט קבלה, שעמט זיך מען זאָל אים דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטער. דוד האָט זיך גענומען אַרומפירן מיט יונגע מיידלעך, גאָר יונגע, פערצן-, פופצן-יעריקע, זיך געטראָפן מיט זיי אין זייטיקע געסלעך, געהיימע צימערלעך. די שטאָט האָט זיך געבונטעוועט, געטענעט, אַז נאָר אין סדום האָט מען אַזעלכע זאַכן אָפּגעטאָן מיט יונגע מיידלעך.

דעמלט האָבן זיך די חברים צעשיידט, — שלמה איז אַוועק קיין ניו-יאָרק. מיט די יאָרן האָט ער כמעט אַרויסגעריסן פון זיך דעם רבין זיינעם, דודן. געבליבן איז ביי שלמהן בלויז אַן אומצוטרוי

צו די אַלע דודס, וואָס רעדן וועגן אַרבעט און הויבן אַליין קיין פינגער נישט אויף, וואָס שפּילן זיך אין שיינע ווערטער, בייטן זיי מיט דער לייכטקייט, ווי מען גייט איבער נאָך אַ גוטן שלאָף צום וואַלן.

און נאָך פּופּצן יאָר איז דוד ווידער אויפגעשטאַנען תחית-המתים. איצט שוין מער נישט קיין בונדיסט, נישט קיין טעריטאָריאַליסט, נישט קיין מיסטיקער, נאָר — אַ קאָמוניסט.

די שנאה צו דודן, וואָס איז ערגעץ געשלאָפן אין שלמהן נאָך פון די קינדער-יאָרן, האָט זיך איצט צוריק אַ וועק געטאָן אין אים. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, איז אַראָפּ פון דער סאָפע און זיך גלייך נישט געכאַפּט, ווו עס איז די טיר און ווו — דאָס פענצטער. אַזאַ פינצטערניש איז געשטאַנען אין צימער. ער האָט זיך איבערגעצויגן, פאַרריסן אַ פּאָר פויסטן, ברייט געעפנט די אָנגעצוונדענע אויגן און פון דעם אָפענעם מויל האָבן זיך געטראָגן צעגליטע ווערטער:

„שקר! ס'איז שקר! ס'איז בלויז שקר!"

ער האָט האַסטיק גענומען שפּרייזן איבער דעם צימער, געוואָלט, שטאַרק געוואָלט אַ נעם טאָן דעם שמאָל-ברוסטיקן דוד, אים אַרויספירן אויף יוניאָן-סקווער, אים אויסטאָן אַ נאַקעטן און אַ געשריי טאָן:

— חברים, אַרבעטער, נאַט, קוקט, ווער עס איז אייער מנהיג, ווער עס איז אייער פירער! זאָל ער טאַנצן פאַר אַ שעה, צוויי אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט! זאָל ער טאַנצן, דער פאָדליעץ, אונטער אייער בייטש, זאָל ער!

שלמה האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן פאַר דעם קאָלנער פון זיין ברוינער „דזשוירזי", אַראָפּגעוויקלט די אַרבל, אָנגעטאָן דאָס רעקל מיט דעם געקעסטלטן היטל און אויף אַ רגע אַ טראַכט געטאָן צי מען דאַרף זיך נישט איבערטאָן. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז אַראָפּ אויף דער גאַס, ווו דאָס שטאָלענע געשטעל פון דעם עלעווייטער איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז, טונקל געמאַכט די עלעקטרישע שילדן און לעמפּלעך.

מיט זייטיקע גאַסן און געסלעך האָט שלמה געשניטן צו דער זעקסטער עוועניו, געגאַנגען צו דעם האָטעל, ווו זיין געוועזענער רבי איז איינגעשטאַנען. דער אָוונט, אַ פרישער, אַ קילער, האָט אים

דורכגעלופטערט, שאַרפער געמאַכט די אַלע תּרעומות, וואָס ער האָט געהאַט צו דודן.

ער איז אַריין אין האָטעל דורך דער שווינדלטיר, איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן. פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען פאַרפּוצטע הערן און דאַמען, זיך פאַרבייגעטראָגן ווי אַ ווינט. אַ פאַרגאַפטער האָט שלמה זיך אַ וויילע אַרומגעקוקט, דערזען אין די שפּיגל־ווענט זיין הילוך און ער האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט צי זאָל ער זיך נעמען רעכטס, צי לינקס. ער האָט זיך געלאָזט מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געאײַלט און זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט, געזוכט אַ ווינדע אַרויפצופאָרן אויף דעם עלפטן שטאָק. זיין טראָט איז צעשווּמען אין די ווייכע טעפּיכער און דער קערפּער האָט זיך געוויגט אויף די שטאַרקע פיס, ווי אויף רעסאָרן. עמעצער איז אים אַנטקעגנגעקומען, אַ באַקאַנט פּנים, און איידער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז זיין שאָטן, וואָס שטעלט אַזוינע לאַנגע פיס, איז שלמה אַריין מיט דער נאָז מיט די הענט אין אַ שפּיגל. דער עולם אַרום האָט געשמייכלט, און שלמה האָט דערפילט, ווי די אויערן ביי אים הייבן אָן פלאַמען. אַזאַ קלייניקייט — און דער קיראַזש, וואָס האָט אים געטראָגן, האָט גע־האַלטן אין אויסרינען און אַז ער איז געווען אויף דעם עלפטן שטאָק, האָט ער חשק געקראָגן צוריקצוגיין.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, וואָס האָט זיך געעפנט, און אַ פאַרשוין אין די דרייסיקער מיט אַ בלאָנד יעזוס־בערדל איז אַרויסגעקומען.

— אַ, שלמה!

דוד האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט, זיך געכאַפּט קושן און אונטערגעטראָגן שלמהן אַ באַק. שלמה האָט נישט געזען פאַר זיך קיין ליפּן, האָט ער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און איין באַק האָט זיך אַ וויש געטאָן אָן דער צווייטער, זיך נאַריש צעקושט, אַז ביי ביידן איז געבליבן אַ נאָך־טעם.

— באַקען זיך, — האָט דוד פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר און פאָרגעשטעלט שלמהן פאַר זיינע צוויי געסט, — דאָס איז מיינער אַן אַלטער חבר, אַ תּלמיד און אַ חבר, אַ שלאָסער, דאַכט זיך, יאָ, שלמה?

מיר זענען, ווי איר רופט עס דאָ אין אַמעריקע, לאַנדסלייט. געוואַקסן אויף איין הויף, — און ער האָט גוט־ברודעריש אַרומגענומען שלמהן, — זעט מען זיך ווידער נאָך אַזוי פיל יאָר... זיץ, שלמה, דאָ אויפן בעט, ס'איז אַן ענג צימערל, ווי פאַר אַ „נאַש בראַט", אַ פּראָלעטאַריער...

— אַפילו אין ניו־יאָרק וווינען נאָך דערווייל נישט קיין פּראָלעטאַריער אין אַזוינע האָטעלן. — האָט שלמה נישט פאַרענדיקט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן דודן.

— וועלן מיר וווינען! — האָט דוד זיך אַ דריי געטאָן צו זיינע געסט און איז געבליבן זיצן מיט די פּלייצעס צו שלמהן.

ער האָט דערציילט וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנלאַנד, גערעדט וועגן אַ יידישער רעפּובליק, וועגן אַ פּלאַן צו העלפן דעקלאַסירטע יידן אין די קליינע שטעטלעך. ער האָט לאַנג גערעדט, איבער אַ האַלבע שעה, זיך קיין איין מאָל נישט אויסגעדרייט מיט דעם פּנים צו שלמהן.

שלמה האָט באַטראַכט דאָס צימער, ווו דאָס בעט מיט דער פּאָטער־שטול האָבן זיך קוים אויסגעשטעלט, און זיך געחידושט צו וואָס דאַרפן אַזוינע פאַרשווינען וווינען אין אַזאַ ענגשאַפט. די אַלע סתירות, די אַלע טענות, וואָס האָבן אים געטריבן אַהער און זענען אויף דעם וועג נישט געוואָרן, האָבן זיך איצט גענומען קלייבן אין אים, געבליבן שטיין אונטער דעם האַרץ, אין גרגרת. די רעכטע פויסט האָט זיך ביי אים געביילט, געהויבן, די אויגן זענען קלענער געוואָרן, זיך באַהאַלטן הינטער די געדיכטע שוואַרצע ברעמען, נישט געקענט צוקוקן, ווי שלמה עסט זיך, וואָס ער זיצט דאָ. פון זיך האָט שלמהס פויסט זיך געעפנט, זיך אַ הייב געטאָן איבער דודס פּנים, וואָס האָט איצט פון שרעק געשמייכלט, געטענעט צו די געסט אויף שטום־לשון:

— ער וועט נישט שלאָגן. ער וועט נישט.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, געקוקט, ווי שלמה קנייטשט זיין געקעסטלט היטל, און אַז ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און געפרעגט:

— און ווער שלעפט היינט אין רוסלאַנד זעקלעך זאַלץ, פּעסלעך הערינג? דיין טאַטע, דוד, דער רייכער אָרלין, צי נאָך אַלץ מיינער, דער שטומער טרעגער?

(1929)

# אין אַ רעגנדיקער נאַכט

דער רעגן, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן די צווייטע וואָך, האָט פויל געפויקט אין די לייוונטענע ביידלעך, אין די לייכט צונויפגע־קלאַפּטע באַנגעלאָס, איז געפאַלן פון די צעווייקטע ביימער, ווי פון רינעס. און אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג האָט אַלץ זיך געווייקט, געשמעקט מיט שוועבל, געשטיקט און געשלעפּערט. בלויז דער טייך, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם „לינקן" קעמפּ פונעם „רעכטן", האָט זיך געריסן פון די ברעגעס מיט אַ ברומעריי, פאַרגאָסן שטיקלעך לאַנקע. דער טייך האָט זיך נישט גערעכנט, וואָס ביידע אַרבעטער־קעמפּס זענען אויף שטעך־מעסער. ס'וואַסער האָט פאַרטראָגן די שיפלעך פון „רעכטן" קעמפּ צום „לינקן" און פון „לינקן" צום „רעכטן". און אַז די שווים־אויפפּאַסערס פון ביידע קעמפּס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפזוכן די שיפלעך, האָבן זיך באַגעגנט אין מיטן טייך, האָט מען זיך באַגריסט און אַפילו געכאַפּט אַ שטיקל שמועס, ווי אַדמיראַלן פון פריינט־לעכע פלאָטעס.

— אוממעגלעך איינצוהאַלטן די קינדער אין די באַנגעלאָס.

— וואָס הייסט אוממעגלעך? ס'קליינוואַרג ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. מען רייסט זיך פאַר די קעפּ!

— ביי אייך גרייט מען עפּעס צו אַ פאָרשטעלונג?

— אַ פעלקער־יום־טוב.

— און ביי אייך?

— ביי אונז? דעם אויפשטאַנד פון אונטערגעדריקטע פעלקער.

דער שמועס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. און אַז די שווים־אויפפּאַסערס האָבן זיך שוין געטראָגן מיט זייערע פלאָטעס, איינער רעכטס, דער צווייטער לינקס, האָט מען זיך נאָך איבערגעוואָרפן:

— די דערוואַקסענע צעלױפן זיך.

— בײַ אונז זענען זײ זיך נאָך לעצטע װאָך צעלאָפן.

די געסט אין ליַנקן קעמפּ זענען זיך צעפאָרן. געבליבן זענען אַ צװײ צענדלינג מאַמעס מיט קינדער און אַ צענדלינג אַנגעלמורעטע יונגעלײט, װאָס האָבן נישט געװוּסט, װאָס צו טאָן מיט זיך, געהאַלטן אין אײן באַװײנען זײער װאַקאַציע און געסטראַשעט אײַנצופּאַקן זיך און אַװעקצופאָרן.

דער פאַרװאַלטער, חבר ליס, אין אַ גומענעם רעגנמאַנטל, די האָר אָפּגעשוירן ביז צו דער הויט, װי בײַ אַ כינעזער, איז שבת נאָכמיטאָג געשטאַנען אין פענצטער פון אָפיס און געװאָרט אויף געסט. ס'איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. ליס האָט אַ װיש געטאָן די שויב, װאָס איז געװען פון דרויסן פאַרגאָסן, האָט נישט געלאָזט דורכקוקן, און אַ זאָג געטאָן צום אָפּגעברענטן מײדל, װאָס איז געזעסן בײַ אַ שרײַבמאַשין:

— לילי, מען פאָרט.

— אָבער נישט אַהער. — האָט לילי אַ הײב געטאָן אַ פּאָר ברוינע, לאַכעדיקע אויגן, װי זי װאָלט זיך געריכט מיט ליסן, װאָס קײנער קומט נישט.

— װאָס פאַר אַ משוגענער װעט דאָס פאָרן אין אַ קעמפּ װען ס'רעגנט? — האָט ליס געפּרוּװט זיך פאַרענטפערן, װי ס'װאָלט געװען זײַן שולד, װאָס דער קעמפּ פּוסטעװעט.

לילי האָט נישט געענטפערט. זי האָט פאַרלײגט אַ פוס אויף אַ פוס און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. ליס האָט װידער אַ װיש געטאָן די שויב, זיך אײַנגעװיקלט אין לױזן רעגנמאַנטל, און זײַן לענגלעך פּנים מיט די גרויע, טרויעריקע אויגן האָבן געפּאַסט צום דרויסן.

— בײַ די „רעכטע" איז אינגאַנצן ליידיק. — האָט לילי געװאָלט אויפהײטערן ליסן.

— זײ, די „רעכטע", האָבן װאָס צו דערלײגן... נישט מיר... ס'זאָל נאָך אַזױ רעגענען אַ צװײ װאָכן זענען מיר אויסגעשפּילט. — האָט ליס אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ צװישן די אַקסלען, געקוקט װי טראָפּנס רעגן געשװילן, קײַקלען זיך איבער דער שויב װי שלענגלעך, צעגיסן זיך און ס'װאַקסן אויס נײַע טראָפּנס. — צו די קינדער דערלײגן

מיר, ס'קאָסט אונז אַליין פופצן דאָלער אַ וואָך אַ קינד. און וואָס פאַר אַן אַרבעטער קאָן צאָלן אַזאַ סומע? ניצן טאַקע אויס אונזער לינקן קעמפּ הענדלער און פאַבריקאַנטלעך!

די לעצטע ווערטער האָבן זיך שווער געלייגט אויף די אייגענע הערצער און די נאַסע לופט איז פול געוואָרן מיטן ריח פון צוגעלעגן אויבס. דער פּאַרוואַלטער האָט געקלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער איבער דער קאַלטער שויב, געטראַכט, אַז מאָנטאָג ווערן פעליק צוויי „נאָוטס"*) און נישט געזען ווו מען קאָן כאַפּן אויף צוויי וואָכן, כאָטש אויף אַ וואָך, אַ טויזנט דאָלער.

— לילי, וויפל געלט איז פאַרהאַן אין דער קאַסע?

— אַ צוויי הונדערט דאָלער.

ס'האָט זיך דערטראָגן דאָס סאָפּען פון אַ מאַשין, דאָס שפּריצן פון רעדער אין אָנגערעגנטע וואַסערלעך. ליס האָט זיך מער נישט איינגעהערט. ער איז געשטאַנען און געחשבונט מיט די פינגער, מיט די שטערן-קנייטשן, מיטן גאַנצן פּנים און נישט געוווּסט ווי מען בינדט צונויף אַן עק מיט אַן עק.

— חבר ליס, עולם, קומט. — האָט לילי זיך אַ שטעל געטאָן.

— ווער?

אין דער טיר זענען געשטאַנען גרין און פעפער, צוויי שול-פאַרוואַלטערס, וואָס זענען יעדן שבת אַרויסגעקומען, האָבן געטראָגן דעם עול פון קעמפּ. זיי זענען געווען דורכגעווייקט. דער שמייכל אויף די צעשמיסענע פּנימער האָט אויסגעזען ווי אַ געוויין.

— אַ וועטער. — האָט גרין אָפּגעשאָקלט ס'וואַסער פון די ראַנדן פון קאַפּעלוש.

— אַ הינטיש וועטער. — האָט פעפער זיך געריבן די הענט.

— כ'האָב געמיינט איר וועט נישט קומען. — האָט ליס זיך דערפרייט מיט די חברים, אויפן אָרט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך צוויי-דריטל עול פון די טויזנט דאָלער, וואָס ער האָט געדאַרפט.

— ס'איז כאָטש פאַרהאַן עמיצער? — האָט פעפער אַליין געשמייכלט וואָס ער פרעגט.

---

*) = וועקסלען.

— ווייס איך? — האָט לילי אַן עפּן געטאָן די טיר, — קומט' איר זענט דאָך אַזוי הונגעריק!

אין גרויסן עסצימער, וואָס האָט געשמעקט מיטן צווישן-דעק פון אַ שיף, זענען געזעסן דער קעמפּ-דאָקטאָר מיט דער „נוירס", און צוויי אויפפּאַסערינס. מען האָט געטרונקען טיי.

— וואָס, אין שטאָט רעגנט אויך? — האָט דער דאָקטאָר געמאַכט פלאַץ פאַר ליסן, פּעפערן און גרינען.

— אַ גאַנצע וואָך רעגנט.

— דאָ אין קעמפּ קען מען דאָך משוגע ווערן, — האָט אַן אויפ-פּאַסערין אַ שאַר געטאָן פון זיך אַ ליידיק גלאָז און ס'קול איז פול געווען מיט אַ געמאַכט געוויין, — מען דאַרף גאָר ערגעץ היינט אָוונט צופאָרן!

— אין ביקן קריגט מען גוטן וווּרשט. — האָט די „נוירס" אַ וווּנק געטאָן צום דאָקטאָר.

— מען קריגט אויך אַ גוט ביסל שנאַפּס.

— איז וואָס, חבר ליס? — האָט די אויפפּאַסערין זיך צוגעשאַרט צו אים.

— איך בין שטענדיק גרייט. — האָבן די טרויעריקע אויגן גע-שמייכלט, געקוקט אויף פּעפערן, אויף גרינען.

— פאָרן מיר?

— גוט!

נאָכן נאַכטמאָל, אַז דער קינדער-קעמפּ איז שוין געשלאָפן, האָט דער עולם, אין קאַלאָשן, אין רעגנמאַנטלען, מיט עלעקטרישע האַנט-לעמפּלעך, זיך געקליבן אין אָפּיס אַריין. די נאַכט איז געווען ווי פּעך — שוואַרץ און קלעפּיק. דער נעפּל איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס'ליכט פון די לעמפּלעך איז געפאַלן אויף די אייגענע פיס. דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט. אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט הערן, האָבן אַלע פערזאָן זיך אַריינגעפּאַקט אין פּעפּערס מאַשין, וואָס האָט נאָר געהאַט זעקס זיץ-פּלעצער. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אויף די קני די „נוירס" און ליס — אַן אויפפּאַסערין.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך צעוויגט, זיך געטראָגן באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, געשפּריצט וואַסער מיט אַ קוויטש און דער רעגן האָט

געקלימפּערט איבער די קעפּ, געשווענקט די פענצטערלעך. די אויגן, וואָס האָבן נישט געקאָנט איינזאַפּן ס׳חושך, וואָס איז געהאָנגען צווישן די צונויפגעפּרעסטע פּאַרשוינען, האָבן געגלאָצט און לויטן קול דער־קענט ווער ס׳איז ווער.

— וווהין פאָרן מיר?

— קיין ביקן.

— ניין, — האָט ליס זיך אָנגערופן, — כ׳האָב אַ בעסער פּלאַץ, באַלד דאָ, ביי דער קופּער מינע, אַ צוויי מייל פון קעמפּ. אַ גוט פּלאַץ, נישט טייער און די סחורה איז ראַיעל.

ס׳האָט זיך געהערט אַ מיידלשער קוויטש.

— וואָס איז, חוהלע?

— כ׳וויל נישט זיצן ביי אים.

— וואָס, ער קושט זיך?

— ער קושט זיך שוין אויפן חשבון, אַז ער וועט זיין שיכור. — האָט חוהלע זיך צעלאַכט.

— זעצט אייך צו מיר אויף די קני. — האָט גרין זי אַ נעם געטאָן.

— אָט זענען מיר דאָך שוין!

ווען נישט אַ פּלעמל, וואָס האָט אויסגעזען, אַז ס׳לעשט זיך אין רעגן, וואָלט מען ס׳הויז נישט אַרויסגעזען פון די ביימער און בושעס. אַ הונט האָט זיך צעבילט, איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן און ס׳האָבן זיך געהערט שווערע טריט איבער דער וועראַנדע.

— דזשעק, טו נאָר אַ קוק ווער ס׳איז!

ליס א׳ז דער ערשטער אַרויס פון דער מאַשין. ער האָט אַ רעד געטאָן מיט דזשעקן און באַלד האָבן זיך אַלע אַ שאָט געטאָן אויף דער וועראַנדע.

— דעם בראָנפן בין איך אייך מוחל, — האָט חוהלע אַ נעם געטאָן דעם דאָקטאָר אונטערן אָרעם, — איך וויל ווורשט, פרישן ווורשט.

— אַז מען טרינקט נישט קיין בראָנפן, עסט מען נישט קיין

וורשט. — איז דער דאָקטאָר געשטאַנען צווישן דער „נוירס״ און חוהלען און אָנגעקוואָלן.

— דאָקטאָר, איר זענט דאָך אַן אמתער בורזשוי. — איז פעפער אונטערגעקומען.

— איך ?

— איר דאַרפט צוויי מיידלעך און איך גאָרנישט ? — און ער האָט אַ נעם געטאָן די אויפפּאַסערין. — קומט, חוהלע, וויפל וורשט איר ווילט קריגט איר ביי מיר.

דער עולם איז אַריין אין אַ גרויסן, ליידיקן צימער. ס׳איינציקע שטיקל מעבל איז געווען אַ טיש. אַ קליינער נאַפט־לאָמפּ האָט גע־ברענט. ליס און גרין האָבן געבראַכט וורשט און בראָנפן. אַז מען האָט שטייענדיקערהייט אויסגעטרונקען צו ביסלעך, געוואָרן אויפגע־רוימטער, האָט מען זיך צעזעצט אויפן דיל. און אַז די פלאַש איז שוין ס׳דריטע מאָל געגאַנגען פון מויל צו מויל, די ציין האָבן זיך גע־ביסן אינעם וורשט, האָט אַ שטומער פּאַרדרוס זיך גענומען וועקן, וואָס ס׳זענען נאָר פאַראַן צוויי מיידלעך. חוהלע האָט זיך צעזונגען, ליס האָט אונטערגעכאַפּט, דערנאָך די איבעריקע. אין דעם ליידיקן צימער האָט דאָס געזאַנג זיך געבערעקלט, אָפּגעהילכט אין די ווינק־לען און צוריקגעקומען ווי דאָס געזאַנג פון אַ כאָר. קיינער האָט נישט געהערט ווי ס׳איז פאַרפאָרן אַ מאַשין. באַלד איז די וועראַנדע פול געוואָרן מיט מיידל־געלעכטער.

— ס׳איז פון „רעכטן״ קעמפּ!

— פון „רעכטן״ ? — האָבן ליס, גרין און פעפער זיך איבערגע־פרעגט, ווי זיי וואָלטן זיך געקווענקלט.

— יאָ.

אין דער טיר זענען געשטאַנען יונגע מיידלעך, אויפפּאַסערינס, האָבן געקוקט אויף דער פריילעכער חברה, און זייערע פיס האָבן זיך געשאַרט ווי צו אַ טאַנץ.

— אַ שיין מיידל, די רויטע!

— און וואָס פעלט דער בלאָנדער?

— זעצט אייך צו. — האָט זיך עמיצער אַ רוק געטאָן, גע־מאַכט פלאַץ.

און אַז די מיידלעך זענען שוין געזעסן, דער עולם האָט זיך צעזונגען, האָט זיך קיינער נישט געמאַכט זען, ווי די אויפפּאַסערס פון „רעכטן" קעמפּ האָבן זיך אַריינגעשאַרט מיט זייער פּאַרוואַלטער, געטראָגן פלאַטשיקע פלעשלעך שנאַפּס, צוויי לאַנגע ווורשטן. דער פאַרשטאַרקטער כאָר האָט פאַרהילכט דאָס פּאַטשן פון רעגן.

1929

---

# גערעכטיקייט

אין דעם הוזשען, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דעם שטילן פאַרנאַכט, ווי דאָס גערויש פון אַ לויפנדיק וואַסער, האָט זיך אַריינגעריסן אַ הייזעריקער פייף. דער פייף האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט. דער פאַרנאַכט איז פול געוואָרן מיט אַ העשען, ווי מען וואָלט געלאָשן אָנגעגליטע שטיקער אייזן, און די פּופּציק עלעקטרישע וועבשטולן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן אויפן גרויסן פיר-עקיקן הויף, ווו ווילדע פלאַנצן און געוויקסן האָבן אַרויסגעאָטעמט די שטיקער ליכט, די שטיקער זון, וואָס זיי האָבן דעם גאַנצן טאָג אַריינגעזאַפּט אין זיך.

דער זיידן-פאַבריקאַנט, טאָמאַס קריין, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, איז דער ערשטער אַרויס פון דער פאַבריק. ער האָט אָנגעדרייט די קאָלבע ביי זיין אויטאָמאָביל, און אַז די מאַשין האָט אָנגעהויבן סאָפּען, האָט האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן פאַרן צוויי-שטאָקיקן הויז, ווו ער האָט געוווינט:

— ביטי! בי—טי!

אין פענצטער איז אויסגעוואַקסן זיין זיבעצן-יעריקע טאָכטער:

— וואָס, טאַטע?

— וואַרט נישט אויף מיר מיטן נאַכטעסן. כ'האָב אַ זיצונג אין באַנק.

דער פאָטער, שטענדיק אַ צוריקגעהאַלטענער, האָט דאָס מאָל געוואָלט זיין צוגעלאָזענער. ער האָט געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן אַ וואַרעם טאָן דאָס מיידל, נישט געפונען, האָט ער זיך געזעגנט אויף שטום-לשון מיטן פּנים, מיט דער האַנט, און איז אַריין אינעם אויטאָמאָביל.

ביטי האָט נאָכגעקוקט דעם פאָטער, ווי ער האָט זיך אַריינגע־דרייט מיט דעם אויטאָמאָביל אין אַ זייטיקער גאַס און איז נישט גע־וואָרן. באַלד האָט די מאַשין זיך אַרויסגעדרייט און זיך געטראָגן מיטן אַספאַלט־וועג באַרג־אַרויף. ביטי האָט נישט געגלויבט, אַז דער פאָטער האָט אַ זיצונג אין באַנק. מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אָן דער פענצטער־ראַם, האָט זי געזען, ווי דער אויטאָמאָ־ביל טראָגט זיך פאַרביי דער סעמעטערי, וווּ איר מוטער ליגט שוין די צווייטע וואָך. זי האָט געזען, ווי די מאַשין פאַרדרייט זיך צום סאָסנאָוון וואַלד, און פון דאָרט איז אײנגאַנצן פינף מייל צו די וויל־סאָנס. פאַרן טויט האָט דער פאָטער צוגעזאָגט דער מוטער, אַז זיין פוס וועט מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון די ווילסאָנס, אַז ער וועט זיך מער נישט לאָזן דרייען קיין קאָפּ פון דער יונגער אַלמנה, פון מערי ווילסאָן. נאָך דער מוטערס טויט איז דער פאָטער געוואָרן צוגעלאָזענער צו ביטין, איז געבליבן מיט איר יעדן אָוונט אין הויז, האָט אַריינגערעדט אינעם מיידל:

— כ׳וועל מער נישט חתונה האָבן, טאָכטער. אַלץ וואָס כ׳האָב און כ׳האָב אַ גרויס פאַרמעגן, וועט זיין דיינס.

איצט האָט זי אים דאָס אויך נישט געגלייבט, נישט געדענקט, צי דער פאָטער האָט עס טאַקע געזאָגט, צי עס האָט זיך איר אויסגע־וויזן. מיט דער מוטערס טויט איז זי געבליבן אַליין, און אַ רחמנות אויף אירע זיבעצן יאָר, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פונעם געפאַסטן קלייד, האָט אויפגעפלאַטערט אין ביטין. ס׳האָט איר וויי געטאָן פאַר דער מוטער, וואָס ליגט ערגעץ איינע אַליין אויף דער סעמעטערי.

זי האָט צוגעהאַקט נאָך זיך די טיר און מיט דריי־פיר שפּרייז איז זי געשטאַנען אויפן הויף. זי האָט זיך געקליבן אַריבערצוגיין צו דער מוטער, וועט איר דערציילן, אַז דער פאָטער האָט געבראָכן דאָס וואָרט, איז געפאָרן צו די ווילסאָנס.

די וועבער האָבן זיך געקליבן אַרום דער פאַבריק. עס זענען געשטאַנען פאַרחושכטע סיריער מיט ווייבער און טעכטער, איטאַליע־נישע משפּחות און נעגערשע. יעדעס פאָלק איז געשטאַנען באַזונדער, האָט געגודערט אויף זיין לשון. עס איז אָבער שווער געווען אונ־טערצושיידן איין שפּראַך פון דער צווייטער, ווייל פאַר ביטין האָבן

אַלע קלאַנגען גלייך געגרילצט. די פרעמדע, פאַרחושכטע מענטשן זענען איר איצט נאָענט געוואָרן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זיי אַלע, די סיריער, די איטאַליענער און אַפילו די נעגערס, זענען פונקט אַזוי אַליין, ווי זי, ביטי.

אַ פלינקער נעגער האָט זיך געדרייט מיט אַ שוואַרץ מיידל, זיך געדרייט אַזוי גיך, אַז דעם מיידלס פיס האָבן כמעט נישט אָנגערירט די ערד. אַ צווייטער נעגער האָט צוגעפייפט.

ביטי האָט געקוקט אויפן פּאָרל און אַ הונגער האָט זיך אַ וועק געטאָן אין איר. דער הונגער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט פאַרן לעצטן יאָר, ווען זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי די אייגענע הויט ווערט ענג אויף איר, דאָס לייב שפּאַרט זיך פון די קליידער.

דער נעגער האָט אָפּגעלאָזט דאָס מיידל, דערזען ביטין, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט אַ פלאַם אין די אויגן, אין די ציין, אַז ביטי האָט פון שרעק זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק.

— וואָס ווילסטו?

— האָב נישט מורא, מיס קריין, — איז די פרייד ביים נעגער אָפּגערונען און ער האָט זיך פאַרלוירן, — כ'האָב דיר בלויז געוואָלט זאָגן, אַז מיין אַלטע מוטער גייט יעדן טאָג אויף מיסעס קריינס קבר.

— וואָס, איר ווינט ביי דער סעמעטערי? — האָט ביטי געוואָלט זיין פריינטלעכער צום נעגער און דערפילט פון זיינע קליידער אַ שאַרפן גערוך.

— יאָ, מיס קריין.

ביסלעכווייז זענען די וועבער אַוועק און דער הויף איז געבליבן ליידיק. ביטי האָט זיך געלאָזט מיטן אַספאַלט-וועג, זיך געהויבן באַרג-אַרויף, זיך געטראָגן באַרג-אַראָפּ, איז אַרויס הינטערן שטעטל. פעלדער האָבן זיך געשפּרייט אין דער לענג, אין דער ברייט, איינגעשלונגען דעם זאַמדיקן וועג. דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן. און וואָס טונקעלער און ווייכער עס איז געוואָרן דער טאָל, אַלץ העלער האָבן אויפגעלויכטן די שפּיצן-ביימער, די קאָרן-פעלדער.

ביטי האָט זיך אַריינגעדרייט צווישן צוויי כוואַליעס קאָרן, וואָס האָבן זיך געהויבן העכער און העכער, געקילט דאָס לייב, ווי אַ

טיף וואַסער. די זאַנגען האָבן געגלעט די הענט, די באַקן, זענען פאַרקראַכן אין די אויערן און איבערן לייב האָבן פינגער זיך גע־שאַרט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט טריט. ביטין האָט פאַר־פעלט אָטעם. זי האָט געוואָלט צוריקגיין און ווי אַן איבערגעשראָקענע ציג זיך געטראָגן צווישן די זאַנגען. אָט האָט שוין ווידער גענומען ליכטיק ווערן. עס האָט זיך שוין דאָ געזען אַ שטיבל, דאָרט אַ שטיבל און פון בערגל האָבן זיך געווייסט מצבות.

אין דער שטילקייט האָט אַ טויער אַ סקריפּ געטאָן און אַ הונט האָט זיך צעבילט. איבערן פּלויט האָט זיך אַ וויג געטאָן אַ שאָטן. ביטין איז איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דזשאַן, דער נעגער, וואָס האָט איר נאָר־וואָס אָפּגעגעבן אַ גרוס פון דער מוטער. זי האָט אויפגע־ציטערט, זיך געחידושט, וואָס עס ווערט איר קאַלט, כאָטש אַרום שפּרייט זיך אַ הייסער פאַרנאַכט. זי וואָלט נישט געוואָלט אַנטרעפן זיך איצט מיטן נעגער אויג אויף אויג.

אַ פאַרלאַנג נקמה צו נעמען אָן פאָטער האָט אויפגעטויכט אינעם מיידל. זי האָט זיך געשראָקן און גלייכצייטיק געוואַרט, אַז די נאַכט, אַ פינצטערע, אַ שוואַרצע, ווי אַ נעגער, זאָל אָנרוקן, זאָל זיך לייגן אויף די מצבות, אויף דער מוטער, אויף איר, ביטין, וואָס איז גרייט געווען צו וואַרפן דאָס לעבן אירס די הינט.

דאָס לעבן האָט זיך ביי ביטין געטיילט אין צווייען — דאָס שטעטל, וווּ עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, און די גרויסע וועלט, וווהין זי האָט זיך געריסן. דער פאָטער האָט פאַר־שטעלט דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון שטעטל אין דער גרויסער וועלט אַריין. איצט, ווען זי איז צוגעקומען צום צווינטער, האָט דער טויט אַוועקגעשאַרט דעם פאָטער, און דער וועג, אַ ליידיקער, האָט נישט אָפּגעלאָזט, האָט גערופן און געמאָנט.

פון צווינטער איז אָנגעקומען דזשאַן. ער האָט דערזען ביטין און פאַר איר ברייט געעפנט דאָס צווינטער־טירל, נאָך ברייטער האָט ער געעפנט דאָס מויל מיט די לאַכעדיקע ציין:

— האַלאָ, מיס קריין!

— וואָס ווילסטו? וואָס גייסטו מיר נאָך? — האָט ביטי פון שרעק

געקראָגן קוראַזש, האָט זיך אַ בייג געטאָן, געטריבן מיט דער האַנט דעם נעגער, ווי מען טרייבט אָפּ אַ הונט.

— מיס קריין, — האָט דזשאַן געלאַכט, ווי נישט אויף אים וואָלט זיך ביטי געבייזערט, — מיטן אָוונט קומען אויפן צווינטער „ספּוקס" און נישט־גוטע, וואָס פאַרפירן... אַז מען גייט אין צווייען האָבן זיי מורא, די „ספּוקס"...

— אַז דו וועסט נישט אַוועקגיין, דו, נעגער דו!... — איז ביטי אַ פלי געטאָן צו דזשאַנען, האָט אים אָפּגעשטופּט פונעם אַריינגאַנג און זיך גענומען טראָגן איבערן צווינטער.

ביטי איז געווען זיכער, אַז דער נעגער לויפט איר נאָך. נישט נאָר מיט די אויערן האָט זי געהערט זיינע טריט, זיין סאָפּען, נאָר מיטן גאַנצן לייב, וואָס האָט געפלאַמט. זי האָט דערפילט אַ ברי אין דער באַק. ביטי האָט זיך צעשריען, געוואַרט, דער נעגער זאָל זי אַ וואָרף טאָן צווישן די מצבות. וואָס האַלט ער זי? וואָס וואַרפט ער זי נישט?

דזשאַן איז נישט געווען. ס'איז קיינער נישט געווען אַרום, אַחוץ די שרעק, אַן אויפגעלאָפּענע, מיט הונדערטער אויגן. ביטי האָט קוים אַרויסגעפּלאָנטערט די האָר, דאָס קלייד פון די געדיכטע צווייגן, ווו זי איז אין לויפן אַריינגעפאַלן. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז אַ באַק בלוטיקט און זיך נאָך העכער צעשריען. זי האָט זיך געדרייט צווישן די מצבות מיט באַנומענע קולות און נישט געקענט טרעפן צום טיר. דער אָוונט איז צוגעפאַלן, געלעגן הינטער די ביימער, הינטער די קברים, און ווו אַ קער, ווו אַ בליק — האָבן דזשאַנס אויגן געטשאַטעוועט אויף איר.

פון די צעוואָרפענע שטיבלעך זענען אָנגעלאָפן פאַרמערס, דער־קענט ביטין.

— מיס קריין... וואָס איז געשען, מיס קריין?

— אַ נעגער... דזשאַן דער נעגער. — האָט ביטי אָנגעהויבן, נישט געענדיקט און זיך אויף דאָס ניי צעוויינט.

— דערשיסן וועט מען אים!

— ווי אַ הונט!

— ווי אַ משוגענעם הונט!

אינעם טונקעלן אָוונט, וואָס איז שוין געלעגן איבער באַרג און טאָל, האָבן די קלעפּ אינעם אייזערנעם ראָד אָפּגעהילכט, ווי ווייטע קלויסטער־גלאָקן. דאָס האָט מען גערופן די פאַרמערס צו נע־מען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט, צו קריגן גערעכטיקייט פאַר ביטי קריין.

1931

## דער צווייטער מאַי

דעם צווייטן מאַי האָט בען ליווי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שעה פריער ווי שטענדיק. ער האָט נישט געגלויבט דעם אייגענעם זייגער און אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט פרעגן ביי דער מוטער, ווי שפּעט ס'איז. זיין פאַרשלאָפענער בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער אַליידיק בעט, זיך פאַרטשעפּעט אָן זיינע הויזן, וואָס האָבן געהאָנגען אויף אַ דראָטן געשטעל, דער קנייטש זאָל נישט קאַליע ווערן.

— מאַ—אַ. — האָט ער זיך אַ צי געטאָן ווי גרויס ער איז געווען, אַז דער מאַטראַץ האָט זיך צעקרעכצט.

די מוטער איז שוין געווען אין גאַס, געגאַנגען אַרויפברענגען אָנבייסן. בען האָט זיך געכאַפּט, אַז דער פאַרדרוס וואָס נעכטן, דעם ערשטן מאַי, איז אַ האַלבער קלאַס קינדער נישט געקומען, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אַ גאַנצע נאַכט. זיינע איינגעפונדעוועטע צען יאָר אין פּאַבליק-סקול, וווּ ער האָט מיטן אַלטן קלאַס געלערנט מאַטעמאַטיק, האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן.

די ערשטע פינף יאָר איז ביי בענען דאָס לערעריי געווען אַ ביי־זאַך. ער האָט אַלץ געחלומט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, און אַז ער האָט געענדיקט, געדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון דער לערער-שטעל, האָט בען פון שרעק, טאָמער וועט ער לערעריי אויך פאַרלירן, אָנגענומען נאָך אַ שטעל אין די אָוונט-קלאַסן פאַר דערוואַקסענע און איז געבליבן אַ לערער.

ער האָט געלערנט מיט קינדער בייטאָג, מיט דערוואַקסענע אין אָוונט און די איבריקע צייט האָט ער געטראַכט וועגן בענק, וואָס צאָלן מיט אַ האַלבן פּראָצענט מער, געוווּסט וואָס ס'טוט זיך אין „וואָל-סטריט". פרויען האָט בען אויסגעמיטן. ער האָט געהאַלטן אין

איין זאַמלען, אָפּגעשפּאָרט פון אָנבייסן, פון מיטאָג, פון נאַכט־מאָלצייט, איז געגאַנגען אַהין, וווּ ס׳דאַרף קיין געלט נישט קאָסטן.

די מוטער, אַ געבויגענע יידענע, מיט טרוקענע אויגן, איז אַריינגעקומען מיט אַ צעראַטענעם בייטל, וואָס איז געווען אָנגעפּיקע־וועט, האָט געשמעקט מיט פּריש געבעקס, מיט גרינסן.

— וואָס אַזוי פרי, בען ? — האָט די מוטער אויסגעלייגט אויפן טיש ס׳עסנוואַרג, — האָסט נאָך געקאָנט ליגן אַ האַלבע שעה.

— מען דאַרף זיי אָנלערנען, די „באָמס״, די קאָמוניסטלעך, וועלן זיי וויסן, אַז אַ פּאָבליק־סקול איז נישט קיין חדר. — האָט דער לערער געענומען נישטערן צווישן דעם געבעקס און זיך אויסגעקליבן די גרעסטע דריי זעמל.

— זענען זיי נישט געווען, די ממזרים, ביסטו בדלות. — האָט די מוטער געוואָלט צונישט מאַכן דעם זונס כעס.

— זיי קריכן שוין אַזוי אויך אויפן קאָפּ. — האָט בען נישט פאַרענדיקט און אָנגעהויבן טאַפּן די אוגערקעס.

די שטייפע אוגערקעס, פרישע, טונקל־גרינע, האָבן געקיצלט די וואַכע נאָז־פליגל, און בען האָט אַ שמעק געטאָן צו זיי.

— קאָנסט דיר פאַרגינען אַן אוגערקעלע מיט שמאַנט, וועסט נישט בדלות ווערן. — האָט די מוטער איינגערעדט דעם זון. —כ׳וויים טאַקע נישט, ווי נאָך די זעמל מיט מילך ווערן דיר נישט יעדן טאָג דערעסן.

— וויפל איז אַן אוגערקע ?

— אַן אוגערקע פינף סענט און שמאַנט פינף סענט. פאַר צען סענט וועסטו האָבן אַ לייטישן אָנבייסן.

— צו טייער. — האָט בען זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז מילך און זיינע פריש־געגאָלטע באַקן זענען געוואָרן בלויער.

— און דו מיינסט, בען, אַז פון קישקע־געלט איז שוין עמי־צער רייך געוואָרן ? — האָט די מוטער זיך אַ ברוגז געטאָן. — נו, באַצאָל מיר פאַר דער אוגערקע און דעם שמאַנט וועל איך דיר פונדעווען...

די קליינע צוגעשוירענע וואָנצעלעך האָבן זיך ביי בענען

צעשמייכּלט. ער האָט אויפן פּלאַץ אָפּגעצאָלט דער מוטער פאַר די זעמל, פאַר דער מילך, פאַר דער אוגערקע און אַן אויפגעלייגטער האָט ער זיך גענומען צום עסן. געקייט מיטביידע באַקן.

אין „סקול" אַריין איז בען געקומען מיט אַ האַלבער שעה פריער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין וואַרט-צימער אויף אַ געבעטער שטול, אָנגעשפּאַרט די פיס אָן טיש, געקוקט אויף מיליים אַ רעפּראָדוקציע, ווי אַ יונגע פויערטע האָט געפּאַשעט הינער, און ער האָט זיך גע-חידושט, וואָס נאַראָנים צאָלן פאַר יעדער שמאָכטע אַזויפיל געלט.

אין דער טיר איז געשטאַנען דער לערער פון גימנאַסטיק, אַ געווּעזענער פּרייז-פייטער, מיט אַ צעבראָכענער נאָז.

— הויבסט אָן צו ווערן אַ לייט, בען. — האָט דער גימנאַסטיק-לערער זיך צעלאַכט.

כ'בין עס שטענדיק געווען, וואָלטער. — האָט בען נישט ליב גע-האַט מען זאָל רעדן וועגן אים.

— כ'האָב דיך נעכטן ס'ערשטע מאָל געזען מיט אַ „מילך-קאַן" *).

— מיט מיס פּרייס?

— יאָ, באַי. ווו ביסטו מיט איר געווען? אין דער „פּלאַזאַ"?

— אַ נאַר וועל איך זיין, — האָט בען זיך אַ שטעל געטאָן, — אין דער „פּלאַזאַ" קאָסט אַ דאָלער און די באָבע איז מיר נישט רייך געוואָרן... כ'בין אַריין מיט איר אין אַ „מוווי" פאַר פינף-און-צוואָנציק סענט, איין שוואַרץ יאָר!

— ביסטו דאָך האַרטלייביק, בען!

— און דו האָסט געמיינט, כ'בין עפּעס אַ יאָלד?

— ווי איך זע, ביסטו פון די אמתע העלט!

בען האָט אַריינגעלאָזט די הענט אין די הויזן-קעשענעס און זיך אַ שטעל געטאָן אויף די אָפּצאַסן. טיף ביי אים אין בויך האָט זיך אַ געלעכטערל גענומען קייקלען און אַז ס'איז דערגאַנגען אין האַלז אַריין, האָט בען זיך צעלאַכט, זיך געהאַלטן פאַר די זייטן.

— וואָס לאַכסטו?

---

*) = מיידל.

— לעצטן זונטאָג אָוונט גיי איך מיט מאָריסן אויפֿן שפּאַצירוועג אין קוני-אײלאַנד. מיר האָבן זיך צוגעפּוצט צו צוויי מיידלעך. מיר כאַפּן זיך — ביידע מיאוסקייטן, און מיט אַ מיאוסער מויד, וואָלטער, וועסטו דיר ס׳האַרץ נישט דערכאַפּן. ווי ווערט מען פֿון זיי פּטור? כ׳טו אַ קוק — אַ סיגאַר-סטאָר. זאָג איך: וואַרט צו אַ ווייל, מיידלעך, מיר וועלן נאָר קויפֿן סיגאַרעטס. מיר זענען אַריין דורך איין טיר און פֿאַרשוווּנדן דורך אַ צווייטער.

— אויב אַזוי, בען, דאַרף מען דיך אַריינעמען אין מיין „גענג"*). — האָט דער גימנאַסטיק-לערער אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך.

דאָס עלעקטרישע שול-גלעקל האָט זיך צעשריען, זיך צעבילט, ווי אַ הייזעריק הינטל.

בען איז אַריין אין קלאַס. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ווירע אין טיש, גלאַט אַזוי, פֿון געוווינהייט, כאָטש אין קלאַס איז געווען שטיל, צו שטיל. די שטילקייט האָט אים צוגעגעבן קוראַזש, אַז די קינדער פֿילן זיך שולדיק. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין אַ ווינקל. דער קליינער שטערן איז קלענער געוואָרן, די אייבערשטע ליפּ מיטן שוואַרצן וואָנצעלע האָט ברייטער געמאַכט די פּלאַטשיקע נאָז, און די אויגן, קליינע, וואַסערדיקע, האָבן זיך געגרינט.

— וווּ ביסטו נעכטן געווען, דזשעק? וואָס זיצסטו, כ׳רעד דאָך צו דיר?

דזשעק, אַן אָנגעשראָקן ייִנגל, האָט זיך אַ הייב געטאָן, זיך נעקוקט אויף די נעגל פֿון די פֿינגער און שטיל געענטפֿערט:

— כ׳האָב געהאַט אַ קאָפּ-ווייטיק.

— און דו, פֿיליפּ?

— מיין טאַטע איז געווען קראַנק.

— און דו, הערי?

ס׳פּנים מיט די זומער-שפּרענקעלעך איז פֿול געוואָרן ביי הערין מיט שמייכל. דער לערער, אַ צערייצטער, איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל און אים אַ הייב געטאָן פֿון געזעס:

---

*) = חברה.

— שיינקייט מיינס, וואָס לאַכסטו?

ס׳יינגל האָט זיך העכער צעלאַכט און דער קלאַס נאָך אים.

— אויב דו הערסט נישט אויף לאַכן, — האָט דער לערער זיך צעשריען, — וועט באַלד דער קאָרק ביי דיר אָנהייבן לאַכן.

דער קלאַס האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. דעם לערער האָט די נכפה געגעסן. די אויגן האָבן געבלישטשעט, ווי ביי א קאָטער, און בען האָט מיט אַ פרעמד קול אַ פרעג געטאָן הערין:

— ווער איז ביי דיר קראַנק געווען?

— קיינער.

— אויב קיינער, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען אין סקול

— נעכטן איז געווען דער ערשטער מאַי.

— איז וואָס?

— מיין טאַטע איז אַן אַרבעטער...

— דאַרפסטו דעריבער נישט גיין אין סקול? — איז דער לערער אַריין דעם יינגל אין די רייד, נישט געלאָזט ענדיקן.

— מיין טאַטנס יום-טוב איז אויך מיין יום-טוב.

— וואָס יום-טוב, ווען יום-טוב, — האָט דער לערער נאָכגעקרימט דעם יינגל, — דיין טאַטע וועט באַצאָלן פינף דאָלער שטראָף און דו וועסט בלייבן נאָך אַ זמן אין אַכטן קלאַס.

— מיין טאַטע וועט נישט באַצאָלן און איך וועל נישט בלייבן.

— איז ס׳יינגל בלאַס געוואָרן און האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער באַנק.

— אויב דיין טאַטן געפעלט נישט אַמעריקע, — האָט דער לערער גענומען רעדן מיט אַ יידישן אַקצענט, געוואָלט חוזק מאַכן פונעם יינגל, — קען ער צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד.

ס׳יינגל האָט אַ ווילע געשוויגן, געפינטלט מיט די אויגן און האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „דו אָבער וועסט נישט פאָרן קיין רוסלאַנד, ניין, וועסט נישט פאָרן" — און ער האָט זיך אַ בייג געטאָן צום לערער און אים איינגערוימט אין יידיש:

— דו וועסט פאָרן אין דר׳ערד אַריין!

בען האָט אויסגעהאַקט דעם יינגל אַ פאַטש, ס׳יינגל איז

אונטערגעשפּרונגען, זיך פֿאַרמאָסטן דעם לערער מיט דער פּויסט אין דער גאָמבע אַריין.

די קינדער האָבן זיך אַ ריס געטאָן, זיך געבויגן איבער די בענק, געשריען:

— גוט אַזוי! גוט אַזוי!

— פֿאַרפֿאָר אים, פֿאַרפֿאָר אים אין פּיסק אַריין!

1930

---

# אַ סקעב

דער רעגן האָט נישט געוואָלט אויפהערן, געשווענקט גאַסן, היי־זער, מענטשן, און די לופט, אַ פּיטש־נאַסע, אַ שווערע, האָט געהויקערט פלייצעס, אונטערגעהאַקט פּיס. די טראָטואַרן אַרום יוניאָן־סקווער זע־נען פול געווען מיט סטרייקערס, מיט גענגסטערס, מיט פּאָליסלייט און אויף די גאַסן האָבן זיך געווייקט שירעמס מיט איבערגעדרייטע חוט־השדרהס.

די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויפן רעגן, זענען מיט־אַמאָל געבליבן שטיין פאַר אַ געביידע און איידער די פּאָליסלייט האָבן צייט געהאַט פונאַנדערצוטרייבן דעם המון, האָט די נאַסע לופט איפגעציטערט:

— הוראַ, חברים!

— הוראַ!

מען האָט געהויבן הענט, היטלען, שירעמס, באַגריסט אַ גרופּע האַלב־פאַרשעמטע, האַלב־איבערגעשראָקענע אַרבעטער, וואָס זענען צו־געשטאַנען צום סטרייק.

עס זענען אָנגעלאָפן פּאָליסלייט, הויכע, פלייציקע. די ברוסט־ביינער האָבן זיך געריסן פון הינטער די געפּאַסטע מונדירן, די „קלאָבס" האָבן זיך ווילעריש צעוויגט:

— געגאַנגען זאָל ווערן!

— געגאַנגען!

— „פּיקעטסט" שוין ווידער, ראָוז? — האָט אַ פּאָליסמאַן אָפּגע־שטעלט אַ סטרייקערין.

— כ׳האָב היינט מיטגעבראַכט מיין טאָכטער אויך. — האָט די

יונגע מאַמע אָנגעוויזן אויף איר צוועלף-יעריק מיידל. — לאָז זי וויסן וואָס הייסט פּיקעטן!

— כ׳קען אייך ביידע אַרעסטירן. — האָט דער פּאָליסמאַן אַ זאָג געטאָן.

— וועסט עס נישט טאָן.

— אָבער כ׳קען. — האָט דער פּאָליסמאַן געשמייכלט און אַ הייב געטאָן דעם „קלאָב". — אַ מאַמע, ראָוז, פירט די טאָכטער אין פּאַבּ־ליק-סקול, נישט אויף דער „פּיקעט-לאַין".

— דאָס איז די בעסטע סקול, קעפּטן!

— נו געגאַנגען, געגאַנגען!

די סטרייקערס האָבן זיך געלאָזט מיטן טראָטואַר, געהויבן די געדראָלענע פיס, צעשפּריצט די גריבלעך וואַסער און דער רעגן האָט געפּאַטשט, פאַרגאָסן די אויגן.

ס׳איז שוין געווען די פערטע וואָך פון סטרייק. ביי סילווערן אין שאַפּ, ווו מען האָט גענייט זיידענע קליידער, איז געבליבן אַר־בעטן בלויז דער צושניידער פאַרבער. ער האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז ער ווארפט די אַרבעט, גייט סטרייקן. דערווייל האָט ער אָפּגעשלעפּט פון טאָג צו טאָג ביז ער איז אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ וואָך צייט.

— מען דאַרף אים אָנלערנען, דעם טענצער!

— דעם „סקעב"!

— צעברעכן די ביינער!

— וואָלט מען פאַרשפּאַרט אים נאָכצוגיין!

— מ׳וועט אים מיט גוטן אַראָפּנעמען!

— איר וועט זען!

די גאַס, וואָס נישט געקוקט אויפן רעגן, איז אַ גאַנצן טאָג גע־פּאַקט געווען מיט סטרייקערס, מיט אויטאָמאָבילס, האָט זיך מיטן אָוונט גענומען אָפּליידיקן. ס׳ברודיקע ליכט אין די פענצטער האָט זיך געהאַלטן אין לעשן און די הייזער, אָפּגעקראָכענע, פאַרווייַנטע, האָבן געגלאָצט מיט די אויסגעלאָשענע אויגן.

קעגנאיבער סילווערס שאַפּ זענען געשטאַנען צוויי פאַרשוינען. די קעלנער פון די „בלעכענע" רעגנמאַנטלען אויפגעשטעלט. די שיך

צעווייקט, צעפּאָרן. זיי האָבן געקוקט אין די פענצטער פון זעקסטן שטאָק, ווו שטיקלעך ליכט האָבן געצאַפּלט.

— וואָס ליגט ער דאָרט אַזוי לאַנג? — האָט דער קלענערער פאַרשוין, אַ דאַרער, מיט אַ טרוקן הוסטל, זיך אָנגערופן.

— מיר וויקן זיך אויפן רעגן, ווערן אויסגעריסן, און דער יינג איז שוין מן-הסתם פון אַ גוטער מינוט אינדערהיים. — האָט דער העכערער האַסטיק אַ צי געטאָן אַ קריש סיגאַרעטל, וואָס ער האָט גע-האַלטן צווישן צוויי פינגער.

— מאָשקע מיט סעמען וואַרטן אויף אים אינדערהיים. — האָט דער קלענערער אַרויסגעלאָזט אַן אָנגעשפּאָלטענעם הוסט.

— אַזאַ יינג האָט מען באַדאַרפט גלייך אונטערהאַקן די זייטן, נישט אומשלעפּן זיך מיט אים!

— דאָס האָב איך דאָך געטענעט!

— ער מאַכט דאָך ס'געגנאַר פון אונז! היינט-מאָרגן, מאָרגן-היינט און דערווייל אַרבעט ער שוין די פּערטע וואָך און מיר סטרייקן!

ס'איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אויפן זעקסטן שטאָק.

— קום אַריבער! — האָט דער קלענערער אַ שלעפּ געטאָן דעם העכערן און ביידע זענען דורכגעלאָפן די גאַס.

זיי זענען אַריין אין קאָרידאָר און געבליבן שטיין ביי דער טרעפּ מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. דער רעגן האָט געפּויקט אין די שויבן, פאַרווישט יעדן קלאַנג. מיט דער טרעפּ איז קיינער נישט אָנגעקומען.

— זאָל ער שלאָפן אין „שאַפּ"?

— ווייס איך! ער נעכטיקט אינדערהיים!

— ביסט זיכער?

— די מיסעס זיינע האָט מיר געזאָגט.

אין דער קאָרידאָר-טיר זענען געשטאַנען מאָשקע מיט סעמקען.

— נישטאָ אינדערהיים? — האָבן ביידע זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

— נישטאָ. — האָט מאָשקע אַ בייג געטאָן דעם ראַנד פון קאַ-פּעליוש, ווו וואַסער האָט זיך געגאָסן ווי פון אַ רינע. — ווער גייט עסן?

— ווו, אין קאָאָפּעראַטיוו?

— קומט אויף סעקאָנד-עוועניו, — האָט מאָשקע זיך גענומען רעכטס, — דאָרט קען מען אים אַמאָל פּאַקן!

אין וואַרשעווער רעסטאָראַן, ביי אַ זייטיק טישל, איז געזעסן פאַרבער מיט אַ מיידל.

— אָט זיצט ער דאָך!

— האַלאָ, פאַרבער! — האָט מאָשקע זיך צוגעזעצט און געמאַכט פּלאַץ פאַרן עולם, — וואָס באַהאַלטסטו זיך פאַר אונז?

— ווער באַהאַלט זיך? — האָט פאַרבער גענומען וואַרפן מיט די אויגן און די מראה פון פּנים איז ביי אים אָפּגערונען.

— שוין אַ וואָך צייט ווי מיר זוכן דיך. — האָט מאָשקע צונויפּגעקוועטשט אַ רעפּטל ראַזאָווע ברויט, עס אַריינגערוקט אין מויל אַריין און זיך אַ שאַר געטאָן צו פאַרבערן אַזוי נאָענט, אַז יענער האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק. — מיר ווילן זאָלסט וואַרפן די אַרבעט, זאָלסט נישט גיין מער אין שאַפּ אַריין...

— דו אַרבעטסט דען? — האָט ס׳מיידל געעפנט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן.

— צי פאַרבער אַרבעט? — האָט מאָשקע זיך צעלאַכט — ער „סקעבט"! די גאַנצע דריי וואָכן פון סטרייק „סקעבט" ער.

— ס׳אַ ליגן! — האָט פאַרבער פּרובירט זיך צו פאַרענטפערן און די אויערן האָבן ביי אים אָנגעהויבן פלאַמען. — אַז ער אָנערקענט נישט די לינקע יוניאָן, זייער יוניאָן, הייסט דאָס „געסקעבט"?

— יאָ, בעז, דאָס הייסט „געסקעבט". — האָט ס׳מיידל געשלונגען לופט, ווי ס׳וואָלט איר פאַרפעלט אָטעם. — און איך בין געווען זיכער, אַז דו סטרייקסט, כ׳האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט.

— איין סטרייקער!

— אַ יוניאָן-מאַן!

— אַז מען האָט אַסך אַזעלכע, איז דער סטרייק אַ געוואונענער!

— איז וואָס זאָגסטו, פאַרבער? — האָט מאָשקע אים אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט.

— זייט רויק, — האָט ס׳מיידל אַ פאַרלוירענע זיך אָנגערופן,—ער וועט מער נישט גיין צו דער אַרבעט.

— דאָס זאָגט איר, זיין שוועסטער, צי זיין כלה, — האָט מאָשקע

געשמייכלט, — אָבער ער אַליין, כ'מיין פאַרבער, וואָס זאָגט?

— כ'בין אַזאַ יוניאָן-מאַן ווי איר אַלע! — האָט פאַרבער זיך אַ הייב געטאָן און געבליבן זיצן אַן אַרומגערינגלטער.

— אַ יוניאָן-מאַן איז ער?

— אַזאַ הונט מיט אויערן?

— אַזאַ הינטישער זון!

— סקעבבאָטש!

— שאַראַפּ! — האָט מאָשקע פאַרמאַכט מיט דער האַנט די חברימס מיילער און געפרעגט פאַרבערן — טאָ ווי בלייבט? זאָגסטו מיר צו, אַז דו גייסט מאָרגן מער נישט צו דער אַרבעט?

— כ'וועל גיין! — האָט פאַרבער זיך אַ ריס געטאָן.

— ער וועט נישט גיין! — האָט ס'מיידל געטענעט אירס.

— כ'וועל יאָ גיין!

— אויב דו גייסט, בען, — האָט ס'מיידל אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, צוריק אַוועקגעזעצט, — איז צווישן אונז אַלץ געענדיקט!

— איז געענדיקט! — האָט פאַרבער זיך אַ ריס געטאָן פונעם מיידל, אַ שאַר געטאָן פון אונטער זיך די שטול, און, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, געוואָלט אַפּיר פון הינטערן טיש.

ער האָט געכאַפּט אַ פּלעם אין רעכטן אויער. דער קאָפּ האָט זיך אַ דריי געטאָן רעכטס, געוואָלט זען פון וואַנען דער קלאַפּ איז געקומען, האָט ער געקראָגן אַ שאָס צווישן די ציין, צווישן די אויגן, אַז דאָס קיילעכדיקע פּנים האָט זיך אַ צי געטאָן, לענגלעך געוואָרן. פיר מענטשן זענען געלעגן אויף אים מיט די נאַסע רעגנמאַנטלען, מיט די צעוויקטע שיך, זיך געקנוילט, געקנעטן די זייטן, די ריפּן, געסאַפּעט פאַרבערן אין די אויגן אַריין, אין דעם צעבלוטיקטן מויל:

— וועסט גיין אַרבעטן?

— אַרבעטן וועסטו גיין?

— סקעב!

— סקעב!

— סקעב!

1929

# ביזנעס

אין דער שול „תפארת־ישראל" ווייסט מען נישט פון קיין קריזיס. די מיטגלידער — צוריקגעצויגענע געשעפטסלייט, וואָס לעבן פון פּראָצענט, קומען צוויי מאָל אַ טאָג אין שול אַריין. מען דאַוונט, מען לערנט אַ פּרק משניות און מען איז עוסק אין מסחר מער פון צייטפאַרטרייב, ווי פון גויט. דער קראַך אין „ריעל־עסטייט" האָט אין שול אַריין נישט דערגרייכט. דאָ גייט אָן דער האַגדל, ווי מיט דריי יאָר, ווי מיט צוויי, ווי פאַראַיאָרן. מען קויפט און מען פאַרקויפט הייזער, מען קויפט און מען פאַרקויפט „לאָטס", און אַלץ צווישן זיך, צווישן די מיטגלידער פון תפארת־ישראל.

די שול האָט אַן אייגענעם „ריעל־עסטייטניק", אַ יונגן אַדוואָקאַט, וואָס איז אויך אַ שומר־שבת. דער אַדוואָקאַט, הערי מאַלער, כאַפּט זיך אָפּט צו צום עמוד, לערנט מיט די יידן משניות און לעצטנס האָט ער גאָר אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די באָרד מיט סם.

אין אַ זייטיקן צימער ביי אַ פיר־עקיקן טיש, באַשלאָגן מיט גריגעם טוך, זיצט אַ קנאַפּער מנין יידן. עס איז מנחה־צייט. דורך לאַנגע, שמאָלע פענצטער פאַלן זון־שטראַלן. די שטראַלן לעשן זיך, צינדן זיך ווידער, און פאַר די אויגן שפּרייט זיך דער פאַרנאַכט אַ וואָרימער, ווי פון וואַקס געשמאָלצן. ביי די דריי פענצטער זיצן זקנים, קוקן ווער אין אַ חומש, ווער אין אַ משניות. און דורך דער אָפענער טיר, וואָס פירט אין שול אַריין, זעען זיך יאָרצייט־לעמפּלעך. די פלעמלעך שפּיגלען זיך אין דער שויבן־טיר, הייבן זיך איבער די רויטע פאָרהאַנגלעך, גיבן אָפּ אַ גרוס פון יענער־וועלט.

ביים טיש זיצן באַלייבטע יידן און גאָר מאָגערע. מען פּיפּקעט סיגאַרעטלעך, מען קייט ציגאַרן און די אויערן זענען אָנגעשטעלט, הערן ווי סיגאַל דערציילט. ער, סיגאַל, האָט אַ געדיכטע באָרד, אַ

געקרויזטע, ווי אַ געמישטער וואַלד. זי איז אי געלבלעך, אי אָפּגע־
בליאַקעוועט, אי גרוי. און פון וואַלד בלישטשען אַרויס אַ פּאָר אויגן
— טיפע, דורכזיכטיקע. די ליפּן, רויטע, פליישיקע, רוען נישט, מאָלן
ווי אַ ווינט־מיל.

— און אַז נישט קיין הויז, שטעלט מען אַוועק אַ גאַראַזש, טראָגט ער אויך אַכציק דאָלער אַ וואָך! אַזאַ שטיקל פּלאַץ איז דאָך אַ פּאַרמעגן! אין אַ יאָר אַרום וועט די גאַנצע געגנט זיין פאַרבויט!

— איז עס דאָך טאַקע אַ מציאה! — רופט זיך אָן אַ שווערער ייד מיט קישעלעך אונטער די וואַסערדיקע אויגן.

— וויפל הייסט מען זיך געבן פאַר אַזאַ „לאָט"? — פרעגט אַ צווייטער.

— פאַר פינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער קען מען אים קויפן. — פאַרקוועטשט סיגאַל איין אויג און דאָס באַוואַקסענע פּנים נישטערט צווישן עולם, וויל זיין זיכער, אַז ער גענאַרט זיך נישט.

— ווי גרויס? — פרעגן עטלעכע מיטאַמאָל.

— הונדערט ביי הונדערט־און־פופציק פוס.

— און ווי גרויס איז דער „מאָרגעדזש"? *) — לאָזט איינער פון דער זייט פאַלן אַ וואָרט.

— גאַנצע צוויי, — ציט סיגאַל די ווערטער און האָט בשעת מעשה אַ מינע, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אויפגעדעקט דריי טייז. — דער ערשטער „מאָרגעדזש" פופצן טויזנט און דער צווייטער — פינף.

— איז עס דאָך אַ ווילדע מציאה, סיגאַל!

— ס'איז טאַקע!

— אַזוי בלינדערהייט, — שלאָגט פאָר דער שווערער ייד מיט די קישעלעך אונטער די אויגן, — שטיי איך צו פאַר אַ שותף.

— לאָמיך אַפריער קויפן די „לאָט". — בעט זיך ביי אים סיגאַל.

— אַז ביסט יאָ אַזאַ רעבתן, סיגאַל, ווילסט אַלץ אַליין איינשלינגען, — בייזערט זיך שוין דער שווערער ייד, — באַטרעט איך מאַלערן אַ טויזנטער און קויף דעם פלאַץ.

— באַטרעט, באַטרעט, — שטעלט זיך סיגאַל אויף און נעמט

---

*) = היפּאָטיק.

שפרייזן איבערן צימער, — נאָר גלויב מיר, אַז כ׳וועל זיך נישט לאָזן שפייען אין דער קאָשע אַריין!

— ס׳ווערט דאָך שפעט. — פאַרמאַכט אַ זקן דאָס משניות, רייבט די הענט אָן דער שויב. — צייט מנחה דאַוונען.

— רופט אַריין מאַלערן.

— ווו איז ער?

— ער דרייט זיך מיטן קאַנטער פאַר דער שול.

— מיט אונזער חזן?

— יאָ.

מאַלער, אַ הויכער, אַ שוואַרצער, מיט אַ פאָר צוגעשוירענע וואָנצן. די וואָנצן מאַכן נישט עלטער דאָס גאָר יונגע פּנים, ליגן אויף דער ברייטער אייבערשטער ליפּ, ווי אַ פייגעלע מיט צעשפּרייטע פליגעלעך. דער שטייפער קאַפעליוש איז ביי אים ווילעריש פאַררוקט אויף אָן אויער און דער שטערן, די אויגן, ס׳גאַנצע פּנים, — אַלץ אַרבעט ביי אים מעשים. ער האַלט פעסט דעם קאַנטער פאַר אַן אָרעם, שפּאַצירט מיט אים איבערן טראָטואַר און הערט נישט אויף צו רעדן:

— הער-זשע מיט קאָפּ: דו מאַכסט מיר-נישט, דיר-נישט צוויי הונדערט דאָלער. כ׳זאָג נישט, אַז ס׳איז אַ פאַרמעגן, נאָר אַז מען זאָל נעמען דיינע שכירות דאָ אין שול פאַר דער וואָך און דיינע געווינסן אין פּאָוקער, וועט אַלץ נישט זיין קיין צוויי הונדערט דאָלער... איז, האַ, וואָס זאָגסטו?

— וואָס דאַרף איך טאָן דערפאַר? — פרעגט דער קאַנטער אויף זיין באַריטאָן און די אונטערשטע ליפּ ציט זיך ביי אים אויס, ווי ער וואָלט געהאַלטן אינמיטן זינגען, — וועסט דאָך אומזיסט קיין געלט נישט געבן?

הערי מאַלער און דער חזן האָבן גיכער אויסגעזען ווי זויף-ברידער, וואָס שפּילן צוזאַמען אין קאָרטן, ווי שול-יידן. זיי האָבן זיך אַ ווייל אָנגעקוקט און מאַלער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַפּיר:

— וואָס כ׳וויל פון דיר? גאָרנישט? טאַקע גאָרנישט! איך געטרוי דיר גאַנצע פינף טויזנט דאָלער, כ׳וויל דיר אָפּשרייבן אַ צווייטן „מאָרגעדזש" אויף דער „לאָט", וואָס סיגאַל האַלט אין קויפן... דו לייען איבער ס׳פּאַפּיר און שרייב דיך אונטער, און אַזוי שנעל, ווי

סיגאַל קויפט ביי מיר די לאָט, קריגסטו דיינע צוויי הונדערט דאָלער... וואָס קוקסטו? אַ חזן און אַ מלמד...

— כ׳מיין, — באַליידיקט זיך דער חזן, וואָס מאַלער פאַרגלייכט אים צו אַ מלמד, און פּרובירט זיך אַנטקייגנצושטעלן, — פון וואַן מיט־אַמאָל אַזאַ גוטסקייט? און צו וואָס דאַרפסטו מיר אָפּשרייבן, ווען מיר קומט גאָרנישט ביי דיר?

— ביסטו דאָך טאַקע אַ כפול־שמונהדיקער, — שמייכלט מאַלער, — אַזאַ ייד, ווי סיגאַל, דאָס איז דאָך אָנגעשטאָפּט ווי קורח, וויל דווקא מציאות, וויל מען זאָל אים אָפּנאַרן... די „לאָט" איז דאָך אַ מציאה ס׳געלט, זי איז אַ מציאה אַפילו דרייסיק טויזנט... נאָר אַזוי ראַיעל וועט ער זי נישט קויפן... זעסט, אַן ערשטער „מאַרגעדזש" פון פופצן טויזנט, אַ צווייטער פון פינף טויזנט, אַזוי בחצי־חנם, וועט סיגאַל אויך זיין אַ בעלן אָנצוקריגן די „לאָט"... טאָ נאַ, ר׳ שלמה סיגאַל, נאַ, שיינער ייד, אַ צווייטן „מאַרגעדזש" און קוויק זיך, געננאַר אָפּ מאַלערן, געננאַר אָפּ די גאַנצע וועלט און קוויק זיך! איצט איז דיר שוין קלאָר צו וואָס כ׳טו עס? אָט, אַ חזן בלייבט אַ חזן! — לייגט מאַלער אַוועק זיין ביינערנע האַנט דעם חזן צווישן די לאָפּאַטקעס, — נו, שרייב שוין אונטער, שרייב!

ביים חזן פאַרקריכט דער קאַפּעליוש אויפן קאַרק, די אויערן רויטלען זיך, פילט די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט און דער יונגער אַד־וואָקאַט וואַקסט ביי אים אין די אויגן.

אויף די שול־טרעפּלעך שטייען צוויי יידן, רופן:

— מיסטער מאַלער, מיסטער מאַלער, מיר וואַרטן דאָך אויף אייך!

— שוין, שוין.

מאַלער הויבט זיך איבער די טרעפּלעך, וואַשט די הענט, טריקנט זיי אָן דעם האַנטעך, וואָס דרייט זיך אויף אַ הילצערן רעדל.

די יידן באַגעגענען מאַלערן מיט דרך־ארץ, פאַרגעסן אויף קיין רגע נישט, אַז מאַלער, דער אַדוואָקאַט, טוט זיי אַ טובה, אַז ער דאַרף גאָר זיין אַ גוי־גמור, ווי אַלע אַדוואָקאַטן, און מיטאַמאָל אַזאַ גליק — אַן אַדוואָקאַט און ער דאַוונט, לערנט, איז אַ שומר־שבת.

— האַלאָ, מר׳ מאַלער, — רוקט זיך אונטער סיגאַל, — כ׳וויל אייך אַ ווייל זען.

— איך אויך. — וואַקסט אויס דער שווערער ייד מיט די קישע־לעך אונטער די אויגן.

— מיר קריכט מען נישט אין וועג אַריין! — הייבט אויף סי־גאַל אַ פינגער, סטראַשעט דעם שווערן ייד.

— מיר אויך נישט! — ווערן ביים שווערן ייד די קישעלעך אונטער די אויגן גרעסער.

— אַלץ נאָכן דאַוונען, אַלץ נאָך מנחה. — צענעמט מאַלער די צוויי יידן און שטייט שוין ביים עמוד.

דער עולם גאַפט, איז שטאַרק צופרידן, וואָס די שול תפארת־ישראל האָט אַזאַ אָפּגעהיטן אַדוואָקאַט. קומט די צייט פון דאַוונען, פאַרגעסט ער אָן מסחר, וויל נישט וויסן פון „ביזנעס״. און מעגלעך דערפאַר פאַרלאָזט נישט גאָט און אין דער שול תפארת־ישראל ווייסט מען נישט פון קיין קריזיס — מען האַנדלט ווי מיט דריי יאָר, ווי מיט צוויי, ווי פאַראַיאָרן.

1929

## אַ שטאַרקער

צען יאָר האָט דזשעק געהערשט אין דער „פּיינטער־יוניאָן" *).
ער האָט איינגעבראָכן יעדן אַרבעטער, געזען ער זאָל ווערן אַ גוטער
יוניאָן־מאַן. איז אַרײַנגעקומען אַ „גרינער", האָט דזשעק זיך באַלד צו
אים צוגעזעצט, אויסגעריסן אַ קנאַפּ מיט דער סחורה, אויב דער גרי־
נער האָט געטראָגן אַ נייעם אַנצוג, געשריבן מיט טינט ביי יענעם
אויפן ווייסן קאָלנער, באַלד געגעבן צו דערפילן, אַז אַחוץ דזשעקן
האָט דאָ קיינער קיין דעה נישט. און ווי איז געווען דעם גרינעם,
אויב ער האָט געוואַגט זיך אַנטקייגן צו שטעלן.

דזשעק איז געווען אין די פערציקער. הויך, די פּלייצעס איבער
אַן איל די ברייט. העגט באַוואַקסענע, וואָגיקע, דער קאָפּ טיף אין
די אַקסלען און דער קאַרק, אַ נידריקער, האָט זיך אַנגעצויגן פון
באַהאַלטענער גבורה.

מיט צען יאָר קריק, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער
סטרייק און ס'האָבן זיך באַוויזן אָן אַ שיעור „סקעבס", האָט די יוניאָן
געדונגען דזשעקן דעם „פּרייז־פייטער".

פון ערשטן טאָג אָן האָט ער אָנגעהויבן הערשן אין דער יוניאָן,
געהערשט מיט די וואָגיקע הענט, ער האָט אונטערגעהאַקט אויגן, גע־
שפּאָלטן קעפּ, אָפּגעהאַקט לונגען, און אַז מען האָט געדאַרפט, האָט
ער אַפילו אויף יענער וועלט געקענט אַוועקשיקן.

אַדאַנק אים האָט די יוניאָן געוווּנען דעם סטרייק.

אַזוי האָט ער געהערשט איבער צען יאָר, אָנגעשטעלט אַ דעלע־
גאַט, געזען וואָסערע באַאַמטע מען זאָל ערווילן, אַליין געראַכלערט

---

*) = מאָלער־יוניאָן.

ציגאַרן, זיך אַרומגעדרייט אין זיידענע העמדער מיט פאַרקאַש..טע אַרבל און גאָרנישט געטאָן.

אין דער שטיל האָבן די יוניאָן-לייט געמורמלט, זיך אָבער גע-שראָקן פאַר זייערע הענט, פלייצעס, מורא געהאַט פאַר זייערע אויגן. ס'איז קאַלט געוואָרן, ווען דזשעק האָט אָנגעהויבן שאַרן מיט זיינע קליינע פאַרלאָפענע אויגן איבער עמיצנס פנים. און נישט נאָר האָט מען געשוויגן אין זיין געגנוואַרט, מען האָט הינטיש געשמייכלט צו אים.

ס'איז פאַרביי אַ יאָר נאָך אַ יאָר. פון ליידיק-גיין און פון צופיל עסן זענען ביי דזשעקן די מוסקולן ווייכער געוואָרן, די הענט און די פלייצעס זענען זיך צעוואַקסן, אויסגעזען נאָך שטאַרקער און אונ-טער דער גאָמבע האָט זיך געפעדלט אַ גוידערל.

די יוניאָן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, איינגעפונדעוועטער. מענטשן האָבן געאַרבעט, גוט פאַרדינט, זעלטן און מיט שוועריקייטן אַריינגענומען אַ נייעם מיטגליד.

דזשעק האָט נישט געהאַט אויף וועמען אויסצופּרובירן זיינע פויסטן, זיך נישט געקלאַפּט, אַז ער איז עלטער מיט צען יאָר, אַז זיין אָטעם איז געוואָרן קירצער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיינע וואָגיקע גלידער, ווי דאָס בלוט האָט געשפּילט מיט אַזאַ פרייד, אים פאַרבלענדט, דערמאָנט, אַז ער פלעגט אַמאָל מיט אַ קלאַפּ אַוועקלייגן אַ מענטש. און דזשעק האָט געגלויבט, לויט די געליבטע, וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום אים, אַז צו אים איז קיין גלייכן נישטאָ.

אַן עלטערער „פּיינטער"*), איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהאָלפן גרינדן די יוניאָן, האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום דזשעקן:

— נו, דזשעק, ווען זאָל איך ברענגען דעם יינגל מיינעם?

— אַ יינגל שיקט מען אין חדר אַריין! — האָט זיך עמיצער אָנגערופן, געוואָלט געפעלן דזשעקן.

— דאָס יינגל וועט אַזעלכע דריי ווי דו בייקומען! — האָט דער פאָטער זיך געגרויסט.

— געראָטן אין טאַטן, האַ?

— שוין גאָרנישט געראָטן אין טאַטן! — האָט דער פאָטער זיך געשמאָלצן פון נחת.

*) = מאַליער.

דזשעק האָט אים געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס. איינמאָל ווען ער האָט דערפילט מיטאַמאָל אַ וואַרעמקייט אין גאַנצן קערפּער, די גלידער זענען געוואָרן שטייף פון צופיל רו און דער „פיינטער“, אַ קליינער, אַ מאָגערער, איז צוגעשטאַנען, האָט דזשעק זיך אַרויסגעכאַפּט:

— ברענג אים, דייוו!

צומאָרגנס האָט דייוו געבראַכט דעם נייַנצן־יעריקן זון. אַ גע־וויקסיקער, אויסגעזען ווי עטלעכע און צוואַנציק, די האָר נאַט און גלאַנציק, ווי דער יינג וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון ראַזירער. אין לאַץ פון געפּאַסטן, נייעם אָנצוג האָט געפינקלט אַ גאָלדן קייטעלע. דער יינג האָט אַפּירגעוואָרפן די פּיס און כאָטש ער האָט געוווּסט וואָס ער דאַרף דורכמאַכן, האָט ער זיך אַזוי געהאַלטן, ווי ער וואָלט אַ טובה געטאָן דער יוניאָן מיט זיין אַריינקומען.

דזשעקן האָט פאַרדראָסן דעם יינגס האַלטן זיך, געזען אין דעם אַ באַליידיקונג פאַר זיך, נישט געקענט דערלאָזן מען זאָל אים גיין אין וועג אַריין. דערצו האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אומרויקער עולם ווינקט זיך איבער אויף זיין חשבון. דאָס איז געווען גענוג. אין די קליינע אויגן האָט זיך געפלעמלט אַ פינצטערע בייזקייט, דער קורצער קאַרק האָט זיך געצויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט צום יינג, וויל־יינגעריש אַ כאַפּ געטאָן מיט איין האַנט דעם פרעמדנס פּיס אי־בער דער קני.

— דיין טאַטע זאָגט, אַז דו ביסט אַ שטאַרקער, פון די אמתע.

— האָבן זיינע אויגן מיט ביטול זיך איינגעגעסן אין דעם יינגס.

— שטאַרק, נישט שטאַרק, — האָט דער יינג אַ שלעפּ אַרויס גע־טאָן פון דזשעקס האַנט דעם פוס, — נאָר צו מיר רעדט מען נישט אַזוי!

— ווי דען? — האָט דזשעק זיך אַ צי געטאָן, אויפגעהויבן מיט־אַמאָל צוויי פיס ווי קלעצער, זיי אָנגעשפּאַרט אָן דעם יינגס קני־ען און זיך געמאַכט שלאָפן.

דער יינג האָט מיט אַ שליידער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דזשעקס פיס.

דער פאָטער, אַ דאַרער, אַ מאָגערער, איז אַריין אין דער מיט

און מיט אַ רחמנות־פּנים זיך געבעטן ביים זון:
— מאָריס, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט?...
— וואָס צוגעזאָגט, — האָט דער יינג געפּלאָמט, — זיך לאָזן בייסן פון אַ משוגענעם הונט?
— ווער איז אַ משוגענער הונט? — האָט דזשעק פּויל אַ דריי געטאָן צו אים דעם קאָפּ.
— דו!
— וואַרט, איך וועל דיך זען אויף דער גאַס!
— אַפילו שוין!
דער עולם אַרום האָט רחמנות געקראָגן אויפן יינג. דזשעק איז געבליבן זיצן, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט, בלויז די אויגן, אַ פּאָר קליינע פינצטערע אויגן, האָבן זיך געצונדן און געלאָשן.
דער יינג איז אַראָפּ דער ערשטער. דער פּאָטער נאָך אים, זיך געבעטן ביים זון ער זאָל אָפּציען. דער יינג האָט זיך געדרייט פאַרן אַרויסגאַנג, נישט געענטפערט דעם פּאָטער און אונטערגעפּייפט.
ס'האָט זיך באַוויזן דזשעק. דער עולם האָט זיך נאָכגעשאַרט אַ בייגעריקער, אויף אַ מינוט נישט אַ טראַכט געטאָן וואָס דאָ וועט זיין, געוועזן זיכער, אַז דייווס זון וועט מען באַלד צונעמען אַ צעגהרגטן.
דזשעק האָט אַראָפּגעוואָרפן ס'רעקל, דעם קאָלנער, פאַרשאַרצט די אַרבל איבער די מוסקולן, איינגעצויגן דעם פּאַסעק איבערן פאַר־שפּיצטן בויך און זיך וווילעריש אַ שטעל געטאָן, ווי אין די אַמאָ־ליקע צייטן.
דער יינג, אַ שטאַרקער, אַ פלינקער, האָט זיך נישט קיין דרייס־טער אַרויסגערוקט, נישט געוווסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. די יוגנט אין אים האָט נישט געלאָזט טראַכטן, אים אַ שטופּ געטאָן. זיי האָבן זיך אַ ווייל געמאָסטן, געטשאַטעוועט.
ערשט איצט האָט זיך דער אַרומיקער עולם געכאַפּט, אַז דזשעק איז אויסגעשפּילט, נישט באַוועגלעך, אַז דער יינג קלאַפּט מיט זיינע פלינקע און שטאַרקע הענט אונטער דער איבערגעלייגטער גאָמבע, אין די קליינע פאַרלאָפענע אויגן, אין דעם געשוואָלענעם איינשיט.
דער שרעק ביים עולם איז צערונען. מען האָט זיך דערמאָנט

וואָס מען איז פֿאַר די צען יאָר אויסגעשטאַנען פֿון דזשעקן, מיטגע-
ריסן געוואָרן מיט די קלעפּ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט. און ווען
מען וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלטן אַלע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף
דזשעקן, אים דערשלאָגן, ווען ער איז געלעגן אַ צעבלוטיקטער אויף
דער ערד, אים צעריסן אויף שטיקער, ווי וועלף צערייסן זייער אויס-
געשפּילטן אָנפֿירער.

1929

---

# פייגעלע

זרח, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געשאָכטן קעלבער ביי סוויפטן אין די שלאַכט־הייזער, איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מאָגערן שלוש־סעודות, ווען איבער קאַנעל־סטריט האָט דער טאָג זיך שוין געהאַט געזעצט, געלאָזט נאָך זיך פּאַסן אַש, פרענטעס קופּער.

זרח האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אָן טיש, אַריינגענומען ס׳פּנים אין די ווייסע אָפּגעדעקטע הענט און זיך לייכט צעוויגט. ביסלעכווייז האָט ער זיך צונויפגעגאָסן מיטן בענקל, ווו ער איז געזעסן, מיטן טיש, מיט די ווענט און פון דעם קנויל־חושך האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט גרימעריי. דאָס האָט זרח זיך אונטערגעברומט דעם זמר, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין פאָטער:

„— — — אינז האָבן דאָך אַ טאַטע אין הימל,
וואָס ער טוט קיימאָל נישט קיין דרימל״.

— אַ טאַטע אין הימל און פייגעלע מאַטערט זיך, שפּייט אויס די נשמה. — האָט זרחס וייב גענומען טאַפּן אין דער פינצטער. זי האָט אַן עפן געטאָן אַ זייטיקע טיר, פון וואַן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ טרוקענער אָנגעשפּאָלטענער הוסט.

זרח האָט נישט דערענדיקט דעם זמר. ער האָט מיט אימפּעט אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן טיש, אַרויסגעלאָזט אַ שווערן „נאַ—אַ״ און דער „נאַ״, וואָס איז שוין געווען ווייט פון זרחן, האָט מיט זיך מיטגעריסן דעם שבת, צוריקגעבראַכט דעם עול־פּרנסה, די צרות, וואָס איבער דער וואַנט ליגט פייגעלע מיט אויסגעשפּיגענע לונגען.

זרח האָט מיטאַמאָל זיך אַ הייב געטאָן פון טיש, אָפּגעריסן די הויזן פונעם געפּאַרבטן בענקל־זיץ מיט אַזאַ רוגזה און געשריי, ווי ער וואָלט אַ שטיק לייוונט צעריסן אין צווייען.

ער האָט זיך געלאָזט צום פענצטער און אויפן וועג אָפּגעשאָקלט פון זיך די שטיקער חושך, וואָס האָבן אָפּגעדעקט געבויגענע פּלייצעס, הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אַ לענגלעך פּנים, אַ דאַרס, נאָך אַ לענגע־רע רויטע באָרד און אין דעם פּנים אַ פּאָר צעווייטיקטע אויגן, גלייך זיי וואָלטן געקוקט אין דעם לעצטן זון־פאַרגאַנג.

— גוט־וואָך, גוט־וואָך, פייגעלע. — האָט זרח געלאָזט נאָך זיך אָפּן די טיר און געטריבן ס׳ליכט פון די אויגן.

פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים איז פייגעלע איינגעלאָפן, האָט אויסגעזען ווי אַ קראַנק צען־יעריק מיידל, וואָס ליגט אַ לענגערע צייט צו בעט. די נאָז, די גאָמבע פאַרשפּיצט. די רויטע שיטערע האָר צו־נויפגעדרייט אין אַ קנופּ, ווי אַ פּויסטל ביי אַ זויג־קינד. בלויז די אויגן, קלוגע, טונקעלע אויגן, האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן קראַנקן גוף. די אויגן האָבן געקוקט אויף דער פאַרוויינטער מוטער און געשמייכלט:

— וואָס וויינסטו, מאַמע?

— ווער וויינט? — האָט די מוטער געווישט די אויגן מיט די אָפּגעאַרבעטע הענט — און אַז כ׳וויין, טאָכטער, איז איבער מיין ביי־טער מזל.

— איבער מיין מזל, מאַמע. — האָט פייגעלע געשפּאַסט און איר קאָפּ האָט זיך קוים געהאַלטן אויפן איינגעדאַרטן האַלז. — זאָג, מאַ־מע, דער טאַטע מעג אויך הערן: אַן אַלטע מויד, פאַרזעסן, און דו בענקסט נאָך אַן אייניקל, וואָס זאָל דיך רופן „באָבע”, זאָג, שעם זיך נישט, מאַמע...

די מוטער האָט געשלונגען די הייסע טרערן, וואָס זענען פול געווען מיט שטיקלעך געלעכטער, געגלויבט, אַז דאָס האָט גאָט גע־שטראָפט די טאָכטער, די סאָציאַליסטקע, וואָס איז יאָרן געווען ווייט פון יידישקייט, און איצט, צו פינף־און־דרייסיק יאָר, גייט זי אַוועק פון דער וועלט און לאָזט נאָך זיך קיין זכר נישט איבער.

דער מוטערס מחשבות זענען געלעגן ביי פייגעלען אויף די טרוקענע ליפּן. זי האָט נאָר געדאַרפט אַ הויב טאָן די שפּיץ פינגער, צונויפנעמען ס׳ביסל צער, דער מאַמעס שווער האַרץ, און די קנייטשן אויף דער מוטערס פּנים וואָלטן זיך אויסגעגלייכט. פייגעלע האָט אָבער

קיין ווערטער נישט געהאַט דערפאַר. זי האָט געגלעט דער מוטערס האַנט, איבערגעטראָגן אירע ליכטיקע אויגן פון דער מוטער אויפן פאָטער, און איר בליק האָט דערציילט פון הונדערטער שעפער, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט.

פייגעלע האָט מער ווי צוויי־דריי וואָכן אין קיין שאַפּ נישט געאַרבעט. ווו זי איז געקומען, האָט זי געבונטעוועט, געפּאָדערט מיטן עולם, מען זאָל יעדן טאָג אויסקערן דעם שאַפּ, נישט איינמאָל אַ וואָך. זי האָט געהעצט די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט אַרבעטן צען און עלף שעה אַ טאָג. כמעט אַלע שעפער האָבן נאָכגעגעבן. מען האָט אַראָפּגע־ריסן אין איין שאַפּ אַ שעה און אין אַן אַנדערן — צוויי. פייגעלען אָבער האָט מען אַוועקגעשיקט. זי האָט שטענדיק געזוכט אַרבעט, שטענדיק געהאַלטן אין אָרגאַניזירן שעפער, שטענדיק אָנגעפירט סטרייקס.

פייגעלע האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער מוטערס איינגעפאַלענער ברוסט. די מוטער האָט צעלאָזט דער טאָכטערס שיטערע האָר, זיי געגומען קעמען מיט די פינגער. מחנות ווערטער האָבן זיך געריסן פון פייגעלעס קוים צעעפנט מויל, געזוכט צו באַרויקן די מוטער, זי צו טרייסטן, און די קראַנקע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳ווערט גאָרנישט פאַרלוירן, מאַמע...

— וואָס זאָגסטו, טאָכטער?

— שרה, וואַרעם איר בעסער אָן אַ גלאָז מילך. — האָט דער פאָטער זיך אַריינגעמישט מיט אַ בייזער.

— שוין, שוין. — האָט די מוטער געגומען דרייען פייגעלעס שיטערע האָר, דין ווי שפּינוועבס, אין אַ קנופּ.

פלאַמען האָבן זיך געריעדלט אין פייגעלעס באַקן־ביינער. דער בלישטש אין אירע טונקעלע אויגן איז געוואָרן טיפער, האָט דער־ציילט, אַז איבער הונדערט טויזנט אַרבעטער טראָגן פייגעלעס נאָמען אויף די ליפּן. ס׳איז געגוג, זי זאָל זיך באַווייזן אויף אַ פּלאַטפאָרמע און דער המון ווערט ווילד פון פרייד. און דאָ, אין די צימערלעך אויף קאַנעל־סטריט, באַווייגט מען פייגעלען. די אייגענע מאַמע איז זיכער, אַז נאָך דער טאָכטער וועט קיין זכר נישט בלייבן.

— וואָס, פייגעלע, אָנוואַרעמען די מילך? — האָט די מוטער

געפרעגט און אַוועקגעלייגט הינטער דער טאָכטערס פּלייצעס אַ קישן.

— יאָ, מאַמע, — האָט פייגעלע מיט די אויגן צוגערופן דעם פאָטער און געוויזן לעבן זיך אויפן בעטל, — זעץ זיך, טאַטע.

זרח האָט זיך צוגעזעצט. די קראַנקע האָט אַריינגעלאָזט איר קליינע האַנט אין דער רויטער, געדיכטער באָרד, צעפּלאָנטערט מיט די קאַלטע שפּיץ-פינגער די פאַרקניפּטע האָר און געפּילט ווי פלאַמען שפּאַרן זיך איר אין האַלז אַריין, טראָגן פאַרביי שטיקער פון איר לעבן.

צו צוואַנציק יאָר, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון דער „פעדעריישאָן אָוו לייבאָר", האָט פייגעלע זיך אַריינגעריסן אין מיטן זאַל און גענומען דעקן דעם אַלטן גאָמפּערס. זי האָט אים אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַריין, פאַר הונדערטער דעלעגאַטן, אַז ער, גאָמפּערס, איז אַ שדכן, דער שטענדיקער שדכן צווישן אַרבעטער און ביזנעסלייט. און גערעדט האָט זי מיט אַזאַ ברען, געשאָטן דעם עולם הייסע קוילן אונטער די פיס, אַז אַלע האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די פּלעצער. די געוויק-סיקע קוילן-גרעבער, די צעוואַקסענע שטאָל-אַרבעטער, האָבן געעפנט מויל און אויערן, געקוקט אויף דעם קליינעם יידישן מיידל, ווי אויף אַ וווּנדער. גאָמפּערס אַליין האָט זי אַרויפגעבעטן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

ווען איז דאָס געווען? און איצט?

די שטיקער לעבן זענען ביי איר געשטאַנען אין האַלז, אין מויל, נישט געלאָזט אָטעמען. פייגעלע האָט זיך צעהוסט, לאַנג און טרוקן, ווי אַלץ אין איר וואָלט געווען אָנגעשפּאָלטן. דאָס איבערגע-בליבענע ביסל לעבן האָט זיך פאַרזעצט אין די אויגן, אין די צע-פלאַמטע באַקן. און אַז דער הוסט האָט נאָכגעלאָזט, איז די רויטקייט אָפּגערונען פון די באַקן און ס׳פּנים איז געבליבן ליגן אויפן ווייסן קישן ווי אַ מאַסקע פון קיט.

זרח, אַן אומבאַהאָלפענער, האָט ער געטוליעט צו זיך די טאָכ-טער, נישט געוווּסט פאַר וועמעס זינד זיליידט. און ס׳איז אים אַלץ אינאיינעם קשה געווען:

— אויב די וועלט איז יאָ באַשאַפן געוואָרן מיט אַ „בית", וואָס איז פאַרמאַכט פון דריי זייטן און אָפן פון דער פערטער, דער מענטש זאָל קאָנען אַרויסגיין פון דער וועלט צו יעדער צייט, זאָל קאָנען

אַוועקגיין פונעם לעבן, ווען אים אַליין ווילט זיך, — טאָ פאַרוואָס גייט ער נישט, דער מענטש? וואָס קלײַאָמערט ער זיך צום אייגענעם אומגליק?

— זאָגסט עפּעס, טאַטע? — האָט פייגעלע אָנגעשטעלט אויפן פאָטער אירע אויגן, וואָס זענען שוין ווידער געווען ליכטיק.

— איך? — האָט זיך זרח אַ רגע פאַרלוירן, געשראָקן, צי פייגעלע האָט נישט אַרויסגעלייענט זיינע מחשבות, און אַ זאָג געטאָן:

—כ'זינג דעם ראַדזימינער רבינס זמר: — „אינז האָבן דאָך אַ טאַטן אין הימל"...

1930

# מלמדים

שוין אַ חודש ווי בײַ שלמהן, דעם גמרא־מלמד פֿון דער תּלמוד־תּורה „עץ־חיים”, זענען אָפּגענומען געוואָרן דער לינקער פֿוס און די לינקע האַנט. ער איז געלעגן אין בעט און געהאַלטן אין איין אויספּרובירן צי דער רעכטער פֿוס און די רעכטע האַנט דינען אים נאָך. די שרעק, אַז ער קען שלאַקרירק ווערן, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט בײַטאָג, בײַנאַכט, איז געשטאַנען אין מוח ווי אַ קנופּ מיט אַ שלייף, וואָס קען זיך צו יעדער צײַט פֿאַרציען און אויפֿשלייפֿן. דער לינקער האַלבער גוף, אַ קאַלטער, אַ שטאַרער, האָט געשווערט אויפֿן רעכטן, וואָס איז וואַך געווען ווי קוועקזילבער.

די פּאָר שעה ביז מיטאָג, ווען שלמה איז געבליבן אײנער אַליין אין שטוב, זענען געווען די שווערסטע. די צוויי טעכטער, מאַניע און אסתּר, מיידלעך אין די דרײַסיקער, האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין אָוונט. דער מלמד איז געווען זיכער, אַז ווען נישט באַקאַנטע פֿון דער תּלמוד־תּורה, וואָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן דורכן טאָג, איבערגעבעט ס׳געלעגער, דערלאַנגט עפּעס אין מויל אַרײַן, וואָלט ער שוין לאַנג אויסגעגאַנגען.

ס׳איז געווען שבת פֿאַרנאַכט. אַ דראָבנער רעגן האָט יעדע ווײַלע אָנגעקלאַפּט אין די שויבן און איז אָפּגעשפּרונגען.

לעבן קראַנקן זענען געזעסן וואָלף, דער גבאי פֿון דער תּלמוד־תּורה, און זרח שוסטער. דער גבאי איז געווען אַ באַלייבטער מיט אַ קופּערנער באָרד, ווי אַ פּאַנצער. דער שוסטער — לאַנג און שוואַרץ ווי אַ דראַטווע. בײדע זענען געווען אָנגעדראָדלט, נישט צופֿרידן מיט דער וועלט. און ס׳איז שווער געווען צו דערגיין, צי זיי ערגערן זיך דערפֿאַר, וואָס ס׳האָט מיטאַמאָל גענומען שטאַרקער רעגענען, צי דערפֿאַר,

וואָס קעגנאיבער דער תּלמוד-תּורה האָבן קאָמוניסטן געעפנט אַ שול, וווּ מען זיצט אין די בלויזע קעפּ און מען שרייבט אום שבת.

— פאַרשטייסט, שלמה, — האָט דער גבאי אַ הייב געטאָן די באָרד, אַ פיר געטאָן איבער איר מיט די פינגער, און ס'קול, אַ פאַר-ביטערטס, איז, דאַכט זיך, אַרויס פון דער באָרד, נישט פון מויל, — די קאָמוניסטן זענען ביי מיר ערגער ווי מיסיאָנערן... זיי ווילן ס'גאַנצע ביסל יידישקייט עוקר-מן-השורש זיין... אויס תּורה, אויס „לעריגיע", אויס גאָט... מיט איין וואָרט — הפקר!

— דאָס טענע איך שוין לאַנג. — איז שלמהס וואַקסן פּנים מיטן אָפּגעשאָסענעם בערדל לענגער געוואָרן.

— ווען כ'האָב צו מיר נאָך היינט (כ'בין שוין קרוב אַ פופצי-קער) אַפאָר „סמאָלע-קעפּ", — האָט דער שוסטער זיך געריבן די טרוקענע, ביינערדיקע הענט, — וואָלט איך זיי געוויזן, וואָס הייסט שרייבן אום שבת!

— און מען דאַרף זיך טאַקע אַ נעם טאָן צו זיי. — איז די באָרד ביים גבאי רויטער געוואָרן.

— מיר האָבן מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק איינגעשטילט די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געמאַכט בעלער אום יום-כּיפּור, — איז דער שוסטער געוואָרן ריידעוודיק. — ווען מיר זיי, די קאָמוניסטלעך, אויך איינשטילן!

— און דו, שלמה, — האָט דער גבאי אַ זאָג געטאָן צום קראַנקן, — דאַרפסט דעם יינג, וואָס גייט שטענדיק אָן אַ היטל, דעם לערער מיין איך, דעם פּושע-ישראל דאַרפסטו פון שטוב אַרויסיאָגן!

— ווען כ'בין געווען ביים געזונט, האָב איך אים נישט געקאָנט אַרויסיאָגן, — האָט ס'קול ביים חולה זיך געצויגן ווי צעיוירן טייג, — ווילט איר כ'זאָל עס היינט טאָן?

— צו וועמען שדכנט ער זיך, צו דער עלטערער? — האָט דער שוסטער געפרעגט.

— כ'ווייס... פרעגט מיך בחרם...

— די לייט שדכנען זיך דען? — האָט דער גבאי זיך אַ שטעל געטאָן.

— ווילט נאָר, ר' שלמה, האַק איך אים אונטער אַ פוס. — האָט

זרח ווי איינגערוימט אַ סוד. — אַ לופּט אים אין די אויגן אַריין!

דער חולה האָט געשוויגן. ער האָט געוווסט, אַז מיט שלאָגן וועט מען דאָ גאָרנישט העלפן. ער האָט נאָך געשלאָגן אין פּוילן, געטריבן די יינגען פון הויז. איצט, ווען די טירן זענען ביי אים אָפן, קומט קיינער נישט.

אַז דער גבאי מיטן שוסטער זענען אַוועק, איז שוין געווען פינצטער אין יישוב. דער רעגן האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין פענצטער, געוואָלט אַריין. דער געזונטער האַלבער גוף, וואָך ווי אַ שוואָם, האָט אַריינגעצויגן אין זיך ס׳לעצטע ביסל חיות און איבער די קאַלטע הענט און פיס איז געקראָכן דער טויט.

---

שלמה האָט איינגעדרימלט, נישט געהערט ווי די טעכטער זענען אַהיימגעקומען, פאַרמאַכט די טיר פונעם שלאָפצימער.

די יינגערע, אסתר, איינגעהילט אין אַ שאַל, איז געזעסן ביים טיש איבער אַ בוך. די עלטערע, אין אַ קאָלירטן סוועטער, איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, געקוקט אַ פאַרביטערטע אויפן רעגן און איז געווען זיכער, אַז הערשל וועט אין אַזאַ וועטער נישט קומען.

די עסיקע קעלט האָט דורכגענומען, געשווידערט.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט אים אָפּוואַרטן ביים אָפענעם פענצטער? ס׳איז דאָך אַ קעלט אין שטוב! — האָט די יינגערע אַ שאַר געטאָן פון זיך ס׳בוך, — הערשל וועט אין אַזאַ וועטער נישט קומען!

— ער וועט קומען.

— לאָמיר זיך וועטן אַז נישט.

— דיר אויף צעפלאַצעניש וועט ער קומען!

— שוין געהערט, שוין געהערט, — האָט די יינגערע צוגעהאַלטן די אויערן, — פאַרמאַך ס׳פענצטער. מען קאָן דאָך נישט איינזיצן פון קעלט.

— וועסט נישט געפרוירן ווערן!

— מיר איז קאַלט. — האָט אסתר זיך אַ לאָז געטאָן צום פענצטער, עס געוואָלט פאַרמאַכן.

— ס׳פענצטער וועט זיין אָפן.

— וועט מען זען!

אסתּר האָט זיך געריסן צום פענצטער. מאַניע האָט זי אָפּגעשטופּט.

— וואָס קנייפּסטו, וואָס?

— וועסטו וויסן ווי מיר צו דערגיין די יאָרן, דו שטיק...

דער חולה האָט זיך אויפגעוועקט, גענומען טרייבן פון זיך מ׳ט דער רעכטער האַנט, מיטן רעכטן פוס דעם טויט, וואָס איז נאָר־וואָס געזעסן ביי אים אויפן האַרץ.

— ווער וויינט? מען רייסט זיך שוין פאַר די קעפּ... מען קען זיך נישט צעטיילן מיט די פיר ווענט, מיטן דלות, מיט הערשלען, וואָס גלויבט נישט אין גאָט? מאַניע... מאַ—אַניע?!

— וואָס, טאַטע? ווילסט עפּעס?

— וואָס וויינט זי?

— קיינער וויינט נישט. ס׳האָט זיך דיר אויסגעדאַכט.

— טאָ ווער איז דאָרט? הערשל?

— ער איז נאָך נישט געקומען.

די טאָכטער האָט דעם חולה אויפגעזעצט, אים אויסגעקעמט מיט די פינגער דאָס שיטערע בערדל, די נאַסע האָר, וואָס זענען געווען צוגעקלעבט צום שטערן. דעם קראַנקן איז געוואָרן לייכטער און ער האָט אַ פרעג געטאָן די טאָכטער:

— ביי הערשלען אין שול שרייבט מען טאַקע אום שבת?

— דאָס איז די איינציקע זאָרג דיינע, טאַטע? זאָג בעסער צי דו ווילסט עפּעס עסן?

זי איז שוין געווען אין קיך, האָט זיך געפּאָרעט אַרום אויוון, און זיך געערגערט, פאַרוואָס זי האָט אָפּגעשפּילט אַ חתונה דער שוועסטער.

צווישן דעם קלימפּער פון רעגן האָבן זיך יאָרן פאַרבייגעטראָגן, זיך געפלאָכטן אין אַ געוועב, ווו די עקן פון די פעדעם זענען נישט געווען פאַרקניפּט, האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעצויגן, נישט געוואָרן.

עס האָט זיך געהערט אַ קלונג.

ביידע שוועסטער האָבן גענומען צורעכט מאַכן זיך די האָר, זיך ווישן די אויגן. זיי האָבן איבערגעלייגט און פאַרגעשטעלט פאַר־

שידענע זאַכן, שטומע זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אַ פּאַנטאָמינע.

מאַניע האָט געעפנט די טיר.

— הערשל! און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט נישט קומען! ס׳רעגנט שטאַרק?

— וואָס הייסט כ׳וועל נישט קומען? — האָט נישט בלויז ס׳מויל ביי הערשלען גערעדט, נאָר דער נאַסער קאָפּ, ווו די שוואַרצע האָר האָבן געבלישטשעט, געווען אָנגעשאָטן אין פינגערלעך, אין רינגעלעך— וויל ס׳שפּריצט אַ רעגנדל? און אַז ס׳וואָלט געגאָסן מיט צעבערס וואָלט איך נישט געקומען?

— הערסט, אסתר, — האָט מאַניע אָנגעכאַפּט די שוועסטער ביי אַ האַנט, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, — וואָס האָב איך געזאָגט? זי שווייגט? ניין, זאָל זי זאָגן! האַ, אסתר?

אסתר האָט געשמייכלט:

— מאַכן טיי?

— יאָ, אסתרל, — און מאַניע האָט אַ כאַפּ געטאָן הערשלען ביי די הענט, — דער טאַטע האָט מיך נאָר-וואָס געפרעגט, צי ביי דיר אין שול שרייבט מען אום שבת?

— וואָס מאַכט ער, דער טאַטע? — און הערשל איז אַריין צום חולה, וואָס האָט געגעסן פאַרינע מיט מילך — גוט-וואָך, ר׳ שלמה, ווי פילט איר?

— נענטער ווי ווייטער. — האָט שלמה געגעבן דער טאָכטער ס׳ליידיקע וואַזעלע.

דער גמרא-מלמד האָט געקוקט אין הערשלס ווייכע, יידישע אויגן, נישט געגלויבט, אַז דער בחור, וואָס קוקט נאָך היינט אַריין אין אַ ספר, זאָל זיין אַ קאָמוניסט, נישט געגלויבט, אַז דער הערשל, וואָס האָט אים נאָר-וואָס געזאָגט „גוט-וואָך", זאָל וועלן ס׳גאַנצע יידישקייט עוקר-מן-השורש זיין.

די משא פונעם איינגעשלאָפענעם האַלבן גוף איז לייכטער געוואָרן. שלמהס חיות איז נאָך נישט אויסגעלאָפן, ער דאַרף נאָך עפּעס דורכפירן אין לעבן. נישט געווג זיך דורכצורעדן מיט הערשלען, שלמה דאַרף אַרויסזאָגן פון אים דעם נישט-גוטן, ווי מען טרייבט

אַרויס אַ דיבוק... דאַרף אים ווייזן, אַז יידן האָבן שוין איבערגעלעבט נישט איין המן, נישט איין גזרה...

שלמהס וואַקסענער פּנים האָט געקראָגן מראה. דער טרויער אין די אויגן איז געוואָרן טיפער. דער חולה האָט אַוועקגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן בעט, אָנגעוויזן הערשלען אַ פּלאַץ:

— זעץ זיך צו אַביסל.

1929

# געלעכערטע הויזן

דער פאַרנאַכט אַ געלבלעכער האָט זיך געזופּט דורך די שויבן פון די צוויי ברייטע פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן פאַרשנייטן קלערמאָנט-פּאַרק. דער לעצטער זון-שימער האָט זיך אויף אַ רגע פאַרפלאָנטערט אין די שויבן, און אַ מאַטער, וואַרעמער שיין, ווי דער שיין פון אַ וואַקסן ליכט, וואָס האַלט ביים אויסגיין, איז אַ פאַל געטאָן מיט אַ צאַפּל אויף די שווערע שטיקער מעבל, אויפן רויטן טערקישן טעפּיך, אויף סעם גילדינען, דעם אייגנטימער פון אַ קליידער-שאַפּ.

סעם גילדין, נישט קיין הויכער, אַ דאַרער, וואָס איז געזעסן אין אַ לעדערנעם פאָטעל, האָט אויסגערויכערט אַ האַלבן סיגאַרעט, אים פאַרלאָשן מיט צוויי פינגער און גלייך פאַררויכערט אַ נייעם. די הויט אויף זיינע שמאָלע הענט, אויפן פנים, און דער עיקר אויפן געשנירלטן שטערן, איז געווען אי ברוין, אי געלבלעך, ווי דורכגענומען מיט רויך. ער האָט עטלעכע צי געטאָן פונעם סיגאַרעט, אַרויסגעלאָזט די קרייזלעך רויך מיט אַ סאַפּען און אַ זאָג געטאָן דורך די קוים צעעפנטע ליפן:

— דו אויך? דו, וואָלף, סטרייקסט אויך? וואָס האָב איך ד י ר שלעכטס געטאָן?

ביים טיש, אַ צען טריט פון גילדינען, איז געזעסן זיין ייִנגערער ברודער וואָלף. איין פוס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן עק שטול און דער צווייטער — פאַרטיק אַוועקצוגיין. אויפן וועג, גייענדיק צום רייכן ברודער, האָט וואָלף אָפּגעמאַכט אים צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. זיי זענען טאַקע לייבלעכע ברידער. סעם האָט וואָלפן מיט דעם ווייב מיט די צוויי קינדער אַראָפּגעבראַכט פון פוילן, זיי געהאַלטן ביי זיך

אַ וואָך צייט, דערנאָך האָט ער אים, וואָלפֿן, אַריינגענומען אין שאַפּ אַריין. אין שאַפּ איז וואָלף געוואָרן אויס ברודער, איז געזעסן ביי אַ ביי-מאַשין, ווי הונדערטער אַנדערע „הענט", האָט קוים אויסגעאַרבעט אויף היונה. וואָס פֿאַר אַ ברידער זענען זיי, ווען סעם טוט אים אַ טובה, אַז ער רעדט מיט אים אויס אין שאַפּ אַ וואָרט? און אַז ער, וואָלף, קומט צום רייכן ברודער אַמאָל אַ יום-טוב, טרינקט ביי אים אויס אַ גלעזל וויין, איז וואָס? און נישט נאָר דאָס האָט וואָלף זיך געקליבן אים זאָגן! דעם שאַפּ מיט די עטלעכע הונדערט ביי-מאַשינען, דאָס אייגענע הויז, די אויטאָמאָבילן — דאָס אַלץ האָט סעם צוגענומען ביי די אַרבעטער. און אין אַזאַ פֿאַל וואָלט ער, וואָלף, נישט בלויז קיין ברודער, נאָר אַ לייבלעכן פֿאָטער וואָלט ער אויך נישט פֿאַרטיי-דיקט. ער וואָלט אים געזאָגט, דעם פֿאָטער: טאַטע, ווו איז יושר? דאַרפֿן טאַקע עטלעכע הונדערט מענטשן פֿראַצעווען, כדי דו, טאַטע, זאָלסט וווינען אין אַ פּאַלאַץ, זאָלסט פֿאָרן אין אויטאָמאָבילן?

אין הויז אָבער ביי סעמען האָבן זיך די אַלע טענות אַ רוק געטאָן פֿון וואָלפֿן. די שטיקער מעבל, דער רויטער טעפּיך, די ווייטע פּיאַנאָ-קלאַנגען, וואָס האָבן אַרויסגעפּלייצט פֿון סופֿיט, און דער עיקר, די רחבות, וואָס האָט געוואַרעמט, נישט געלאָזט נאַכט ווערן — דאָס אַלץ האָט ווייכער געמאַכט דעם כעס, צוגענומען ביי וואָלפֿן ס׳לשון.

ער האָט זיך געדרייט אויפֿן עק שטיל, געקוקט ווי דער פֿאַר-שנייטער קלערמאָנט-פּאַרק מיט די ווייסע ביימער קריכן אין די פֿענצ-טער. ער האָט געקוקט ווי סעם פֿאַרמאַכט ס׳לינקע אויג, חשבונט מיטן רעכטן, ווי זייער פֿאָטער האָט געהאַט אַ טבע צו טאָן, און ס׳האָט אויף וואָלפֿן אַ בלאָז געטאָן מיט די יינגל-יאָרן, מיטן ריח פֿון שטעטל, פֿון הויף, פֿון שטוב, פֿון פֿאָטערס טלית-זאַק.

אַ גרויסע שטוב הינטער דער שטאָט. דער פֿאָטער, דער ברודער און ער, וואָלף, זענען געשלאָפֿן בייטאָג. ביינאַכט האָבן זיי „גע-שוואַרצט" פֿון פּרייסן אַלטע רעק, רעשטקעס זיידנס, און זעלטן ווען געגעסן צו דער זאַט. ווינטער האָט מען די שטוב נישט געקאָנט דער-הייצן. פֿון די אָפֿענע פֿעלדער האָבן קאַלטע ווינטן זיך געריסן אין די טירן, אין די לאָדנס, גאַנצע נעכט געוויינט אין קוימען. וואָלפֿן האָט דערעסן דאָס „מולכעריי" און ער איז אַוועק אויף דער לער צו אַ

שניידער. די ברידער האָבן זיך גענומען דערווייטערן. אַנדערע וועגן, אַנדערע חברים, אַנדערע ריחות. און אַז די ריחות האָבן איצט אַ בלאָז געטאָן מיט דער היים, מיט די אַלע נפשות, וואָס זענען געבאָרן גע-וואָרן ערגעץ אין פעלד, אין אַ גרויסער, טוכלער שטוב, האָט ער, וואָלף, פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט דאָס אַלץ צונויפמישן מיט סע-מען, וואָס האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ. הונדערטער מענטשן דערעסן נישט, דערשלאָפן נישט, אַבי סעם זאָל פאָרן אין אויטאָמאָבילן, זאָל ווינטער קאָנען אַוועקשיקן די משפחה קיין פלאָרידע.

— וואָס זיצסטו ווי אַ נעבעטיקער? — האָט סעם זיך אַ רוק גע-טאָן מיטן פּאָטעל צום ברודער — כ'רעד דאָך צו דיר!

— כ'הער.

וואָלף איז געוואָרן דרייסטער. ער האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין שטול און איז געווען גרייט אויסצוהערן נישט דעם ברודער זיי-נעם, נאָר דעם „באָס", גילדינגען.

— אַז די אַרבעטער ווילן כ'זאָל זיך טיילן מיט זיי, פאַרשטיי איך, — האָט סעם אַרויפגעלייגט זיין וואַרעמע האַנט אויף וואָלפס קני, — אָבער דו, וואָלף, דיר האָב איך דאָך קיין שלעכטס נישט געטאָן?... געשיקט דיר דריי שיפסקאַרטן, דיך אַריינגעזעצט אין פיר צימערן, ווען אין מלאָווע האָסטו געוווינט אין אַן אַלקערל... און פאַר די פינף יאָר ביסטו נאָך קיין טאָג נישט געגאַנגען ליידיק... אַז ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט, מען לייגט אָפּ „העגט" — דו אָבער אַרבעטסט!

— נישט ווייל כ'בין דיינס אַ ברודער, סעם.

— האָסט דען אַנדערע מעשים-טובים?

— אַרבעטן דאָך ביי דיר מעלצער און טעווקין, ווילד-פרעמדע, אויך אַ גאַנץ יאָר?

— זיי מאַכן דאָך „סעמפּלס"!

— און וואָס טו איך? דו מיינסט אַוודאי, אַז כ'בין ביי דיר אַ קעסט-קינד? וואָס פאַר אַ קרוב בין איך דיר אין שאָפּ? און אַז ס'גייען דורך וואָכן און מיר זעען זיך נישט, ס'גייען דורך חדשים און מיר רעדן קיין וואָרט נישט אויס. האַלטסט מיך, ווייל כ'בין אַ גוטער בעל-מלאכה!

— און אַז יאָ?

— טאָ לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן יושר! — האָט וואָלף זיך אַ שטעל געטאָן.

— איז וואָס, וואָלף, קומסטו מאָרגן אין שאַפּ אַריין?

— ניין!

— האָסט טאָקע מורא פאַר די יוניאָן־„שטאַרקע״? — האָט סעם זיך אויך אויפגעשטעלט. — אויב די יוניאָן האָט „שטאַרקע״, האָב איך „גענגסטערס״, וואָס קאָנען פאַרשטעקן די שטאַרקע אין אַ זייטיקער קעשענע, און מורא צו האָבן דאַרפסטו נישט.

— ווער האָט מורא? — האָט וואָלף אַ הייב געטאָן מיט אַן אַקסל, ווי ער וואָלט עפּעס פון זיך אָפּגעטרעסלט. — כ'האָב נישט מורא!

— פאַרוואָס דען ביסטו אויך קעגן מיר? — האָט סעם פּרובירט איינעמען וואָלפן. — קעגן אַ לייבלעכן ברודער? גלויבסט אויך, אַז איך בין דיר אַ שונא?

— צי כ'גלויב, צי כ'גלויב נישט, — האָט וואָלף צענומען די הענט, — נאָר אויב יאָ רעדן יושר, איז דאָס אַלץ, דיין גאַנץ עשירות, נישט דיינס!

— וועמעס דען איז עס? דיינס? — איז שווער געווען צו כאַפּן, צי סעם שפּאַסט, צי ער איז ערנסט. — דו האָסט אויך צוגעלייגט דער באָבעס ירושה צו מיר? וואָס הייסט ס'איז נישט מיינס? ווער איז נישט געשלאָפן קיין נעכט? דו, צי איך? וועמען האָט געדרייט דער מוח, ווען כ'האָב געדאַרפט צאָלן אַ וועקסל און אין קאַסע איז קיין סענט נישט געווען? אַלץ איך! טאָ וואָס איז שייך זאָגן — נ י ש ט מ י י נ ס?.. זאָג, זאָג, וואָלף... צי ווייטער דעם פּיזמון — ס'הויז, דער שאַפּ, אַלץ איז גנבה, אַלץ איז גזלה! דאָס האָב איך, סעם, דער גזלן, אָוועקגערויבט ביי דיר, ביי טעווקינען, ביי יעדן לויזיקן שלעפּער! האָסט אפשר חשק, וואָלף, כ'זאָל זיך טיילן מיט דיר? זאָג, שותּף מיינער! איז קודם כל גיב מיר צוריק דעם חוב! אויב מיר זענען יאָ שונאים, דאַרף איך דיר נישט שיקן קיין שיפסקאַרטן!

— האָסט שוין נישט איינמאָל אָפּגענומען פאַר די שיפסקאַרטן!
— האָט וואָלף, צי פון כעס, צי פון היץ אין צימער, צעקנעפּלט אויף זיך די וועסט.

— איך?

— יאָ, יאָ, — האָט וואָלף געכומען טייטלען אויף די שטיקער מעבל, אויפן טעפּיך, — מיט פּראָצענט האָסטו אָפּגענומען! ס׳הויז, ס׳מעבל... דעם ביסן, וואָס דו שלינגסט אַראָפּ... אומעטום ליגט אונזער שוויס, אונזער בלוט!

— אַוודאי האָב איך באַגזלט! כ׳האָב ביי דיר צוגענומען די גע־לעכערטע הויזן, וואָס דו האָסט געבראַכט פון מלאָווע?

— זע נאָר, ווי דאָס נעמט זיך איבער מיט די גאַנצע הויזן! — האָט וואָלף געכומען גיין אויפן ברודער מיט אַזאַ רוגזה, אַז סעם האָט אָנגעהויבן זיך רוקן אויף צוריק. — וועסט דיר שוין באַלד אויך איינ־רעדן, אַז ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ פּאָר הויזן? פאַרזיכער איך דיר, אַז מען וועט דיר די הויזן אַפילו אין קבר אַריין נישט מיטגעבן!

— האָסט שוין דיינס אָנגעשריען, אָפּגעשאָלטן, — האָט סעם צו־געפירט דעם ברודער צו דער טיר און זי ברייט אָן עפן געטאָן, — ווי לאַנג מיין נאָמען איז סעם, וועסטו ביי מיר נישט אַרבעטן מער!

— ביסט נישט דער איינציקער הונט, סעם!

— אַרויס! — האָט סעם אַ הייב געטאָן אַ האַנט און מיט אַ קלאַפּ פאַרהאַקט הינטער וואָלפן די טיר. — אַ ברודער? אַ הונט, נישט קיין ברודער!

וואָלף איז געגאַנגען מיט קלערמאָנט־פּאַרק. דער מאַנטל, דער ראָק, ס׳וועסטל — אַלץ צעקנעפּלט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, צוגעברומט זיך אַ ניגון און איז געוואָרן אויפגעהייטערט מיטן גאַנג, מיט די פּאַרק־לאָמפּן, וואָס האָבן זיך דאָ, דאָרט געגומען צינדן.

1931

## חברים

אין דער קעלער-שטוב אויף דער אייזן-גאַס האָט זיך דער פרי-מאָרגן אָנגעהויבן מיט אַפּאָר שעה שפּעטער. די גאָרנדיקע ווענט, אָפּגעקראָכענע, פּיר-עקיקע, האָבן געשוועט מיט זייער פינצטערער גרייס, ווי אַ מתים-קאַסטן, נישט צוגעלאָזט די זון ביז מיטאָג.

באַוווינט דעם קעלער האָבן טרעגער, מוליאַרעס און פאַרדעכ-טיקע פאַרשוינען, וואָס דער טאָג האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן מיט דער נאַכט. אַ ייד האָט דאָ געקענט אויסגיין ווי אַ ליכט, און פונדעסטוועגן האָט לייזער שוסטער זיך איינגעלעבט מיט די גויים, יאָרן געלאַטעט זייערע שיך.

די טיר ביים שוסטער האָט זיך געעפנט. דער ווינטיקער פראָסט, אַ צעשויבערט-ווייסער, האָט זיך אויף אַפּריער אַריינגעריסן, אויסגע-פרוירן דעם ריח פון אַ גערייסטער ציבעלע, דעם שטאַרקן ריח פון פאַרבריטן „ביר-ליים". דער ווינט האָט מיטגעשלעפּט לייזערן מיט צוויי זעק קוילן גרעסער פון אים און צוגעהאַקט די טיר מיט אַזאַ רציחה, אַז די שייבלעך האָבן זיך צעקלימפּערט אין די פענצטער.

דער שוסטער האָט אַ וואָרף געטאָן די קוילן אין מיטן שטוב. די כלים אויפן ווערקשטעל האָבן אונטערגעטאַנצט. ער האָט אַ וויילע אַריינגעהויכט אין די שטייפע פינגער און געסאַפּעט:

— גיי דערשלאָג זיך צו אַ פּירל קוילן, אַז ס'איז אַזאַ יקרות!

מיט אַ בלאָז האָט ער אויסגעלאָשן ס'לעמפּל, וואָס האָט געברענט אויפן ווערקשטעל, און זיך צעבייזערט אויפן געזעלן:

— מיינסט אַוודאי, אַז דער געוועלבניק גיט נאַפט בחינם!

דער געזעלן, אַ פאַרסמאָליעטער, האָט נישט געענטפערט, ווי דער מיינסטער וואָלט אים נישט געמיינט. ער האָט זיך באַקוועמער

אַרייַנגעזעצט אין דעם פּלאַטשיקן דרייפוסיקן שוסטער-בענקל, אָנגעטאָן אויפן „הימלשטויסער" אַ צעפּאָרענעם שטיוול, געשיקט פאַרקלאַפּט די נעגל אויפן אָפּצאַס און צוגעברומט:

„מיין ליבסטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן..."

— אַז ס'וויל נישט טאָג ווערן אין דער שיינער דירה. — האָט ס'ווייב, אַ קנויל לאַכעס, וואָס האָט פאַררייסט דעם קרופּניק מיט אַ ציבעלע, זיך אָנגענומען פאַרן געזעגן. — אַ מאַרדעוואַניע איז עס, נישט קיין דירה! כ'בין שוין באַלד בלינד און דו זשאַלעוועסט אַן עוקץ נאַפט! ביי אונזערע לאָקאַטאָרן ברענט די לאָמפּ אַ גאַנצן טאָג!

— געטראָפן אויף וועמען זיך צו פאַרקוקן. — האָט דער שוסטער אַראָפּגעשלעפּט פון זיך ס'פעלצל, צונויפגעשטיקעוועט פון ווייסע און שוואַרצע שמויסן. — פון ערשטן טאָג אָן הייבן זיי מיר נישט אָן צו געפעלן. און וואָס זיי טוען, ווייסטו? כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז ס'קומט מיר אויס צו בלייבן אין שטוב אָן דיר, נעמט מיך אַרום אַ פּחד. ווּינען יונגע מענטשן איבער דער טיר שוין באַלד אַ וואָך, און מען הערט קיין פּיפּס נישט. און זי איז גראָד אַ לעבעדיקע. קומט זי אַריין — איז אַ שטיף, אַ לאַך און ווי זיי טרעטן איבער די שוועל איז שאַ, ווי די מענטשן וואָלטן געזעסן „שבעה", צי געשלאָפן... אַז ווער ווייסט וואָס זיי טאָן דאָרט?

דער שוסטער האָט געהאַלטן פאַר איבעריק צו דערפירן מיטן ווייב אַ שמועס ביזן סוף. דאָ ווו ווערטער האָבן אויסגעפעלט, האָט ער מיט אַ קרום, מיט אַ הייב פון די אַקסל מבטל געמאַכט דעם ווייבס טענות. דערצו האָט דער קרופּניק פאַרשמעקט די שטוב, נישט געלאָזט איינזיצן, כאָטש לאָב זיך מיטן ריח.

לייזער האָט צעבונדן דעם זאַק קוילן, וואָס ער האָט געקויפט פאַר די לאָקאַטאָרן, און אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקער טיר:

— קוילן. פאַניע גראָס!

— אָט גיי איך.

אין דער געעפנטער טיר, איין מענטש זאָל זיך קאָנען אַרויסרוקן, איז געשטאַנען גראָס. די אַרבל פונעם גרויען העמדל פאַרקאָשערט. די האָריקע הענט אויסגעשמירט. ער האָט אַ רוק געטאָן די ברילן אויפן שטערן, זיך געריבן די שוואַרצע, פאַרזשמורעטע אויגן און זיינע גאָר

דינע נאָז-פליגל האָבן אויפגעציטערט. דער פעט-געשמאָלצענער קרופניק דאָס פריש-איינגעלייגטע קרויט, וואָס איז נאָך געווען אין הארביק, אין ביטערלעך, די איינגעווייקטע זוילן, וואָס האָבן געטריפט מיט דעמ-בענע קאָרע — די אַלע ריחות זענען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט זיי געקאָנט איינבייסן. גראָס האָט געבישטערט מיט דער נאָז, געשניפט, געוואָלט אויפכאַפּן אַ ווייטן גערוך, וואָס האָט אַן אָטעם געטאָן מיט היים, מיט קינדער-יאָרן. דער גערוך איז אים גלייך אונ-טער די פינגער צערונען.

נאָך אים האָט זיך אַריינגעשאַרט ס'ווייב, אַ יונגע, אַ בלאָנדע אָנגעטאָן פּשוט. די האָר אָפּגעצויגן איבערן שטערן ווי ביי אַ דאָרף-שיקסל. מיט חנהס אַריינקומען איז ליכטיקער געוואָרן אין קעלער-שטוב. זי האָט געהאַט וואָס צו זאָגן דער שוסטערקע, וואָס דעם שוס-טער, און די סומנע ווענט, וואָס האָבן אַפילו ווינטער געשמעקט מיט שוואָמען, זענען פול געוואָרן מיט געלעכטער.

דער געזעלן האָט אויפגעהערט זינגען. ער האָט געלאָזט ליגן אויף די קני דעם קלאַפּשטיין מיטן האַמער, אַ פאַרגאַפטער געקוקט אויף חנהן און זיין אויסגעשמירט פּנים האָט אויפגעלויכטן.

גראָס האָט מקנא געווען חנהן, וואָס זי קאָן זיך איינלעבן מיט יעדן איינעם, פילט זיך היימיש מיט מענטשן, און ער נישט. די אייגענע פיר ווענט, די אחריות פאַר דער אַרבעט האָבן געשטערט, האָבן אים אַזוי לייכט נישט געלאָזט איבערגיין פון איין סביבה אין דער צוויי-טער. די נאָז-פליגל האָבן ביי אים נאָך געציטערט, עפּעס געזוכט. ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש און סתם געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— דער פראָסט וויל גאָרנישט נאָכלאָזן.

— האַלט שוין אַזוי אָן די צווייטע וואָך. — האָט די שוסטערקע אונטערגעכאַפּט.

— אונז, פאַניע גראָס, אַלטע לייט, איז קאַלט, אָבער אייך,—האָט דער שוסטער אַן אויפגעהייטערטער געוויזן אויף חנהן, — מיט אַזאַ יונג ווייבל טאָר נישט קאַלט זיין!

— הערסט, דוד? — האָט חנה זיך אָנגעשפּאַרט אָן מאַן, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, און ער, אַ פאַרליבטער, האָט איר געגלעט איבער די אָפּגעצויגענע האָר.

גראָס האָט באַצאָלט פאַר די קוילן און מיט איין האַנט אַ הייב געטאָן דעם זאַק:

— עפן די טיר, חנה.

די טיר האָט זיך נאָכן פּאָרל פאַרמאַכט, און ווי זיי האָבן אי־בערגעטראָטן די שוועל, איז ביי ביידן יעדער זכר פון אַ שמייכל אויסגעפרווירן.

גראָס האָט אויסגעווישט די ברילן. ער האָט אויסגעזוכט אין די בייגעלעך פּאַפּיר ווו ער האַלט און זיינע פינגער האָבן זיך געטראָגן איבערן קעסטל זאַץ. ער האָט פלינק אַרויסגעצויגן אותיות, שפּילעוו־דיק זיי אויסגעשטעלט אין שורות און געהאַט די פרייד פון אַן אַר־בעטער, וואָס גראָבט זיך אין שוואַרץ־ערד, איז זיכער, אַז דאָרט ווו זיינע הענט וועלן זיך צורירן, וועט עפּעס אַרויסוואַקסן.

חנה האָט זיך געשטעלט הייצן אַן אייזערן אייוועלע. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און דורך די שפּאַלטן פון די פייערקעס האָבן זיך געשפּאַרט פלעמלעך, געלעקט אַ בלעכן ראָנדעלע, ווו מילך האָט זיך אויפגעוועלט.

די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך כמעט ווי נישט געקענט. פאַר די זעקס טעג, וואָס מען איז אָפּגעווען אין קעלער־אַלקער, איז נישט אויסגעקומען צו רעדן וועגן זיך. יעדער טאָג — אַ שטיק מסירת־נפש. מען האָט געלעבט מיט דער פּאַרטיי, מיט בלעטלעך, מיט פּראָקלאַמאַ־ציעס, וואָס מען האָט אַליין געזעצט, געדרוקט און פונאַנדערגעפירט. און אַז גראָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, געדאַרפט אָפּפאָרן די טעג קיין ניו־יאָרק, איז וואָס? מיט אַ וואָך קריק האָבן זיי זיך סיי־ווי נישט געקענט. די פּאַרטיי האָט זיי צונויפגעפירט, די פּאַר־טיי וועט זיי צעשיידן. חנה דאַרף מאָרגן אַוועקפירן פּראָקלאַמאַציעס קיין לאָדזש, איבערמאָרגן — קיין ביאַליסטאָק. און ער, גראָס, וואָס איז צוגעבונדן צו דער פּאַרטיי־אַרבעט, ווי אַ פויער צום שטיקל ערד, ער וועט דאָרט אין ניו־יאָרק אויך אַקערן און זייען.

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אַרבעט איז אַ קללה? אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד, ווען דער מענטש קען אַרויסרעדן פון דער אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. די פרייד ווערט געבוירן מיטן מענטש, מיטן טאָג, מיט יעדן שטיקל פּראַצע. די פרייד איז אויך געווען אין גראָסן,

און פונדעסטוועגן איז אים קיין זאַך נישט איינגעגאַנגען. אַרום די מויל-ווינקלען האָט זיך פאַרקליבן אַ ווייטער, בלאַסער ריח פון גרינס, אָן אַ נאָמען, און געמאָנט, שטאַרק געמאָנט אַ גאַנצן פרימאָרגן. זאָל עס האָבן געווען דער קרופניק מיט די פלאַמפלעצלעך, וואָס האָבן פאַרשמעקט די שטוב? חנהס אַוועקפאָרן? צי גאָר יענער ווייטער גע-רוך, וואָס האָט מיטגעבראַכט די קינדער-יאָרן, זיי צעלייגט אויף חד-שים, וואָכן, טעג, און אַלץ אַזוי קלאָר און בולט, מיט יעדן קנייטשל, מיט זיין אייגענעם ריח און נאָך-טעם.

גראָס האָט מיטאַמאָל אַ שאַר געטאָן פון זיך אַן אויפגעזעצטע פראָקלאַמאַציע און דערלאַנגט חנהן די בייגעלעך פאַפיר:

— איר האָט עס געלייענט?

— כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ס׳געפעלט מיר נישט. — האָט חנה אָנגעגאָסן צוויי גלעזער קאַווע.

— וואָס הייסט ס׳געפעלט נישט? — האָט גראָס זיך איינגעביסן אין אַ פליטש געבייטלט ברויט מיט פוטער — אַז ס׳איז גאָר קיין לשון נישט, ס׳טויג נישט! מען שטעלט איין ס׳לעבן ביים דרוקן, ביים צע-טיילן. דער אַרבעטער שטעלט איין ס׳לעבן ביים לייענען די פראָק-לאַמאַציע, דאַרף זי כאָטש געשריבן ווערן מיט מענטשיש בלוט, נישט מיט קיין וואַסער!

— אָנשרייבן אַ פראָקלאַמאַציע קען „יוסף". — האָט חנה אַרויס-געזאָגט דעם נאָמען, ווי אַ פרומער ייד זאָגט דעם „אחד". — ווייסט איר כאָטש, אַז אַלע פראָקלאַמאַציעס, וואָס אונזער צעקאַ האָט אַרויס-געלאָזט, האָט ער, „יוסף", געשריבן?

— צי איך ווייס? — האָט חנהס פנים געקראָגן מראה — כ׳האָב דאָך מיט אים געאַרבעט אין קיעוו, אין ווילנע.

— ווייסט איר אפשר זיין אמתן נאָמען?

זי האָט נישט געענטפערט, בלויז אַ קוק געטאָן אויף גראָסן מיט פאַראיבל, וואָס ער פרעגט. גראָס איז שוין געשטאַנען איבערן קעסטל זאַץ. ער האָט גענישטערט, זיך געפאָרעט, געשלעפט אותיות, זיי אויס-געשטעלט אין ווערטער, אין שורות.

די אַרבעט האָט געשלונגען טעג, וואָכן, חדשים, איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיט דער צייט. די פאַרטיי-אַרבעט האָט אויך די

זעקס טעג דאָ אין קעלער איינגעשלונגען, און אַז דער זיבעטער טאָג איז שוין געלעגן טיף אין דער נאַכט, האָט גראָס אַראָפּגעדרייט די קנויט אינעם נאַכט־לעמפּל און ער האָט זיך גענומען אויסטאָן. ס׳האָט אים געקוועלט, וואָס חנה פאָרט פאַרטאָג אָפּ קיין לאָדזש, וואָס זיי וועלן זיך מן הסתם מער נישט זען, וואָס ער ווייסט אַפילו נישט איר ריכטיקן נאָמען.

אַ נאַסע קעלט האָט שפּאַצירט איבערן אַלקער. טריט האָבן זיך דערוויטערט. דאָס האָט דעם שוסטערס וואַנט־זייגער אויסגעקלאַפּט — טיק־טאַק, טיק־טאַק. שטיקער נאַכט, וואָס זענען געלעגן אונטערן טישל, אונטער די שטולן, האָבן געוואַרט מען זאָל אויסלעשן ס׳לעמפּל, זיי זאָלן אַרויס פון די באַהעלטענישן.

גראָס האָט געטראַכט וועגן די חברים, וואָס זענען געזעסן אין פּאַוויאַק, אין ציטאַדעל. ער האָט זיי אָנגערופן ביי די נעמען. ער האָט אויך געטראַכט וועגן זיין רייזע קיין ניו־יאָרק, וועגן חנהן, וואָס האָט אויסגעוואַרעמט ס׳בעט. פאַר די אויגן איז געלעגן וואַרשע׳ ס׳האָבן זיך געצויגן ווייסע פעלדער, פאַרשנייטע וועלדער, געפירט אין שטעטל אַריין, ווו טאַטע־מאַמע האָבן זומער געהיטן די גערטנער און ווינטער געהאַלטן אויפן בוידעם, אין שטוב, ווו נאָר אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ, בערג ציבעלעס, קרענץ קנאָבל.

גראָס האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט. דער הויף איז פול גע־וואָרן מיט קולות. ער האָט אויסגעלאָשן ס׳לעמפּל און איז צו צום פענצטער. דורך די צעשפּאָלטענע פענצטער־ראַמען האָט זיך געזיפּט אַ זילבער־פּרעסטל, געבליבן קלעבן אָן דער וואַנט. צוגעפרוירענע טירן האָבן געקרעכצט, שניי האָט געסקריפּעט, מיטגעבראַכט אָפּגע־האַקטע קולות:

— ר׳שלאָגט שוין ווידער ס׳ווייב, דער שיכור?

— ווי די הינט אַזוי רייסן זיי זיך!

— אַזאַ גרינע אוגערקע!

די קולות האָבן זיך דערווייטערט, זענען נישט געוואָרן, האָבן טיפער געמאַכט די שטילקייט. גרינלעכע שטיקער לבנה־ליכט האָבן זיך געריקט אין די פענצטער.

גראָס האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אונטער דער קאָלדרע.

אַ וואַרימקייט האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, איינגעהילט דעם דורכגעקעלטערטן גוף און די ליפּן האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— אַן אוגערקע, אַזאַ גרינע אוגערקע.

אַ ריח, אַ דינער, אַ ווייטער, דער ריח פון אַ גרינער, פרישער אוגערקע, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג עפּעס געמאָנט ביי אים, האָט איצט אין דער פינצטער געקיצלט די נאָז-פליגל, דעם גומען, דערציילט, אַז יעדער דור, יעדער מענטש, יעדע געשעעניש האָבן זייער ריח.

גראָס האָט פאַרמאַכט די אויגן:

ער יאָגט זיך נאָך דינהן. ער דרייט זיך צווישן בייטן, לויפט, שפרינגט, כאַפּט דינהן פאַרן צאָפּ. צעפלאַמטע שטייען זיי ביים שכן אין פעלד. גראָס קוקט זיך אַרום צי מען זעט נישט. ער רייסט אָפּ איין אוגערקע פאַר זיך, אַ צווייטע פאַר דינהן, ווישט זיי מיט דער פאָלע פון רעקל. ציין בייסן זיך איין אין דער גרינקייט, שוימען אויף. אויגן זענען פול מיט גאָלד און זילבער, וואָס דער טאָג שפּרייט מיט אַזאַ רחבות, און פון די בייטן, פון די פעלדער, פון אַלע פלאַנצן גייט אין דיר אויף אַ זוניקע פרייד.

ווען איז דאָס געווען? מיט זעקס? מיט זיבן? מיט אַכט יאָר קריק? די אַכט יאָר, דאַכט זיך, זענען שוין לאַנג צעבּרעקלט, צע-שטויבט. די אַכט יאָר וואַלגערן זיך ערגעץ אין בוידעם-שטיבלעך, אין אַלקערלעך, אין תפיסות. איז אָבער גענוג ס'זאָל אַ ווינטל טאָן אַ ריח, אַ ווייטער ריח, און די יאָרן לעבן אויף.

גראָס איז געלעגן אויפן פּאָרענטש. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער נאַכט, מיט די אייגענע הענט, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּרייסן פון די געלענקען, געוואָלט אַ בלאָנדזשע טאָן. דער הילצערנער פּאָ-רענטש האָט זיך אַריינגעשניטן אין לייב. גראָס האָט זיך אָפּגעבעטן ביי דער נאַכט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין נאָמען, קיין געשטאַלט. ער האָט געטענעט, אַז ס'לעבן איז נישט זיינס. ער האָט עס אַוועק-געשאָנקען דער פּאַרטיי, טאָ וואָס וויל מען פון אים? וואָס לאָזט מען אים נישט איינליגן? וואָס פלאַמט אַזוי די קאָלדרע? וואָס שלאָגט זי מיט אור-ריחות, וואָס אַז מען אָטעמט זיי איינמאָל איין, טראָגט מען זיך מיט זיי אַרום דאָס גאַנצע לעבן. און אפשר פּרובירט מען איב

אויס? אַ גוטער פּאַרטיימאַן דאַרף בייקומען יעדן נסיון. זענען דאָך געווען מקובלים, וואָס האָבן זיך דווקא אַזוי נאָך באַפרייט פון דער „קליפּה", וואָס האָט זיי געמאַטערט. די מקובלים האָבן זיך געלייגט מיט איר אין בעט אַריין, אַזוי — אויג אויף אויג, פּנים צו פּנים — בייגעקומען די „קליפּה", זי אויסגעמאַטערט.

די עקשנות איז אין גראָסן געוואַקסן, געווען בלינד צו חנהס שטומען צער, וואָס איז געלעגן עטלעכע שפּאַן פון אים. ער האָט אַ צי געטאָן די קאָלדרע איבערן קאָפּ. איינגעגראָבן ס'פּנים אין קישן און נישט געוווּסט צי ס'אייגענע האַרץ קלאַפּט, צי חנהס, צי דאָס טיקט אַזוי דעם שוסטערס וואַנט-זייגער, וויגט איין:

— טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק.

ווער מאָנט? גראָס? חנה? צי אפשר גאָר ביידע מיטאַמאָל? האַ? פירט נישט דער מענטש אַ שטענדיקע מלחמה מיט דער נאַטור, שטעלט זיך איר אַנטקעגן? נאָר חיות לעבן אויף דער וועלט צו ברענגען אַנדערע. און דער מענטש? דער מענטש דאַרף זיך פריער באַפרייען. און דערנאָך? דערנאָך, דערנאָך...

— טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק.

מיטן שפּראָצן אויף טאָג — אַ ווייסער, אַ קאַלטער — האָט חנה אָנגעטאָן אַ קראַקאָלן היטל, אַ פוטערנעם זשאַקעט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּריצישע טאָכטער.

גראָס איז נישט איינגעשטאַנען. די ברילן-שייבלעך זענען ביי אים פאַרלאָפן, האָבן געקוקט אויף חנהן, ווי דורך אַ נעפּל:

— חנה, איר וועט זיין שפּעט.

— אָט גיי איך.

זי האָט אים געגעבן אַ ווייכע, וואַרעמע האַנט. זי האָט זיך אַ בייג געטאָן, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, און ס'ערשטע מאָל זיך צעקושט מיט אים.

אַ געריירטער האָט גראָס געעפנט די טיר צום שוסטער, דורכ־געלאָזט חנהן.

— פאַניע גראָס, — האָט דער שוסטער זיך אַ הייב געטאָן פון הינטערן ווערקשטעל, — אַזאַ שווערע וואַליז? נישט פאַר אירע כוחות!

— גיט, גילדענע, גיט. — האָט די שוסטערקע אַ נעם געטאָן ביי

חנהן די וואַליז און געזוכט מיט די אויגן דעם געזעלן. — ווו איז ער, דער יינג?

— אָט בין איך!

און אויפגעהייטערטער האָט דער יינג אַ נעם געטאָן מיטביידע הענט די וואַליז, ווי מען נעמט אַ קינד. ער האָט געשאַרט מיט די שטיוול איבערן איינגעטראָטענעם שניי, געאָטעמט מיט שטיקער פאַרע, צוגעברומט:

„מיין ליבסטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן...“

און אַז חנה איז שוין געזעסן אין דער דראָשקע, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

— פאָרט געזונט.

1931